YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i17

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 17
May 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 17)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/50

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. 1. PRICE 3 CENTS New York, Friday, May 9, 1919. פרייטאג, דער 9טער מאי, 1919. No. 17

דער סיגנאל צום קאמפף!

סטרייק אדער ניט? דאס איז די פראגע, וועלכע עס שטעלט זיך איצט דער קלאוק-מאכער. עס איז איצט די רייהע אן איהם צו ענטשיידען, וואס ער זאל טאן.

די פיהרער, פון זייער זייט, האבען אלעס געטאן, וואס זיי האבען געקאנט. זיי האבען פארגעלייגט פאר די באסעס די פאדערונגען, וואס זיינען אויסגעארבייט געווארען פון דער גאנצער יוניאן. זיי האבען פאר זיי ארגומענטירט מיט דעם גאנצען כח פון זייער גרויסער בארעדזאמקייט, און געטאן אלעס וואס מענשען מיט א געפיהל פון שטאלץ און מענשענווירדע קענען נאר, אום צו מאכען פארשטעהן די באסעס די גערעכטיגקייט און די אונבאדינגטע נויטווענדיגקייט פון די געשטעלטע פאדערונגען.

עס האט אבער ניט געהאלפען. שוין ביי דער ערשטער פאדערונג האבען זיך די באסעס פאר'עקשנ'ט, און אלע אפגעהאלטענע קאנפערענצען האבען זיך אויסגעלאזט מיט גארניט.

די פיהרער פון דער יוניאן האבען דארום געקאנט און געמעגט גלייך רופען די ארבייטער פון די שעפער צום קאמפף. ווייל די פיהרער האבען דאך פארהאנדעלט מיט די באסעס נאר ווייל זיי זיינען געווען אינסטרואירט פון דער יוניאן. די פיהרער האבען געהאט דעם מאנדאט פון צוויי אפשטימונגען, סיי פון דער לעצטער קאנווענשאן אין באסטאן, און סיי פון א פארגענומענעם רעפערענדום-וואוט. די פיהרער פון דער יוניאן האבען דארום געהאט דאס פולסטע רעכט צו רופען גלייך די ארבייטער אין קאמפף. אבער זיי האבען עס ניט געטאן, און האבען באשלאסען נאך אמאל איבערגעבען די פראגע אין די הענד פון די ארבייטער. זאלען זיי נאך אמאל האבען די מעגליכקייט צו באשליסען: אויב אלעס זאל בלייבען, ווי עס איז געווען ביז איצט, אדער עס זאל אויפגעמישט ווערען א גאנץ נייע בלאט אין דעם לעבען און שטרעבען פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

און לויט דעם באשלוס פון די פיהרער, וואוטען איצט די צעהנדליגע טויזענדע קלאוקמאכער איבער דער פראגע: יע, אדער ניט סטרייקען.

* * *

מיר קענען, נאטירליך, ניט וויסען גאנץ גענוי, ווי גרויס עס וועט זיין דער וואוט פאר א סטרייק. לויט אלע סמנים אבער, וועלען די ארבייטער אין זייער גרויסער מאיאריטעט שטימען פאר א סטרייק. זיי וועלען עס שוין טאן דערפאר, ווייל די באסעס האבען זיי דאך ניט איבערגעלאזען קיין אנדער ברירה. און דאן איז דאך קלאר, אז אויב די אלע פאדערונגען פון די ארבייטער צו די באסעס זיינען געווען גוט און וויכטיג גענוג זיי אויסצוארבייטען און זיי צו שטעלען, מוזען זיי זיין גוט און וויכטיג גענוג, אז מען זאל וועלען קעמפפען פאר זיי, ווען מען קען זיי ניט אויספיהרען מיט גוטען. עס איז קלאר, עס מוז זיין קלאר פאר יעדען קלאוקמאכער, אז ווען די באסעס האלטען די געשטעלטע פאדערונגען פאר אזוי געפעהרליך פאר זיי, אז זיי דערלאזען צו א סטרייק, כאטש זיי וויסען גאנץ גוט, אז קלאוקמאכער, ווען זיי סטרייקען, סטרייקען זיי ניט אויף קאטאוועס, דאן מוז עס זיין קלאר פאר יעדען קלאוקמאכער, אז עס איז ווערט צו קעמפפען דערפאר.

דאס שרייבען מיר ניט, אום צו באאיינפלוסען דעם וואוט. דער פאקט איז, אז איידער די ציילען וועלען געלעזען ווערען פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק, וועלען שוין די מייסטע פון זיי האבען געשטימט פאר אדער דאגעגען. מיר ווילען נאר דערמיט זאגען, אז דער שכל הישר איז אויף דער זייט פון א סטרייק, און אז דער אפגעגעבענער וואוט וועט זיך דאס מאל אויסצייכענען דורך זיין אינטעליגענץ, דורך זיין איבערלעגטקייט און דורך דאס פעהלען פון יעדער לײדענשאפט, וואס קען אמאל פארבלענדען דעם שכל. ווארים נאך קיין מאל זיינען די פאדערונגען ניט דיסקוטירט געווארען אזוי פלייסיג און פון פארשיעדענע שטאנדפונקטען און פאר אזא לאנגע צייט, ווי די, וועלכע די קלאוקמאכער יוניאן האט ארויסגעשטעלט.

* * *

מיר, פון אונזער זייט, אויף וויפיעל מיר קענען דעם סענטימענט פון די קלאוקמאכער, באטראכטען דעם סטרייק פאר א שוין באשלאסענע זאך. מיר זיינען דאך צו נאהנט צו די קלאוקמאכער, אז מיר זאלען ניט וויסען זייערע אמת'ע געדאנקען און געפיהלען. פאר אונז וועט דארום ניט זיין די מינדעסטע איבערראשונג, אויב זאגאר 90 פראצענט פון דער יוניאן וועט שטימען פאר סטרייקען. אבער פאר דער וועלט בכלל און פאר די באסעס בפרט, וועט דער אפגעגעבענער וואוט געוויס זיין א גרויסע איבערראשונג.

מיר וויסען, אז די באסעס האבען זיך איינגעשפארט און האבען דערלאזען צו א סטרייק, ווייל זיי גלויבען, אז זיי האבען גאר א היבשען צד פאר זייער שטעלונג אין די רייהען פון דער יוניאן גופא. זיי האבען געלאזט זיך אפנארען פון א פוסטען געשריי, פון א געשריי, וועלכער קומט פון א הייפעלע פאראינטערעסירטע פערזאנען אין דער יוניאן, אבער וועלכע רעפרעזענטירען בשום אופן ניט אפילו א גאנץ קליינע מאיאריטעט. אט אין דעם פונקט וועט דער וואוט זיין פאר זיי די שטארקסטע איבערראשונג. עס וועט זיך ארויסווייזען, אז הינטער אלע געשטעלטע פאדערונגען און פאר א סטרייק איז פאזיטיוו די גרעסטע מאיאריטעט פון דער יוניאן, און דאס נאר א קליין הייפעלע מענשען מיט וועמען קיין יוניאן, וועלכע האט נאר אין זיך דעם אמת'ן לעבענס-פונק, קען זיך ניט רעכענען, שטעהט פאר דעם אז אלעס זאל בלייבען אזוי, ווי עס איז, ניט באגרייפענדיג, אז דאס איז אונמעגליך, אז די קלאוקמאכער יוניאן, אלס א יוניאן, מוז אדער געהן פארווערטס, אדער געהן ריקווערטס, אז קיין שטילשטאנד קען דא ניט געמאלט זיין.

* * *

אנגעהמענדיג דארום, אלס מאסשטאב דעם געזונטען מענשענפארשטאנד ווי אויך די עקזיסטירענדע פארהעלטניסע, קען מען ניט קומען צו קיין אנדער שלוס, ווי דאס דער סטרייק איז שוין א באשלאסענע זאך. אויף דעם גרונד האט מאכט די דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סקוירט און ריפערמאכער יוניאנס, ווי אויך די גאנצע אינטערנעשאנאל אלעס, אלעס צוגעגרייט צום קאמפף. יעדער איינער האט זיין פלאן, זיין טעטיגקייט, און דאס וועט זיין דער בעסט-ארגאניזירטער און ביז אין די קלײנסטע אײנצעלהײטען אויסגעארבייטער קאמפף, וואס איז אמאל פארגעקומען אין דער ארבייטער-באוועגונג. דאס וועט ניט זיין א קאמפף, וואס שפרינגט ארויס ספאנטאן, אזוי, דאס זאגאר די פאדערונגען ווערען ערשט אויסגעארבייט אין דער צייט פון קאמפף, וואס דאס איז, אגב אורחא, אפט זעהר ניט מזל'דיג. ניין, דא איז אלעס פאר־אויסגעזעהן און אויסגעארבייט געווארען אזוי ווייט, ווי קלוגע, ווייטזיכטיגע ארבייטער פיהרער קענען נאר פאראויסזעהן און אלעס צוגרייטען. מעגליך, אז דערפאר וועט דער קאמפף, אפשר, ניט האבען דעם עלעמענט פון דאס אונערווארטעטע, דאס אונפארהאפטע, וואס איז אפט אזוי ספעקטאקעלדיג, אבער דערפאר וועט ער זיין דאס פעסטער, דאס ענערגישער און מיט דאס מעהר ארדנונג, אזוי, אז קיינער זאל ניט קענען טייטלען מיט די פינגער אויף די קלאוקמאכער, ווי אויף א ווילדען מאב.

* * *

די פיהרער פון דעם סטרייק דאס זיינען אונזערע אלטע, געניטע, קלוגע ארבייטער גענעראלען. מען דארף נאר דערמאנען זייערע נעמען, און ווערען איבערצייגט, אז זייער שטעהן אין פראנט פון קאמפף מיינט א זיכערער זיעג: ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל; מאריס זיגמאן, מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד; האלפערן, קאטלער, פיינבערג, וואנדער, אשפיז, סאפין, מעטץ, לאנגער, פינקעלשטיין, ווינער, באביש, ניסנעוויטש, ברעסלאוער און ווער קען זיי אלע אויסרעכענען?

וואס אנבעטרעפט די רענק-און-פייל, האבען דאך שוין פון לאנג די קלאוקמאכער אן עטאבלירטע רעפוטאציע פון שטארקע, אונערמידליכע קעמפפער. די פאדערונגען זיינען, אין דער אמת'ן גערעדט, געמעסיגטע, כאטש זיי מעגען אויסזעהן פון אויבען-אויף פאר די, וועלכע ווילען זיך ניט אריינטראכטען אדער האבען א קנאפען באגריף פון דער צייט, אין וועלכער מיר לעבען, אלס ראדיקאלע. ניין, די קלאוקמאכער פאדערען קיין זאך ניט, וואס זיי מוזען ניט פאדערען, אלס ארבייטער, אלס מענשען, וועלכע פיהלען זיך בארעכטיגט צו א שעהנעם, מענשליכען לעבען.

* * *

אלעס, אלעס רעדט דארום צו גונסטען פון א גרויסען קאמפף און נאך א גרעסערען זיעג, און אין דער ערווארטונג, דאס דער קאמפף וועט שוין אויסברעכען אין דעם משך פון די נעקסטע עטליכע טעג, נאך איידער עס וועט ערשיינען דער נעקסטער נומער פון אונזער „גערעכטיגקייט", רופען מיר צו צו די גרויסע קלאוקמאכער דיוויזיעס:

איהר זיינט ארויס אין א גרויסען און א גערעכטען קאמפף. איהר, פון אייער זייט, האט אלעס אנגעווענדעט, אז צו קיין קאמפף זאל ניט קומען, אבער די באסעס האבען ניט געוואלט זיך צוהערען צו אייערע גערעכטע קריוודעס און צו דעם שכל פון אייערע פאדערונגען, טו איז דאך אייך קיין אנדער ברירה ניט געבליבען, ווי צו געבען זיי דערפיהלען אייער מאכט, פארלאזען אייערע שעפער און ארויסגעהן אין קאמפף.

און וואס מיינט אייער איצטיגער קאמפף? דאס איז דער קאמפף פאר אייער יוניאן, דער קאמפף פאר אייער וואוילזיין, און פאר דעם וואוילזיין פון אייערע פאמיליען, דאס איז א קאמפף פאר א לענגערען און שעהנערען לעבען, ווי עס איז ביז איצט געווען אייער גורל, דאס אלעס מיינט אייער איצטיגער גרויסער קאמפף, און פון גאנצען הארצען רופען מיר צו צו אייך:

קעמפפט און זיעגט!

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 17 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך — ש. י. מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער.
זייט 3. ערשטער מאי פייערונג אין ניו יארק — א סטעף רעפארטער.
זייט 4. די קאאפעראטיווע באוועגונג אין אמעריקא — מ. קאלטשין. צוויי מיטינגען פון לאקאל 1 — פ. קאטלער.
זייט 5. דזשין סטאר אונטערמייער און איהר פאעזי — א. גלאנץ. שרה — אברהם'ס ווייב — דר. אסתר לוריע.
זייט 6. אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ביי דער ארבייט — ש. יאנאווסקי.
זייט 7. אונזער אמת'ע רעוואלוציע — ליליען וואלאך. דאס ווארט — מ. פערעלמוטער.
זייט 8. דער מאי יום טוב פון לאקאל 80 — ה. הילפמאן. איינגעבארג (ראמאן).
זייט 19. ראמאן. ערב סטרייק ביי די עמבראידערי ארבייטער אין ניו דזשוירזי.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיצביכעל.
זייט 11. דער צוזאמענברוך פון דער עקאנאמישער מאשין — דזשוליעס סטוארט פוינטץ.
זייט 12. לינקע און רעכטע — נ. בוכוואלד. אין פאלעסטינא — א. וואהלינער.
זייט 13. לייבעל — א. באביטש.
זייט 14. דער קריזיס און זיינע אורזאכען — א. ש. זאקס. יונג איז נאך רחל... — י. אדלער.
זייט 15. די פרויען-וועלט — ראזא בעדריס.
זייט 16. יוניאן באריכטען.
זייט 17. שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייטען 18 און 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. די נייע זומער-הוים פון [illegible]

א גרויסער אויפטו פון די לײדיעס ווייסט מאכער יוניאן

ערשט נאך אזא קאמפף, אין וועלכען יעדער טראפען ענערגיע איז דאכט זיך פארווענדעט געווארען, און שוין אזוי גיך געקומען צו זיך, אז זי קויפט א זומער־פלאץ פאר איהרע מיטגליעדער, אין וועלכען מיליאנערען האבען ביז איצט געלעבט! וואס פאר א גבורה, וויפיעל לעבען עס איז דא אין דער גרויסער ארגאניזאציע!

מיר שיקען אפ אונזערע לעזער און לעזערינען צו לייענען אויף דער לעצטער פיידזש די פראכטפולע שילדערונג פון דעם נייעם שטיק איינענטום פון דער לײדיס ווייסט מאכער יוניאן, און מיר זיינען זיכער, אז זיי וועלען, ווי מיר, שטוינען און וואונדערען זיך איבער דעם, וואס א גרויסע יוניאן קען אויפטאן.

און דערוייל, אפלייגענדיג אונזערע אנדערע געפיהלען און באטראכטונגען איבער דעם אויף שפעטער, גראטולירען מיר די גאנצע יוניאן, און די קאמיטע, וועלכע האט זיך דירעקט באשעפטיגט מיט דעם, — און מיר וויסען, וויפיל מיה און זארג דאס האט זיי געקאסט — צו זייער גרויסען וואונדערבארען אויפטו.

די יוניאן דענטאל און מעדיקאל קליניקס

פון דעם ערשטען מאי, 1919, ווערען די נויארקער לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנעל די אייגענטימער פון צוויי קליניקס, אין וועלכע טויזענדע ארבייטער ווערען יעהרליך באהאנדעלט.

פון א סטעף רעפארטער

עס איז איצט א צייט פון אומענדערונגען און א אומענדערונג איז אויך פאר־געקומען אין די יוניאן קליניקס, פון 31 יוניאן סקווער, וואס זיינען עטאבלירט גע־ווארען פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל" אין די קלאוק און סוט און ווייסט און דרעס אינדוסטריען.

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" האבען שוין אודאי באמערקט, איז אין דער צייטונג פון לעצטער וואך ערשינען א גרויסע אנאנסע וועגען אט דער אומ־ענדערונג אין די יוניאן קליניקס. די זעל־בינע אנאנסע ערשיינט אויך די וואך אויף א צווייטער זייט פון דער צייטונג.

דר. דזשארדזש מ. פרייז, דער די־רעקטאר פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, וועלכער איז די נשמה פון דער גאנצער אינסטיטוציע האט אונז, ביי דער געלעגענהייט, איבערגעגע־בען, אין קורצען נאטירליך, די געשיכטע פון די צוויי יוניאן קליניקס, דער מעדי־קאל און דענטאל, אונ איך גלויב, אז דאס וועט זיין גאנץ אינטערעסאנטע לעזע־שטאף פאר די לעזער פון די „גערעכטיג־קייט".

דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל איז געגרינדעט געווארען נאך'ן גרויסען דזשענעראל סטרייק אין 1910, ווי עס האט געפאדערט דער „פראטאקאל" אגרימענט וואס איז דאן געשאפען געווא־רען. די אינסטיטוציע איז געשאפען גע־ווארען אויפצופאסען דאס די קלאוק און סקוירט שעפער פון נויארק זאלען זיין ריין און „פייער־פרוף", און איז אויפגעהאל־טען געווארען בשותפות, פון דער קלאוק־מאכער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסס'ן. דר. דזשארדזש מ. פרייז איז נאכ־דעם אנגעשטעלט געווארען אלס דירעק־טאר פון דער גאנצער אונטערנעמונג.

ווען די זאך האט אנגעפאנגען צו ארבייטען אין דער פראקטיק האט מען זיך ארומגעזעהן, דאס צו היטען די שע־פער זאלען זיין ריין און ציכטיג איז נאך ניט גענוג. מען האט זיך באלד ארומגע־זעהן, דאס מען דארף אויך זיך צוקוקען אויף דעם געזונד־צושטאנד פון די ארביי־טער אין די שעפער. ווארים, אויב, למשל, אין א שאפ געפינט זיך איין ארבייטער בלויז וועלכער האט קאנסאמפשאן, און אפשטאל וויים ער אליין ניט אז ער האט עס, אדער ער ליידעט פון עפעס אנאנ־דער קראנקהייט וואס איז אנשטעקענד, שטעלט ער אין געפאהר אלע אנדערע אר־בייטער אין דעם שאפ, ווען אפילו, דער שאפ ווערט געהאלטען ריין און ציכטיג. מען איז אלזא געקומען צום שלום, דאס פונקט ווי עס איז נויטיג די שעפער זא־לען זיין ריין, ציכטיג און זיכער אין פאל עס ברעכט אויס א פייער, איז פונקט אזוי וויכטיג אויפצופאסען אויף דעם גע־זונד צושטאנד פון די ארבייטער אין די שעפער. אין יאהר 1912 האבען דאקטוי־רים, אונטער'ן אויפזיכט פון דר. פרייז, אנגעפאנגען אונטערזוכען דעם געזונד־צו־שטאנד פון די ארבייטער אין די „פרא־טאקאל"־שעפער. יענע מעדיצינישע אונ־טערזוכונגען האבען שוין אנגענומען דעם כאראקטער פון א „קליניק".

אין יאהר 1913 האבען דאקטוירים אין דעם קליניק אונטערזוכט 800 ארביי־טער פון קלאוק טרייד. נאך דעם יאהר איז דער קליניק רעארגאניזירט געווארען. אונ־זער פרעסער יוניאן לאקאל 35 האט דאן איינגעפיהרט קאנסאמפשאן־בענעפיט און נאכדעם אויך קראנקען־בענעפיט. אביסעל שפעטער האבען דעם זעלבען בענעפיט אויך איינגעפיהרט די פינישערס יוניאן, לאק. 9, און די סקוירט מאכער יוניאן לא־קאל 23. דאס האט געבראכט מיט זיך, דאס די נייע מיטגלידער וואס האבען גע־וואלט זיך אנשליסען צו דיזע לאקאלס האבען געדארפט פריהער זיך לאזען אונ־טערזוכען פון א דאקטאר, און דאס איז גע־טאן געווארען אין דעם מעדיקאל קליניק פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל".

ביסלעכווייז האט זיך די ארבייט פון דעם מעדיקאל קליניק אויסגעברייט. פון אנפאנג זיינען די אויסגאבען זיינע אין גאנצען געדעקט געווארען פון'ם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנ־טראל". שפעטער אבער, איז צוגעקומען דער איינקונפט וואס איז געצאהלט גע־ווארען פון די אפליקאנטען פאר די לא־קאלס 9, 23 און 35, וועלכע זיינען אונ־טערזוכט געווארען.

אויף דער לעצטער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל אין באסטאן איז באשלאסען געווארען איינצופיהרען קאנסאמפשאן בענעפיט אין יעדער לא־קאל פון דער גאנצער יוניאן, און דאס מיינט, אז יעדער נייער מיטגליעד וואס שלאגט זיך פאר אויפגענומען צו ווערען, מוז בפאר זיך לאזען אונטערזוכען פון א דאקטאר, און דאס האט, נאטירליך, א סך פארגרעסערט די טעטיגקייט פון דעם מעדיקאל קליניק. דאס האט געפיהרט צו דעם, דאס דער מעדיקאל קליניק זאל ארויסגענומען ווערען פון אונטער דעם שוץ פון'ם „דזשאינט באארד אוו סאני־טארי קאנטראל" און די דריי דערמאנטע לאקאלס, און דאס שטעלען אונטער'ן שוץ און קאנטראל פון אלע אינטערנעשיאנאל לאקאלס אין גרויס נויארק. און מיט א צוויי מאנאטען צוריק איז געגרינדעט געווארען די „יוניאן קליניקס אסאסיאיישאן", וועלכע באשטעהט פון די לאקאלס 1, 3, 6, 9, 10, 11, 17, 20, 23, 25, 35, 41, 46, 48, 50, 58, 62, 64, 66, 80, 82 און 90, — אלע אינטערנעשיאנאל לאקאלס אין גרויס נויארק. צו דער אסס'ן באלאנגט יעצט ניט נאר דער מעדיקאל קליניק, נאר אויך דער דענטאל קליניק. ביידע קליניקס שטעהן איצט אין גאנצען אונטער'ן קאנטראל פון דער אסס'ן, מיט דר. פרייז אלס דירעק־טאר און טשיעף. דאס גאנצע איינגענטום וואס איז אין די קליניקס אריינגעטאן גע־ווארען אין דער גאנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ איז איבערגעגעבען צו דער נייער יוניאן קליניקס אססאסיאיישאן און דאס אלעס באלאנגט איצט צו איהר.

די פאלגענדע פערזאנען זיינען ער־וועהלט געווארען אלס בעאמטע פון דער אסס'ן: ברודער ה. וואנדער פון לאק. 23, פרעזידענט; ברודער א. ע. קאוזאן פון לאק. 35, טרעזשורער; ברודער ס. דזש. רינגער פון לאק. 1, סעקרעטער; די ברידער זארעמסקי, דזש. קעסטין און ד. רובין זיינען ערוועהלט געווארען אין באארד אוו דירעקטארס. דאקטאר דזש. מ. פרייז, וועלכער, ווי שוין באמערקט, ארבייט פאר דער אינסטיטוציע זינט 1912, פארבלייבט דער דירעקטאר פון דער אונטערנעמונג.

דער מעדיקאל קליניק האט שוין איצט איינינע אפטיילונגען און טוט אויך א מאסע גוטע ארבייט. אט זיינען איי־ניגע ציפערען וועגען די מעדיצינישע אונ־טערזוכונגען.

אין יאהר 1912 זיינען געמאכט גע־ווארען בלויז 800 עקזאמיניישאנס; אין 1913 איז שוין געווען 1234; 1914 — 4712; אין 1915 — 5229; אין 1916 — 7226; אין 1917 — 3415; און אין 1918 — 5024. די גרעסטע צאהל עקזאמיניישאנס זיינען, אלזא, גע־מאכט געווארען אין יאהר 1916, אין דער צייט פון'ם צווייטען גרויסען סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטרי פון נויארק. אין איין טאג, דעם 11טען מאי פון יענעם יאהר זיינען געקומען 156 קאנדידאטען זיך לאזען אונטערזוכען, 656 דורך יענער וואך און 1705 דורך דעם גאנצען מאנאט. דאס איז דעמאלט געווען די גרעסטע צאהל מעדיצינישע אונטערזוכונגען אין דער געשיכטע פון דעם מעדיקאל קליניק. אבער דער היינטיגער יאהר צייכענט זיך אין דער הינזיכט נאך מעהר אויס. דורך די מאנאטען יאנואר, פעברואר און מערץ, 1919, זיינען אין דעם קליניק געמאכט געווארען 3229 מעדיצינישע אונטערזו־כונגען. די גרעסטע וואך איז געווען אין מערץ. די וואך וואס האט זיך געענדיגט מיט'ן 22טען מערץ זיינען געמאכט גע־ווארען 205 אזעלכע אונטערזוכונגען. דער יאהר וועט שוין אלזא, אריבערשטיי־גען דעם יאהר 1916.

צום מעדיקאל קליניק לענט מען איצט קיין געלד ניט צו; ער באצאהלט זיך אליין, עס בלייבט נאך אפילו איבער א שטיקעל פראפיט. ער האלט זיך אויף דערפון וואס יעדער קאנדידאט פאר א מיטגליד אין א לאקאל באצאהלט א דאלאר פאר דער מעדיצינישער אונטערזוכונג. ווען איינער, אדער איינע, וואס איז שוין א מיטגליד אין דער יוניאן לאזט זיך אונ־טערזוכען, קאסט עס בלויז 50 סענט. און די דאלארס מיט די 50 סענטיגע דעקען די אויסגאבען פון דעם מעדיקאל קליניק. דורך די מאנאטען יאנואר, פעברואר און מערץ פון דעם יאהר איז געווען די איינ־נאהמע פון דעם קליניק 2,888.40 דאל. און די אויסגאבען 1,645.30 דאל. די דריי מאנאטען צייגען, אלזא, א פראפיט פון 1,243.10 דאל.

וואס אמבעלאנגט דעם דענטאל קליניק, ווערט ער איצט קוים צוויי יאהר אלט. ער איז געעפענט געווארען דעם 7טען מאי, 1917. שוין דורך דער צייט האט אויך דער דענטאל קליניק זיך ארויסגעוויזען צו זיין אן ערפאלג. מען קאן זאגען, דאס אויך דער קליניק באצאהלט זיך שוין אליין. דורך די קנאפע צוויי יאהר וואס ער עקזיסטירט, האט דער קליניק אריינגענומען כמעט 22,000.00 דאלער, און דאס האט שוין באלד גע־דעקט אלע זיינע אויסגאבען. מען קען זיך אלזא, אויך אויף דעם ניט באקלאגען.

אין דער אנאנסע פון דער ניי־גע־גרינדעטער יוניאן קליניקס אסס'ן, וועלכע איז געדרוקט אויף אנאנדער פלאץ אין דער צייטונג, וועט איהר געפינען די שטונדען פון דער באשטימטער צייט ווען די מעדיצינישע אונטערזוכונגען ווערען געמאכט אין פארשיעדענע אפטיילונגען פון די צוויי יוניאן קליניקס.

די ספעציעלע אפטיילונגען אין דעם מעדיקאל קליניק ווערען געפיהרט פון קאמפעטענטע, באוואוסטע דאקטוירים, ספעציאליסטען אין זייער פאך. ווען א מיטגליעד פון דער אינטערנעשאנאל דארף זיך קורירען אויף עפעס אן ערנ־סטע קראנקהייט באקומט מען אין דעם קליניק א טריטמענט פאר 50 סענט אדער א דאלער, וואס וואלט געדארפט קאסטען פריוואט כמעט 5 דאלער.

דאס זעלבינע אויך אין דעם יוניאן דענטאל קליניק. עס ווערט געמאכט די בעסטע ארבייט צו א מעסיגען פרייז. דער דענטאל קליניק איז אונטער'ן אויפזיכט פון דר. לואיס ב. עליס, מיט א גאנצען סטעף קאמפעטענטע דענטיסטען.

ווי איהר זעהט, האט אונזער יוניאן אזוי נאך צוגעקראגען צוויי גאנץ וויכטי־גע אינסטיטוציעס, וואס זיינען פון גרויס נוצען פאר די מיטגלידער פון אונזער אינ־טערנעשאנעל.

דער עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25

א זיצונג פון'ם עקזעקוטיוו באארד פון די ווייסט און דרעס מייקער יוניאן, לאקאל 25, איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך אבענד, דעם 23טען אפריל, אין 210 איסט 5טע סט.

עס זיינען פארגעקומען וואהלען פאר טשערמאן פון'ם עקז. באארד פאר דעם קומענדען מאנאט, און שוועסטער דזשעני מעטיעס ווערט איינשטימיג ערוועהלט.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון דער „איידיעל ווייסט קאמפ." וועלכע האבען פריהער געארבייט ביי דער „בראדוויי ווייסט קאמפ.", גיט איבער צום עקזע־קוטיוו באארד אן ערקלעהרונג וועגען דער איצטיגער לאגע אין זייער שאפ.

נאכדעם ווי ברודער הארוויץ טיילט מיט דעם באארד די גענויע איינצעלהיי־טען וועגען דעם צושטאנד אין'ם דערמאנ־טען שאפ, ווערט ערוועהלט א קאמיטע פון דריי פערזאן, וועמען עס ווערט געגעבען די פולמאכט צו האנדלען אין דער דאזי־גער אנגעלעגענהייט.

דער באריכט פון דער דיסטריביו־שאן קאמיטע ווערט אויסגעהערט. אין דעם באריכט ווערט אנגעגעבען דער פלאן וועגען איינטיילען די שעפער, וואס ווע־רען קאנטראלירט פון דער יוניאן, אין פארשידענע דיסטריקטען, און עס ווערט אויך אנגעוויזען וויפיעל אנגעשטעלטע מען וועט דערצו באדארפען. די קאמיטע רעקאמענדירט אויך די פאסענדע מענשען פאר דעם אמט.

דער באריכט ווערט גאנץ גענוי דיס־קוטירט און גוט געהייסען. עס ווערט אויך באשלאסען אז בר. שאפירא זאל טראנס־פערירט ווערען אין דעם אססאסיאיישאן דעפארטמענט, און בר. רייזבערג אין איי־נעם מיט דער אפיס־קאמיטע ווערען אינ־סטרואירט צו טראנספערירען איינעם פון די ביזנעס־איידזשענטס אין דעם דאון־טאונער אפיס, אויפ'ן פלאץ פון בר. שא־פירא.

אויפ'ן פארלאנג פון בר. בוקטשין, וועלכער באקלאגט זיך, אז ס'איז אומ־מעגליך פאר איין מענשען צו אטענדען דעם גאנצען בראנזווילער דיסטריקט, ווערט באשלאסען, אז בר. דע־בעללא זאל צוגעשטעלט ווערען צום בראנזווילער אפיס און ער זאל אין די פרייע שטונ־דען ארויסהעלפען אויך אין'ם ברוקלינער דיסטריקט.

בר. יודעל שיקט צו א צושריפט אין וועלכען ער ציהט די אויפמערקזאמקייט פון'ם עקזעקוטיוו באארד אויף דעם איצ־טיגען צושטאנד בנוגע די אוט־אוו־טאון שעפער. דער עקזעקוטיוו באארד נעהמט אויף די פראגע און באטראכט ווייטערע פלענער אין באצוג צו דער דאזיגער אר־בייט.

עס ווערט אויסגעהערט דער באריכט פון דער דזשאינט קאמיטע פון ניין פער־זאן, וועלכע האט די אויפזיכט איבער די שעפער וואס זיינען נאך אין סטרייק.

פון'ם באריכט איז צו זעהן, אז פון צעהן ביז צוועלף טויזענד דאלער א וואך וועט נויטיג זיין צו פינאנסירען דיזע סטרייקס. דער באריכט ענטהאלט אויך איינינע פלענער וועגען דעם זאמלען פון א פאנד פאר דעם צוועק. די פלענער ווע־רען גוט געהייסען און אנגענומען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם באריכט פון דער דאזיגער קאמיטע פון ניין, מאכט בר. שעהנהאלץ, דורך א בריעף, אויפ־מערקזאם דעם עקז. באארד אויף דער ראטזאמקייט צו שיקען א קאמיטע צו דער זיצונג פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד אין פילאדעלפיא און דארט אויפ־נעהמען מיט דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד די פראגע וועגען דער ווייטערער פינאנציעלער באפעסטיגונג פון לאקאל 25.

דער עקזעקוטיוו באארד ערוועהלט צו דיזען צוועק א קאמיטע פון פיער פער־זאן, צו פאהרען צו דער פילאדעלפיער זי־צונג פון'ם גענעראל עקזעקוטיוו באארד. די ערוועהלטע זיינען: די ברידער לי־בערמאן, גוזמאן, שעהנהאלץ און שוועס־טער מאלי פרידמאן.

ברודער טוירק, אין'ם נאמען פון'ם טאקערס ברענטש פון אונזער יוניאן, לא־דעט איין די מעמבערס פון'ם עקזעקוטיוו באארד צו דעם קאנצערט און באל, וואס דער דערמאנטער ברענטש וועט האבען אין פראגרעס קאסינא, מיטוואך דעם 30טען אפריל. די איינלאדונג ווערט אנ־גענומען און ברודער טוירק ווערט בא־דאנקט פאר דער איינלאדונג.

די פראגע וועגען אן ערשטע מאי פייערונג ווערט אויפגענומען, און א קא־מיטע, באשטעהענד פון די ברידער קאהן, וואסילעווסקי, וויטאשקין און די שוועס־טער קלארא פרידמאן און פעני דזשאקעל ווערט ערוועהלט, אז זיי זאלען אין איינעם מיט ברודער שעהנהאלץ ארראנזשירען א קאנצערט פאר אונזערע מעמבערס אויפ'ן ערשטען מאי.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

א פינסטערע פאר־שווערונג

(שלוס פון זייט 1)

א פינסטערע פארשווערונג נעגען אליז, בשוה, וועלען זיי געוויס א טעות האבען. אין דעם מאמענט פון א געפאהר פאר דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג וועלען די אמת'ע פארטגעשריטענע ארביי־טער פארגעסען אן זייערע קליינע מינ־דערוויכטיגע שטרייטיגקייטען, און די פינסטערע פארשווערער וועלען באגעגע־נען א שטארק־פאראייניגטע מחנה, וועל־כע וועט זיין דאס שטארקער, ווייל זי האט קיינע אנדערע אינטערעסען, ווי נאר די אינטערעסען פון דער גאנצער ארביי־טער־באוועגונג.

מעגען דארום אט די פאררעטער פרו־בירען טאן זייער ערנסטעס; דער רעזול־טאט קען נאר זיין אזעלכער, וועלכער וועט העלפען דעם ווייטערען פארטשריט.

עס וועט מוזען פארקומען איינס פון די ביידע: אדער זיי וועלען קלעגליך דורכפאלען אין זייער קאנספיראציע, און דאן וועט די ארבייטער־באוועגונג ענדליך פטור ווערען פון זיי. אדער עס וועט זיי געלינגען ארויסצוטרייבען אלעס, וואס איז עהרליך, ראדיקאל און ענערגיש פון דער עקזיסטירענדער ארבייטער־באווע־גונג, דאן וועט זי במילא צופאלען פון איהר אייגענער פוילקייט, און אויף איה־רע חורבות וועט זיך ערהייבען א גרויסע, א מעכטיגע ארבייטער־באוועגונג, פאר וועלכער עס איז שוין לאנג צייט געווען אין אמעריקא, כדי זי זאל נים בלייבען די צוריקגעשטאנענסטע פון אלע ציוויליזירטע לענדער אין דער וועלט.

די פייערונג פון ערשטען מאי אין ניו יארק

פון א סטעף רעפארטער.

סאלדאטסקע פאגראמען אויף די אינסטיטוציעס פון פרייען געדאנק. — א גראנדיעזער מוני־מיטינג אין מעדיסאן סקווער גארדען. — אינטערנעשאנעל מיטגליעדער שטארק פארטראטען אויף דעם מיטינג. — דער מאי־פייער פון אונזערע לאקאלס אין טעאטערע און פארזאמלונגס־פלעצער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 9th, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער 1טער מאי איז לעצטען דאנערשטאג אין נויארק געפייערט געווארען אויף א גאנץ אנדער אופן ווי ער פלעגט דא אמאל געפייערט ווערען. עס זיינען ניט פארגעקומען קיינע גאסען־דעמאנסטראציעס, אויסער די „דעמאנסטראציעס“ פון עטליכע הונדערט הוליגאנעס אין יוניפארמס, וועלכע די ניו יארקער פאליציי האט ניט געשטערט צו מאכען פאגראמען אויף רוהיגע, פרידליכע מענשען, וואס האבען זיך פארזאמעלט אויף א גאנץ פרידליכען אופן צו פייערן דעם אינטערנאציאנאלען יום טוב, וואס זאגט אן דאס אנקומען פון א אמת'ער פארברידערונג פון די פעלקער איבער דער וועלט.

צוליעב פארשטענדליכע אורזאכען, אדער אפען גערעדט, צוליעב דער רעאקציע וואס הערשט יעצט אין דעם לאנד, האבען די נויארקער ארבייטער באשלאסען צו פייערן דעם 1טען מאי אונטער'ן דאך, דורך מיטינגען, קאנצערטען און אונטערהאלטען, און ניט ווי אין די פריהערדיגע צייטען, דורך א ריזיגער דעמאנסטראציע אונטער'ן פרייען הימעל.

איז דאך שוין דאכט זיך, גוט, האט דאך שוין דאס געדארפט צופרידענשטעלען די פינסטערע, רעאקציאנערע כוחות! אבער ניין, פאר זיי איז דאס אויך צופיעל געווען. אפילו אזא מאי־פייערונג האבען זיי אויך ניט געקאנט פארטראגען. הפנים, שוין דער געדאנק בלויז, אז די ארבייטער אין אמעריקא פייערען דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום טוב פון א אמת'ער פעלקער - פארברידערונג, עס מאכט ניט אויס אויף וועלכען אופן, דערצערנט יענע לייטע, פאראומערט זייער לעבען. און א פארזוך איז געמאכט געווארען צוצושטערן דעם ארבייטער יום־טוב, אין וועלכער פארם דאס זאל זיך דא ניט אויסדריקען.

און אט וואס ס'האט יענעם טאג פאסירט אין אונזער פרייען נויארק.

א געוויסע צאהל „באיס“, מען רעכנט אז עס זיינען געווען ארום 7—8 הונדערט, וועלכע האבען זיך נאר וואס צוריקגעקעהרט פון אייראפא וואו זיי האבען זיך געשלאגען, ווי פרעזידענט ווילסאן האט געזאגט "צו מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיע", האבען געמאכט א פארזוך, דא ביי אונז, די דעמאקראטיע צו דערשטיקען. ניט נאר האבען זיי געזוכט צו צושטערען, און טאקע צושטערט אויך, פרידליכע, דעמאקראטישע פארזאמלונגען, נאר זיי האבען פשוט געמאכט פאגראמען אויף די אינסטיטוציעס וואס פרעדיגען דעם פרייען געדאנק!

אין מיטען העלען טאג זיינען די צויושעטע סאלדאטען געלאפען פון איין פלאץ צום צווייטען מאכען פאגראמען, צ ו ש ט ע ר ע ן א י י ג ע נ ט ו ם, וואס דאס איז דאך איינער פון די גרעסטע פארברעכענס, און די פאליציי האט זיך ניט אריינגעמישט, זיי נאר ניט געשטערט אין דעם! דיזע בויאנעס זיינען דאריבער געווארען אלץ פרעכער און האבען זיך שוין ניט באנוגענט בלויז מיט צושטערען יענעמס אייגענטום, נור האבען אויך געשלאגען שוצלאזע מענער, פרויען און קינדער! אין דעם נייעם אפיס פון דער סאציאליסטישער צייטונג „די ניו יארק קאלל“, 112 — 4טע עוו., האבען זיי מערדעריש געשלאגען ווער עס איז זיי נאר געקומען אונטער זייערע הענד, מענער, פרויען און קינדער. א מיידעל, מיס קויפמאן, איז דורך דעם איבערפאל בלינד־געווארען. א יונגערמאן, מיט'ן נאמען, א. דאלמין, וועלכען די סאלדאטען האבען מערדעריש געשלאגען, איז ארויסגעשפרונגען דורך'ן פענסטער פון ערשטען פלאר און האט זיך צובראכען א פוס. און נאך אייניגע אנדערע זיינען שווער פארוואונדעט געווארען. די פאליציי האט אוועקגעקוקט און געלאזען די בויאנעס טאן וואס זיי האבען געוואלט. מען האט זיי געלאזען שענדען אמעריקא, איהר מאכען [illegible] צו שאנד.

נען אויף באפאלען די רענד סקול בילדינג, דעם רוסישען קלאב אין דער 15טער סט. דעם אפיס פון דער רוסישער צייטונג „נאווי מיר“ און נאך אנדערע אינסטיטוציעס וואו ראדיקאלע מענשען קומען זיך צוזאמען, און האבען אומעטום צובראכען און צושטאכען וואס זיי האבען נאר געקאנט.

אז דאס איז ניט געווען קיין צופעליגער אנפאל פון סתם סאלדאטען, נאר טאקע אן ארגאניזירטער פאגראם אויף די אינסטיטוציעס וואס פרעדיגען דעם פרייען געדאנק, קאן מען זעהען דערפון, וואס די באנדעס האבען געוואוסט וואו די אלע אינסטיטוציעס געפינען זיך און זיינען געגאנגען פון איין פלאץ צום צווייטען. מען קאן זעהן אז דאס איז געווען א געפלאנטע זאך, וואס איז ארגאניזירט געווארען פון די פינסטערלינגע אין אמעריקא, פון די רעאקציאנערען וואס ווילען פארוואנדלען אמעריקא אין א דעספאטיש לאנד.

די באנדעס סאלדאטען און סיילארס האבען אויך געשטערט דעם מאי־פייער פון דער „אמאלגאמייטעד“ אין מעדיסאן סקווער גארדען.

די גרויסע יוניאן פון די מענער־שניידער האט באשלאסען צו פייערן דעם 1טען מאי דורך א קאנצערט און מאססמיטינג דאנערשטאג, 1 א זייגער ביטאג, אין מעדיסאן סקווער גארדען.

אבער איידער דער קאנצערט האט זיך אנגעפאנגען זיינען אנגעקומען אויף גרויסע אטאמאבילען א פאר הונדערט סאלדאטען און מאטראזען און האבען געפאדערט דער גארדען זאל געשלאסען ווערען. עס האט נישט געהאלפען וואס מען האט די רוהע־שטערער ערקלערט, אז דאס איז א פארזאמלונג פון א יוניאן, פון א געזעצליכען פארבאנד וואס מעג זיך פארזאמלען, לויט די געזעצען פון לאנד. די הוליגאנעס האבען אבער געזאגט אז זיי שטעהן העכער פון'ם געזעץ און זיי וועלען דעם מיטינג צושטערען. ענדליך זיינען זיי אייגגעגאנגען אויף א פשרה, דאס זיי וועלען לאזען אנגעהן מיט'ן קאנצערט, עס זאלען אבער ניט געהאלטען ווערען קיינע רעדעס.

און די באנדע האט אויסגעפיהרט, עס זיינען קיינע רעדען ניט געהאלטען געווארען; דער מאי פייער־מיטינג איז פון זיי פארוואנדעלט געווארען אין א טרויער־מיטינג. די פאליציי האט דאס אלעס געוואוסט און געלאזען די הוליגאנעס בושעווען. די פאליציי האט זיי נאך צוגעהאלפען און דער רעזולטאט איז געווען, דאס כאטש קיין רעדען זיינען טאקע ניט געהאלטען געווארען, האט מען פיעלע ארבייטער, וועלכע האבען יענעם טאג פארלארען א טאג ארבייט אום צו פייערן דעם 1טען מאי, אין האל ניט אריינגעלאזען, כאטש זיי האבען געהאט טיקעטס און אין האל זיינען געווען לעדיגע פלעצער.

אלזא, דא האט די פאליציי גאנץ אפען ארויסגעוויזען אז זי האלט מיט די הוליגאנעס.

די נייעס פון דעם אלעם האט זיך גיך פארשפרייט איבער'ן שטאדט. עס האט ארויסגערופען גרוים ענטריסטונג צווישען אלע רעכטדענקענדע מענשען און די פאליציי האט זיך געכאפט אז זי האט שוין אביסעל צופיעל ארויסגעוויזען די פארטייאישקייט און האט זיך ענדליך גענומען טאן איהר פליכט. אגב האט זיך די פאליציי נאכדעם אליין דערשראקען פאר דעם רעזולטאט וואס קאן דערפון ארויסקומען וואו די צויושעטע סאלדאטען און מאטראזען זיינען געווארען וואס ווייטער אלץ פרעכער, און אין אווענד וואלט עס זיכער פיהרען צו גרויסע געשלעגען.

דעם זעלבען אווענד איז אין מעדיסאן סקווער גארדען אפגעהאלטען געווארען די מוני פראטעסט־פארזאמלונג, צו פאדערן א נייעם פראצעס פאר טאם מוני און זיינע חברים, און די סאלדאטען האבען, נאטירליך געוואלט די פארזאמלונג אויך צושטערען. דער מוני מיטינג איז אבער גערופען געווארען ניט פון סאציאליסטען און אויך ניט פון א אידישער יוניאן. דער מיטינג איז גערופען געווארען פון דער „סענטראל פעדערייטעד יוניאן“ און ווי באלד אויך דער מיטינג זאל צושטערט ווערען, וואלט דאך שוין דאס געווען צו גרינגען [illegible]

נים קאנען זאגען אז „די באיס“ זיינען געגען די „באלשעוויקעס“ און זיי צושטערען זייערע מיטינגען. מען וואלט דאך זעהן, אז זיי צושטערען אלע מיטינגען און זיינען געגען פרייע רעדע בכלל, האט זיך די פאליציי א נעם געטאן דעם מיטינג צו פארהיטען און ער איז טאקע ניט צושטערט געווארען.

אבער טאקע מיט דעם האט דאך די פאליציי אליין צוגעגעבען, דאס די פאגראמען פון ביי טאג האט זי ג ע ל א ז ע ן מ א כ ע ן. האבען מיר, הייסט עס, ביי דער פאליציי פון נויארק נאך אן עולה.

דער מוני מיטינג איז אלזא ניט צושטערט געווארען און איז געווען איינער פון די שענסטע פארזאמלונגען וואס ניו־יארק האט די לעצטע צייט געזעהן. דער מיטינג האט געטראגען א גאנץ רעוואלוציאנערען כאראקטער, ווי עס פאסט זיך פאר אן ערשטען מאי פייער. א חוץ דעם האט דער מיטינג ניט אפגעטראטען פון זיין פראגראם און גערעכטיגקייט פאר מוני, בילינגס און אלע וואס זיינען פארמישט אין דער פארשווערונג געגען דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין סאן פראנציסקא, איז געפאדערט געווארען אויף א זעהר ענטשלאסענעם אופן.

דער טשערמאן פון'ם מיטינג איז געווען ע־ווארד האנא, דער פרעזידענט פון דער סענטראל פעדערייטעד יוניאן און די הויפט רעדנער זיינען געווען דר. י. ל. מאגנעס און דער באוואוסטער ראדיקאל לאיער דאדלי פיעלד מאלאן. די צוויי דערמאנטע רעדנער זיינען אפילו ניט באוואוסט אלס סאציאליסטען אדער רעוואלוציאנערען, זייערע רעדען זיינען אבער געווען העכסט רעוואלוציאנער און זיינען פון דעם גרויסען עולם אויפגענומען געווארען מיט שטורמישע אפלאדיסמענטען, מיט גרויסע, הארציגע אוואציעס. אין א גאנץ שארפען טאן האבען די רעדנער געפאדערט מוני'ס און בילינגס באפרייאונג און איז איין וועג האבען זיי שוין אויך געפאדערט די באפרייאונג פון אלע פאליטישע ארעסטירטע אין אמעריקא, וועלכע שמאכטען אין די פריזאנס איבער'ן גאנצען לאנד, פאר זייערע ערהליכע מיינונגען און איבערצייגונג.

א חוץ נאך אנדערע רעדנער איז דער מיטינג אדרעסירט געווארען פון צוויי קרבנות, וועלכע האבען אליין שוין א סך געליטען פון דער סאן פראנציסקא'ער קאפיטאליסטישער פארשווערונג, און איבער וועמעס קעפ עס הענגט נאך צו עטליכע אנקלאגען, אין א פארברעכען וואס זיי זיינען ניט באגאנגען. דאס איז מרס. רענא מוני, די פרוי פון טאמאס מוני און ישראל וויינבערג, א זשיטני דרייווער פון סאן פראנציסקא. מרס. מוני און וויינבערג האבען דערצעהלט זייער ביטערע ערפארונג, די יסורים וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען פון דעם „פריים אפ“ וואס דער דיסטריקט אטארני מיט'ן טשיימבער אוו קאמערס פון סאן פראנציסקא האבען געמאכט געגען זיי און די אנדערע אנגעקלאגטע. און דיזע שילדערונג האט ארויסגערופען ביים עולם מרערען אין די אויגען. זיי האבען מיט ווארעמע ווערטער אויך גערדאנקט דער נויארקער ארבייטער באוועגונג פאר דעם גרויסען סופארט וואס מען האט זיי געגעבען.

אויף דעם מיטינג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען א רעזאלוציאן וואס פאדערט ענטוועדער א נייעם פראצעס, אדער די באלדיגע באפרייאונג פון מוני און בילינגס. די רעזאלוציאן לויטעט, דאס ווי באלד מוני און בילינגס וועלען ניט באקומען א נייעם טרייעל, אדער אין גאנצען באפרייט ווערען בעפאר דעם 4טען דזשולאי 1919, זאל יענעם טאג גערופען ווערען א גענעראל סטרייק איבער'ן גאנצען לאנד. און אויב דאס וועט ניט העלפען, זאל גערופען ווערען א צווייטער גענעראל סטרייק דעם קומענדען לייבאר דעי, און אויב דאס וועט אויך ניט העלפען און די מארטירער וועלען געהאלטען ווערען אין פריזאן, זאל גערופען ווערען א דריטער סטרייק דעם 19טען נאוועמבער. טאמער אבער, וועט דאס אלץ ניט העלפען, זאל דאן גערופען ווערען אן אלגעמיינער סטרייק פאר אן אומבאשטימטער צייט, ביז, הייסט עס, גערעכטיגקייט פאר מוני און די אנדערע אנגעקלאגטע וועט געגעבען ווערען.

דער באשלוס צו סטרייקען איז פון דעם גרויסען עולם אויפגענומען געווארען מיט דער גרעסטער באגייסטערונג. אלע [illegible]

און מינוטען לאנג „געטשירט“.

דער מיטינג האט זיך פרידליך געענדיגט און דער גרויסער עולם איז זיך צוגאנגען מיט א פעסטען באשלוס צו סטרייקען פאר מוני'ס פרייהייט, ער זאל דאך באקומען גערעכטיגקייט.

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין, איז דער מיטינג אינדארסירט געווארען פון'ם דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן און די קלאוק מאכער זיינען דארט געווען גאנץ פיין פארטראטען.

עס זיינען דארט אויך געווען מיטגליעדער פון די אנדערע ניו יארקער אינטערנעשאנאל לאקאלס, וועלכע האבען געפייערט דעם 1טען מאי אין מעדיסאן סקווער גארדען, פאדערנדיג גערעכטיגקייט און פרייהייט פאר די ארבייטער־מארטירער פון סאן פראנציסקא. די מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאנאל פארפעהלען קיין מאל ניט צו קומען צו א וויכטיגען מיטינג, ווען זיי ווייסען נאר אז זייער אנוועזענהייט איז נויטיג.

* * *

עס פארשטעהט זיך, דאס ניט אלע מיטגליעדער פון אונזערע לאקאלס זיינען געווען דעם ערשטען מאי אין מעדיסאן סקווער גארדען. מאנכע לאקאלס האבען נאך בעפאר געהאט ארגאנזירט מיטינגען, קאנצערטען, און אפילו באנקעטען און די מיטגליעדער פון יענע לאקאלס האבען געפייערט דעם ערשטען מאי אין זייער אייגענעם לאקאל.

ווי ווייט מיר ווייסען האט לאקאל 1 געהאט צוויי מיטינגען, איינעם אין בעטהאווען האל און א צווייטען אין הארלעם. ביידע מיטינגען זיינען געווען ערפאלגרייך.

די ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17, האט געפייערט דעם ערשטען מאי דורך א שענעם קאנצערט און „דענס“, אין סכייוועסענט קאסינא, און די מיטגליעדער האבען גאנץ גוט פארבראכט.

די וועיסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25, האט געפייערט דעם אינטערנעשאנאל ארבייטער יום טוב אין פיפעלס טעאטער, 2 א זייגער בייטאג, מיט א מיטינג און א זעהר שענעם קאנצערט. דאס טעאטער איז געווען איבערפילט מיט יום טוב'דיגע וועיסט מאכער.

די קלאוק פרעסערס יוניאן, לאקאל 35, האט געפייערט דעם ערשטען מאי מיט א רייכען קאנצערט און באל, אין פראנרעס קאסינא האל. ניט אכטענדיג אויף דעם גרויסען גוס רעגען זיינען געקומען מעהר מענשען ווי דער האל קען ארייננעהמען, און דער עולם האט זיך אמורזירט אויפ'ן שענסטען און בעסטען אופן.

די וועיט גודס ארבייטער, לאקאל 62, האט געהאט א מאי מיטינג און א רייכען קאנצערט אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט אייניגע בארימטע אידישע אקטיארען. דאס איז געטאן געווארען 1 א זייגער ביי טאג, אין בעטהאווען האל, און די ארבייטער האבען יענעם טאג געהאלטען יום טוב.

די עמבראידערי ווארקערס יוניאן, לאקאל 66, האט געפייערט דעם ערשטען מאי דאנערשטאג אבענד דורך א באנקעט.

די ליידיס טיילארס און אלטעריישאן ארבייטער יוניאן, לאקאל 80, האבען דעם 1טען מאי ניט געארבייט. זיי זיינען זיך צוזאמענגעקומען 10 א זייגער אין דער פריה אין מאנהעטען לייסעאום האל און אפגעהאלטען א מאס־מיטינג מיט מוזיק. מעגליך אז נאך אנדערע לאקאלס האבען געהאט אזעלכע צוזאמענקונפטען, און מיר האבען אפשר פון זיי ניט געהערט.

ווי איהר זעהט, אלזא, האבען זיך אונזערע אינטערנאשאנאל לאקאלס פון ניו יארק גאנץ שטארק באטייליגט אין דעם מאי־פייער, און ווארשיינליך האבען אונזערע לאקאלס פון די אנדערע שטעדט געטאן דאסזעלבינג.

א בריוועל צום רעדאקטאר

וו. רעד. פון דער „גערעכטיגקייט“: —

ביטטע צו אנאנסען אין דער „גערעכטיגקייט“, אז די ארבייטער פון „דראי עם סקוירט קא., וואודסייד, לאנג איילאנד, האבען געשטיצט די לארענסער סטרייקער מיט צוואנציג דאלאר. די געלט איז איבערגעגעבען געווארען צו די בראנטש רעליעף פאר די לארענסער סטרייקער.

זאל יעדער שאפ אין ניו יארק נעהמען א ביישפיעל פון דעם שאפ און טאן [illegible] זיי קאנען פאר די לארענסער סטר[illegible]

איוב סטאום, [illegible]

די וואך

פון ש. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 9th, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ערשטער־מאי־פאגראמען.

עס איז דאס ערשטע מאל אין די 30 יאהר, זייט די ארבייטער האבען אנגע־הויבען פייערען דעם 1טען מאי אין דער אלטער און נייער וועלט, אז אין אמערי־קא, אין דער נייער וועלט, זאל אן ער־שטע מאי־דעמאנסטראציע גענומען ווע־רען אזוי ערנסט פון אונזער פאליס און אנדערע געוואלט־מעכטע, ווי דאס איז אפט פארגעקומען אין איראפא. דארט האט דער ערשטער מאי געקאסט גענוג ארבייטער־בלוט פון אנפאנג אן. די גא־סען פון פאריז, רוים, מילאן, מאדריד, זיי־נען אין די ערשטע מאי־פייערען גאר שטארק באשפריצט געווארען מיט ארביי־טער־בלוט. דא אבער, אין אמעריקא, זיי־נען די מאי־פאראדען ביז איצט אפגע־גאנגען פריעדליך. מען האט כמעט ווי איגנארירט די היגע ביסעל פראלעטא־ריער, וואס האבען געפייערט זייער אר־בייטער־יום טוב.

דאס מאל האבען מיר זיך כמעט אויס־געגלייכט מיט די אמאליגע ערשטע מאיען פון דער אלטער איירפא, נאר מיט דעם קליינעם אונטערשיעד: דארט זיינען די ארבייטער ארויס אין זייערע טויזענדע אויפ'ן גאס. איז דאס די אויטאריטים ניט געווען צום הארצען, האט מען פשוט געשאסען אין די דעמאנסטראנטען. דא האבען די ארבייטער דעם היינטיגען ער־שטען מאי גאנץ ווייניג אדער גאר ניט דעמאנסטרירט, נאר וואו־ניט־וואו אין האלס האבען זיך צוזאמענגעקליבען עט־ליכע הונדערט מענשען און האבען גע־וואלט פייערען דעם ערשטען מאי, זיך אפריי־ענדיג פון הארצען, האבען אבער יוניפארמירטע באשיבוזשוקעס זיי אויפ־געזוכט אין זייערע האלס און דארט זיי גע־שלאגען און גע'ממית'ט, וויפיעל עס איז נאר אריין אין זיי. אזוי איז באפאלען געווארען דער „קאל"־אפיס, און „מענ־שען" אין סאלדאטסקע יוניפארמס האבען געוויזען וואס זיי קענען. דעמזעלבען שיקזאל האבען געטיילט פיעלע אנדערע אזעלכע פארזאמלונגען. אין קליוולאנד איז געווען גאר א ריכטיגע, אמת'ע בלוט־באד. דאסזעלבע אין באסטאן. דער מי־טינג פון דער „אמאלגאמייטעד" אין מע־דיסאן סקוועיר גארדען האט זיך געמוזט, צוליעב זיכערהייט, באגעהן אהן רעדען, און אלעס, וואס מען האט געמעגט טאן, איז געווען שפיעלען, זינגען און דעקלא־מירען. א שטיקעל שאו האט געהאט די מוני־פארזאמלונג אין מעדיסאן סקוועיר גארדען. מעגליך, אז דאס איז געווען, ווייל צווישען די רעדנער זיינען געווען אזעלכע פראמינענטע פערזענליכקייטען, ווי דאדלי פיעלד מעלאן און דר. מאגנעס, זיכער ניט דערפאר, ווייל מרס. מוני און וויינבערג, צוויי אפפער פון דער סאן פראנציסקא קאנספיראציע, זיינען געווען צו דעם מיטינג.

ווי עס איז, דער היי־יאהריגער ערש־טער מאי האט דעמאנסטרירט, אז די אוי־טאריטים אונזערע הויבען אן נעהמען ערנסט די ארבייטער־דעמאנסטראציעס, און האלטען פאר נויטיג צו געבען א לע־סאן די בונטאוושטשיקעס פונקט ווי אין דער אלטער איירפא פון אמאל, נאטיר־ליך אויף דעם אמעריקאנער פאסאן.

פון דעסטוועגען קיין גרויסע תרעומות אויף דאס, וואס האט פאסירט ביי אונז, קענען מיר ניט האבען. אין פאריז איז דער היי־יאהריגער ערשטער מאי געווען א פיעל־פיעל בלוטיגערער, און דארט זיי־נען עס ניט געווען קיין סאלדאטען, וואס האבען געשלאגען און געשאסען אויף די דעמאנסטראנטען, נאר גראדע די אייגענע פאליס, וועלכע האט געקראגען א באפעהל ניט לאזען געהן די ארבייטער צו ווייט.

ווי ווייט אבער מען קען זעהן פון די טעלעגראמען, איז די פאריזער פאליס גע־ווען כמעט ווי געצוואונגען אזוי צו האנד־לען, ווייל דארט, ווען מען גיט די ארביי־טער א פרייע האנד, וואלטען זיי, אפשר, שיער געמאכט א רעוואלוציע. דארט איז טאקע געווען אן ערשטער מאי מיט אלע קליפערלאך. דארט האט דער גאנצער פאריזער פראלעטאריאט ווירקליך ניט געארבייט. אלעס איז געבליבען פאר־פאליזירט. מענשען, וועלכע האבען ניט געוואלט הונגעריג בלייבען דעם ערשטען מאי, האבען זיך געמוזט פארזארגען מיט שפייז ערב ערשטען מאי. מען זאגט, אז זאגאר אונזער פרעזידענט האט געמוזט נעהמען די נויטיגע פארזיכטס־מיטלען און פארזארגען זיך מיט שפייז. נאטירליך, האט די פאליס, די אייביגע רעטערין פון ארדנונג, אנדערש ניט געקענט האנדלען, ווי זי האט געהאנדעלט. די לאגע איז געווען גאר א צו ערנסטע און דער דער־ווייליגער רעזולטאט איז: פיעלע, פיעלע פארוואונדעטע, פיעלע ארעסטירטע, און פראנקרייך איז ווידער אמאל גערעטעט פון דער געפאהר פון א רעוואלוציע.

די גרויסע באמבען־פארשווערונג.

פון דער האט איהר דאך מסתמא גע־הערט. אלע צייטונגען זיינען דאך פול דערמיט די גאנצע וואך. איהר ווייסט אויך, ווי אזוי אונזערע פראמינענטע גע־זעלשאפטס־טוער, פאר וועמען די באמ־בעס זיינען עס געווען באשטימט, זיינען כמעט ווי דורך א נס ניצול געווארען פון טויט. דער שלים־מזל'דיגער באמבען־שיקער האט ניט ארויפגעלעגט גענוג סטעמפס אויף די טויט־ברענגענדע פא־קעטען. דאס איז אלעם באקאנט, נאר דאס מערקווירדיגע אין דער גאנצער גע־שיכטע איז דאס, וואס ביז איצט האט נאך די פאליס ניט דעם מינדעסטען סליאד פון יענעם קרענק, וואס זאל עס האבען געטאן. יעדען טאג שטעהט אין די צייט־טונגען, אז אט־אט, און דער פארברעכער איז שוין באלד געכאפט, און ער איז נאך אלץ ניטא. דאס איז א קלארער באוויז, ווי ווייט אונזער פאליס איז הינטערשטע־ליג געגען דער פאליס, למשל, פון סאן פראנציסקא. דארט, אז זי האט ניט גע־קענט ארויפלעגען איהר האנד אויף דעם אמת'ען פארברעכער, ניט ווייל זי האט ניט געוואוסט, נאר ווייל זי האט ניט געוואלט, האט זי געכאפט א מוני, א וויינ־בערג, א בילינגס, א נאלען, און זיי גע־שטעלט צום פראצעס, אלס די ריכטיגע מאכער פון דער באמבע. פאר וואס די היגע פאליס טוט עס ניט, איז טאקע א וואונדער. עס זיינען דען דא קנאפ מו־נים און בילינגס אין ניו יארק? און אן אקסמאן וואלטען זיי דאך אויך געקענט קריגען. וואלט עס דאך טאקע געווען א גרויסע און נויטיגע סענסאציע, איבער־הויפט איצט, אז מען גרייט זיך גאר צו א גרויסער העצע אויף אלע ראדיקאלען. נאר אז מען איז הינטערשטעליג און ניט „אפ־טו־דייט", איז פארפאלען.

די איסט און וועסט.

אין דער לעצטער צייט געהט אן אין אמעריקא א שטארקע אגיטאציע געגען דאס לינטשען פון די ניגערס, וואס איז אזא איינגעגעסענער מנהג ביי די ווייסע פון דער וועסט און סויט. דער דאזיגער מנהג איז געווארען ביי די ציוויליזירטע ווייסע כמעט א צווייטע נאטור, אזוי אז מען לינטשט זיך א ניגער, מען פארברענט איהם לעבעדיגערהייט, פשוט אלס א ספארט־זאך. עס איז דאך ווירקליך שעהן צו זעהן א ניגער סמאליען זיך. ניט אפשר? אין דער לעצטער צייט האט דער אפעטיט צו לינטשען זיך אויסגעברייט זאגאר אויף מאנכע ווייסע. אזוי האט מען ניט לאנג צוריק אין מיטען נאכט גע־לינטשט א געוויסען א. וו. וו.־אגיטאטאר מיט'ן נאמען פרענק ליטל. די לייט, ווי איהר זעהט, ווערען שוין אביסעל צו שטיפעריש. האבען מאנכע מענשען, וואס פארשטעהען ניט קיין שפאס, אויפגעהויבען א שטארקע אגיטאציע געגען דעם. אבער, ווי עס זעהט זיך אן, פארשפרייט זיך דער לינטש־ספארט פון וועסט צו איסט, און אזוי ווי ביי אונז זיינען דא קנאפ ניגערס, און די לינטש־לוסט איז גרויס, און באפריעדיגט ווערען מוז זי, כאפט מען זיך צו ווייסע ארבייטער־אגי־טאטארס. די וואך איז מען באפאלען אין מיטען נאכט צוויי ארבייטער־אגיטא־טארס אין לארענס, וואו דער גרויסער וועבער־סטרייק געהט נאך אלץ אן. מען האט זיי ארויסגעשלעפט פון זייערע וואוי־נונגען אין מיטען נאכט, פונקט ווי מען האט געטאן מיט פרענק ליטל, זיי ארויס־געפיהרט הינטער'ן שטאדט און זיי גע־שלאגען מכת רצח. מען וואלט זיי גע־וויס געלינטשט, נאר צו זייער גליק איז אנגעפאהרען אן אויטאמאביל, האבען די לינטשערס געלאזען זייערע אפפער אין א באוואוסטלאזען צושטאנד און אליין זיי־נען זיי אנטלאפען. אט אזוי דערנעהנ־טערט זיך אלץ מעהר די איסט צו דער וועסט.

די צוועלפטע צוויי־יעהרליכע קאנ־ווענשאן פון דער קעפמייקער יוניאן.

די וואך האט די קעפמייקערס יוניאן געהאט איהר צוויי־יעהרליכע קאנווענשאן, צו וועלכער עס זיינען געקומען דעלעגא־טען פון אלע קעפמייקער־צענטרען פון אמעריקא. די געשיכטע פון דער קעפ־מייקער יוניאן איז א גאנץ שעהנע. זי האט שוין ניט איין קאמפף אויסגעפאכ־טען זייט זי לעבט, און פון יעדען איז זי ארויסגעקומען געזינטער און שטארקער און קאמפף־לוסטיגער. אין די לעצטע פאר יאהר, א חוץ איהרע קעמפפע מיט די קעפ־מאנופעקטשורערס, האט זי אויך איהרע הענד נאך א קאמפף מיט דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר, צו וועלכער זי האט ביז ניט לאנג געהער'ט, און פון וועלכער זי איז אויסגעשלאסען געווארען, ווייל זי האט ארגאניזירט די שטרוי־העט ארבייטער, און ענטזאגט זיך זיי איבערצוגעבען צו דער העטערס יוניאן, וועלכע האט א קליים, אז די ארבייטער פון שטרוי־העטס געהערען צו זיי. ניט לאנג צוריק האט די קעפמייקערס יוניאן געהאט א סטרייק אין סינסינעטי, האט זי געהאט פיעל שטערונג פון דער זייט פון דער א. פ. אוו ל. עס איז זאגאר גע־מאכט געווארען א פארזוך אויפצובויען אן אפאזיציאנס־יוניאן. די קעפמייקער־יוני־יאן האט אבער דאך דעם סטרייק געוואו־נען, און מיינט נאך פיעל מעהרערע סטרייקס צו געווינען, ניט קוקענדיג אויף קיינע שטערונגען.

אויף איהר היי־יאהריגער קאנווענשאן איז אנגענומען געווארען דער באשלוס איינצופיהרען וואך־ארבייט, און די אר־בייטס־וואך זאל זיין בלויז 44 שטונדען. מען קען דארום אין גיכען ערווארטען א דזשענעראל סטרייק פון די קעפמייקערס, און איהר קענט זיך פארלאזען אויף זיי — זיי וועלען זייער סטרייק געווינען.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק־מאכער יוניאן אין ניו יארק

עס ווערען אויפגענומען קאמיטעס.

א קאמיטע פון טהאמאס מו'ני'ס דע־פענס ליעג אינפארמירט, אז זיי האבען ניט גענוג געלט צו דעקען די אויסגאבען פאר דעם מיטינג, וועלכער איז אפגעהאל־טען געווארען אין מעדיסאן סקוועיר גאר־דען דעם ערשטען מאי און זיי פארלאנגען אז דער דזשאינט באארד זאל זיי מיט עפעס העלפען דעקען דעם דעפיציט. די קאמיטע ערקלערט, אז צוליעב דעם טע־ראר וואס מאנכע סאלדאטען האבען פאר־אורזאכט דעם 1טען מאי, האט די קא־מיטע געשטערט אין מאכען א געלונגענעם קאלעקשאן. די קאמיטע באדאנקט אויך דעם דזשאינט באארד פאר דער מאראל־ישער שטיצע וואס ער האט זיי געגעבען אין דער באוועגונג פאר דעם טאם מוני מיטינג.

עס ווערט באשלאסען זיי צו שטיצען מיט 100 דאלאר.

א קאמיטע פון דעם מעגעזין „מעסענ־דזשער" פאר די שווארצע ארבייטער, פאר־לאנגט פינאנציעלע שטיצע. די קאמיטע ערקלערט, אז עס איז אין די אינטערעסען פון די ווייסע ארבייטער, אז די שווארצע ארבייטער זאלען אויסגעבילדעט ווערען אויף דעם אינדאסטריעלען פעלד, ווייל ווען ניט, וועלען זיי ווערען א געפאהר פאר דעם ווייסען ארבייטער ווען דעם לעצטען וועט אויסקומען צו קעמפפען פאר בעסע־רע באדינגונגען.

דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען.

לאקאל 1 פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל רופען א פראטעסט מיטינג וועגען דעם ארעסט פון גענאסע יודזשין וו. דעבס. דער צושריפט ווערט איבער־געגעבען צום באארד אוו דירעקטארס.

לאקאל 3 פארלאנגט אז אין דער צייט פון סטרייק זאלען די סעמפעל מא־כער קריגען א באזונדערען האל צו מיטען, אום מען זאל אויף זיי קענען האבען א קאנטראל.

דער צושריפט ווערט איבערגעשיקט צו דעם טשערמאן פון דער האל קאמיטע.

דער זעלבער לאקאל אינפארמירט אויך, אז ברודער פיטשערסקי איז ער־וועהלט געווארען אלס דעלעגאט צו דעם דזשאינט באארד. דער ברודער ווערט צוגעלאזען.

לאקאל 48 איז מיט דער מיינונג, אז אזוי ווי עס איז בעפאר א סטרייק, זאל די לידיס טיילארס ניט ערלויבט ווערען צו מאכען קיין סעמפעלס און דובליקייטס אין זייערע שעפער. דער לאקאל רעקא־מענדירט אז מען זאל זיך צוזאמענקומען מיט לאקאל 80 און צוזאמען אויפנעמען די פראגע.

דער צושריפט ווערט איבערגעשיקט צו דער סטרייק קאמיטע.

דער רוסיש־פוילישער בראנטש אינ־פארמירט אז ברודער מאזשיצענקא איז ערוועהלט געווארען צום דזשאינט באארד אויף דעם פלאץ פון ברודער שונאו. דער ברודער ווערט צוגעלאזען.

באריכטען פון קאמיטעס.

די קאנפערענץ קאמיטע גיט אפ א באריכט פון די קאנפערענצען וואס זיי־נען פארגעקומען צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן אין באצוג די פארדערונגען וואס די יוניאן האט זיי ארויסגעשטעלט און וועגען דער איצ־טיגער לאגע בכלל. עס איז די מיינונג פון דער קאמיטע, דאס נעהמענדיג אין באטראכט ווי אזוי די מאנופעקטשורער פארהאלטען זיך, שיינט עס דאס זיי וועי־לען מיט גוטען, אהן א סטרייק, הייסט עס, די פארדערונגען ניט נאכגעבען.

ברודער זיגמאן, דער דזשענעראל מע־נעדזשער, באריכטעט, אז ס'איז אפגעהאל־טען געווארען א מיטינג פון די דיסטריקט און לאקאל מענעדזשערס פון דער יוניאן, וואו עס איז אויפגענומען געווארען די פראגע צי מען זאל איצט ערלויבען די קלאוקמאכער ארבייטען אויף ווינטער־אר־בייט. עס ווערט געמאכט א פארשלאג, עס זאל איצט אין קיין קלאוק שאפ ניט ערלויבט ווערען צו מאכען ווינטער אר־בייט, סיידען עס וועט זיך ענדערען די לאגע. ביז דאן אבער זאל מען מעגען ארבייטען בלויז אויף ספרינג ארבייט. די פראגע רופט ארויס א ברייטע דיס־קוסיע און דער פארשלאג ווערט אנגע־נומען.

די קאמיטע, וועלכע איז אפאינטעט געווארען צו מיטען מיט די דזויינערס יוניאן, באריכטעט אז זי האט געהאט א מיטינג און זיי רעקאמענדירען אז די דע־זיינערס זאלען צוגעלאזען ווערען מיט צוויי דעלעגאטען צום דזשאינט באארד. די קאמיטע ערקלערט ווייטער, אז די פראגע פון פינאנצען האט זי מיט די דע־זיינערס יוניאן נאך ניט אויפגענומען. דאס איז אפגעלעגט געווארען. די רע־קאמענדיישאן פון דער קאמיטע ווערט גוטגעהייסען.

לאקאל 82 פארלאנגט, אז אזוי ווי זייער מענעדזשער איז אוועק צו דער קאנ־ווענשאן פון ארבייטער רינג, זאלען די מענעדזשערס פון דזשאינט באארד דער־ווייל נעהמען זייערע קאמפליינטס. דער פארלאנג ווערט באוויליגט.

מיט דעם שליסט דער טשערמאן דעם מיטינג.

ל. לאנגער, סעק.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. Friday, May 9, 1919. No. 17

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

דזשין סטאר אונטערמייער און איהר פאעזיע

פון א. גלאניץ.

איך קלייב אויס צו שרייבן איצט וועגן דזשין סטאר אונטערמייער — א פאעטעסע, וועלכע פארנעהמט נאך ניט א זעהר קלאהרען, זעהר זיכערען ארט אין דער נייער אמעריקאנער פאעזיע — ניט פער צופאל. איך שרייב וועגען איהר נאך מיין ארטיקעל וועגען קארל סאנדבורגען, ווייל זי איז דער געגענזאץ פון דעם, וואס יענער שטארקער, מענליכער פאעט.

סאנדבורג איז דער דיכטער, וואס כאפט ארום די גאנצע וועלט און קוקט אויף זיך און אויף זיין אינדיווידואליטעט ווי אלס א טייל, א טראפען, אן אטאם פון דער וועלט.

דזשין סטאר אונטערמייער קוקט בלויז א י ן ז י ך, און אויב זי ווארפט אמאל א בליק אויף דער וועלט, איז דאס, ווי אויף א טייל פון זיך.

זי איז דאס, וואס מען רופט א י נ ט ר א ס פ ע ק ט י ו ו, ד. ה., זי לעבט בלויז מיט איהר אייגענער וועלט, מיט דער וועלט, וואס זי זעהט, ארייגקוקענדיג א י ן ז י ך.

אלץ: דעם הימעל און די ערד, די בערג און טאלען, די שטאדט און איהר גערויש, אלץ עקזיסטירט פאר איהר בלויז אויף אזוי פיעל, ווי דאס שפיגעלט זיך אפ אין איהר אייגענער זעל, ווי דאס האט דירעקט צו טאן מיט איהר אליין.

זי זוכט ז י ך. זי וויל אויסגעפינען, וואס זי איז. איהר הערט ניט אויף צו מאטערן די פראגע, ווער זי איז און וואס זי איז.

זי איז א פרוי און א אידיש קינד.

(זי איז די פרוי פון דעם באקאנטען אידיש-אמעריקאנישען דיכטער און קריטיקער לואי אונטערמייער). דאס מאכט איהר זוכען זיך זעלבסט נאך קרענקליכער, שארפער, אינטערעסאנטער.

די פרוי אין איהר זעהט מען אומעטום, אין אלע ליעדער איהרע. זי זאגט דעם אמת וועגען זיך אלס פרוי. אפען און שארף, אפטמאל אויף אן אופן, וואס שאקירט מאנכע רעספעקטאבלע בירגער.

זי זאגט אפען, אז זי לעבט בלויז פאר איהר מאן, מיט זיין ליעבע צו איהר, מיט זיין זארג פאר איהר.

זי איז ז י י נ ע. זי האט ליעב דאס בעט, ווייל אויף איהם פיהלט זי זיך אם גליקליכסטען מיט איהר מאן. זי האט מורא פאר דעם פ ר י ה ל י נ ג, ווייל זי ציטערט, אז ער, מיט זיין באוועלטיגענדען רוף, וועט ביי איהר אוועקרויבען איהר מאן, איהר געליעבטען. און טאמער ווייכט דער מאן אפ אויף א ווײַלע פון דעם וועג פון פארהייראטער ליעבע, ליידט זי, אבער זי איז שנעל און לייכט גרייט צו פארגעבען.

עכט ווייבליך, עכט פרויליך. זי שעהמט זיך עס ניט צו זאגען. זי וויל ליעבען איהר מאן און זיין פון איהם געליעבט. זי איז אויך א מוטער. אבער איהר מוטערשאפט איז בלויז א טייל פון איהר פרוישאפט. דאס קינד דערמאנט איהר אן דעם מאנס ליעבע, אן דעם גרויסען מאמענט פון געשלעכטליכען גליק, וואס האט דאס קינד געבוירען.

זי וויל זיין און בלייבען געליעבטע.
זי וויל פון דעם מאן אלע מאל פון דאס ניי „ענטדעקט ווערען.“

ענטדעק מיך פון דאס ניי.
קוק אויף מיר מיט נייע אויגען, א מיין געליעבטער.
זעה: מיין אויסזעהן בייט זיך אין דער באדירפניש נאך ליעבע,
פונקט אזוי ווי די באשטענדיגע ערד ענטפערט דעם רוף פון די סעזאנען.
באטראכט מיך ניט בלויז אלס א ווינטער-ווייב.
אלס אייגע, וואס האנדעלט מיט הויזליכע באקוועמליכקייטען.
פארוואהר: איך בין אויך דיין יונגפרוי פון פריהלינג.
טרוימען וואויבען אין מיר. טרוימען באזוכען מיך.
זיי ליגען אבער קראנקע און שמאכטען.
זיי רופען זיך אפ אויף דעם רוף פון לעבען בלויז ביים דערקענען דיין בליק,
ביי דעם וועק-רוף פון דיין ליעבע.
ענטדעק מיך פון דאס ניי!

זי שעהמט זיך ניט דערמיט, וואס זי לעבט אזוי שטארק און דורכאויס מיט און צוליעב איהר געליעבטען, וועלכער איז אויך איהר מאן. זי זאגט בלויז אפען, דאס, וואס איז דער אמת פון יעדער פרוי, פונקט ווי עס איז זעלטען דער אמת פון א מאן, פיליכט פון יעדען מאן. אין אט דער הינזיכט איז דזשין סטאר אונטערמייער אפשר די אפענהערצינסטע פרוי-שריפטשטעלערין. דאס אליין איז א גרויסער פארדיענסט, אין אונזער צייט, ווען אזוי פיעל פרויען שרייבען און דיכטען, און לאזען דאך אזוי וועניג אונז אריינבליקען אין דעם סוד פון דער ווירקליכער זעל.

דאך איז מאדאם אונטערמייער ניט בלויז א פרוי, א געליעבטע, א ווייב און א מוטער. אין דעם זוכען זיך זעלבסט, אין דעם מעכטיגען דראנג פון אונזער צייט, וועלכע באהערשט זי פאלשטענדיג, אין דעם דראנג נאך אינערליכער באפריאונג און ערלייזונג, דערפיהלט זי, אז זי קאן בלויז ערלייזט ווערען דורך זיך אליין און ניט דורך דער הילף פון אימיצען אנדערש. אין דעם ליעד „ערלייזונג“ (דעליווערענס), וואו זי רעדט ווידער וועגען איהרע איבערלעבונגען אלס געליעבטע, וועגען איהר ליעבע און וועגען דעם קינד, וואס איז פון דער ליעבע באשאפען געווארען, פרעגט זי:

פון וואנען וועט קומען דער רייניגענדער פלאם?
מוז עס זיין דאס פייער פון מיין אייגענעם הארץ?
און דער שווערט פון ערלייזונג —
מוז ער געמאכט ווערען מיט מיין אייגענער האנט?

עס קאנען ניט זיין קיין צוויי ענטפערס אויף אט די פראגען. געוויס מוז זי אליין זיך ערלייזען. געוויס מוז דער רייניגענדער פלאם קומען פון דעם פייער פון דעם אייגענעם הארץ; דער ערלייזענדער שווערט מוז געמאכט ווערען מיט דער אייגענער האנט.

דזשין סטאר אונטערמייער האט זיכער אויך אליין קיין אנדערען ענטפער ניט צו געבען. כאראקטעריסטיש, אז די ציטירטע פיער שורות זיינען די לעצטע אין איהר דין ביכעל ליעדער. אזוי ווי זי וואלט דערמיט געוואלט אנצייגען, אז זי קלייבט זיך באטרעטען א נייעם וועג: דעם וועג פון זוכען ערלייזונג אין זיך און דורך זיך. ניט בלויז אלס פרוי און געליעבטע, נאר אויך אלס מענש.

מאדאם אונטערמייער איז, ווי דערמאנט, א אידיש קינד. דאס אידישע אין איהר איז אבער שווער צו געפינען. איהר מאן, מר. לואיס אונטערמייער האט אפילו געפרואווט דאס יא צו באווייזען אין זיינער א קריטישער אפהאנדלונג. אבער עס איז ניט געווען זעהר איבערצייגענד. סיידען אין דער באגעהרענדער ליעבע צום אויסדערוועהלטען, סיידען אין אט דעם פונק פון דעם אלטען אידישען און אריענטאלישען „שיר-השירים“, קאן מען אין איהרע ליעדער דאס אידישע זעהר וועניג באמערקען.

בלויז אין איין ליעד איז דא אן אנצוהערעניש, אז מען האט פאר זיך א אידישע פרוי. זי באשרייבט דארט א פילאנטראפישע אונטערנעהמונג פון קריסטליכע פרויען, וועלכע האבען זיך מיט פאראכטונג אפגעקעהרט פון דער מיטהילף פון א אידישער פרוי, וועלכע האט, זעהט אויס, אויך געוואלט „בייטראגען“ צו דער פילאנטראפיע:

איך האב פיינט געהאט אט דעם שוואכען באמפ פון צדקה.
אט דעם קבצנישען מאהלצייט צו העלפען די גוטבאדירפטיגע.
איך האב געזעהען, ווי אט די צו-דינע דאמען האבען געזוכט די טיר
אין זיסליך-פרומער אומאויפריכטיגקייט;
האלטענדיג זיך אזוי פרום-אפגעזונדערט
און אפקעהרענדיג זיך מיט זייערע קריסטליכע רוקענס צו מרס. קאהען.

דא רעדט ניט בלויז א סאציאליסטקע (זי איז דאס), וואס קאן ניט צו זעהן די היפאקריטסטווע פון פילאנטראפיע, נאר אויך דאס באליידיגטע אידישע קינד.

דאס אויסגעשפראכענסטע אין דער פאעטעסע איז אבער דער שטריך, וועלכען איך האב דערמאנט ביים אנפאנג: דאס זוכען זיך, דאס ווילען זיך געפינען, זיך פארשטעהן.

דעריבער שיינט מיר, איז דאס מערקווירדיגסטע ליעד איהרס דאס ליעד וואס הייסט „קליידער“ (קלאודהס) און וואס מוז זיכער שאקירען אלע „רעכטשלאפענע לייט.“ אט איז עס:

זינט מיינע פריהסטע יאהרען האב איך מיך געקליידט אין פאנטאסטישע קליידער,
זוכענדיג צו באפרידיגען א שעפטשענדיגען דראנג.
כ'האב אזוי פיעל פארמאגט, וואס איך האב ניט געקאנט אויסדריקען
אין רעדען אדער האנדלונג.
האב איך דעריבער ארייגעלייגט ראמאנטיק און פאנטאזיע
אין מיין מלבוש.
אין דער טרוימערישער מיידעלשאפט
זיינען מיינע קליידער געווען, ווי מיינע געדאנקען:
אומקלאהר און סענטימענטאל.
זיי זיינען געווען נעפעלדיג גרין
און אפגעשאסען — אראנדזש.
ווי פארוואלקענטע פארבען אין פארפלאנטערטע וועלדער,
ווי די קנאספענדע געדאנקען פון א יונג מיידעל.
שפעטער, ווען די פרוישאפט איז געקומען,
און די מוטערשאפט האט מיך באוואוסטזיניג דורכגעדרונגען,
האב איך פראבירט אויסזעהן ווירדיג און עדעל
אין א לאנגען ראק פון גרוי.
אבער דער פריהלינג איז געקומען
און מיט איהם א קלייד פון נאפטיגען גרין,
מיט קונציגען געל,
מיט פיילען פון שווארץ,
ווי נאקעטע צווייגעלעך, וואס קוקען ארויס
פון צווישען העלע בלעטער.
נאך שפעטער בין איך היגעריסען געווארען
פון א קלייד-אין שווארץ;
נידריג אויסגעשניטען, מיט די פאלדען און שפיץ פון דער גרויסער וועלט.
אמאל האב איך זיך ערמוטיגט צו דער לאנגער ליניע פון דער סירענע,
אין א קלייד פון כמורען בראקאט.
די אלע זאכען האבען אבער ניט איינגעשטילט
דעם שעפטשענדען דראנג.
עפעס האט געמאנט א שטים.
מיינע קליידער זיינען ניט איך, ניט איך אליין.
עטוואס רעאלעס געהט פארלארען אין דער איבערזעצונג פון קאליר און שטאף.
איך גלויב, אז איך דארף ארויס נאקעט אין גאס,
און אומבאקליידט ארייגוואנדערן אין די הייזער פון מענשען.
די אומגלויבליכע אויגען פון דער צוטומעלטער וועלט וועלען מיר אפשר צוריקגעבען
מיין ריכטיגען געשטאלט...
אפשר וועל איך אין די בליקען פון אנדערן אויסגעפינען ווער אייגענטליך איך בין.

ווי עס איז צו זעהן — גענוג. אבער עס נעהמט דורך מיט דעם דראנג, וואס עס פיהלט זיך אין אט די ווערטער צו געפינען זיך, זיך אויסצודריקען, זיך פארשטעהן. איז די פאעטעסע די איינציגע, וואס האט זיך פארלארען און וויל לידענשאפטליך זיך געפינען? פיהלט דאס ניט יעדע זיך-באוואוסטזיניגע פרוי? פיהלט ניט עפעס עהנליכעס יעדער טראכטענדער מאן?

אברהם'ס ווייב

(די ביבלישע געשטאלט.)

פון דר. אסתר לוריע.

די ביבעל געהערט צו די פערל פון דער פאעזיע אין דער וועלט-ליטעראטור. ווי אלע פאליטישע ווערק, שפיגעלט זי אפ די מנהגים, די כאראקטערע און דאס לעבען פון יענער צייט.

גאט האט געזאגט צו אברהם'ען וועגען שרה'ן: „און איך וועל זי בענשען, און איך וועל דיר געבען א זוהן פון איהר; יע, איך וועל זי בענשען, אז זי זאל ווערען די מאמע פון נאציאנען, די קעניגע פון די פעלקער וועלען אפשטאמען פון איהר“. אלס א „מאמע פון נאציאנען“ שטעלט זיך אונז טאקע פאר שרה. מיט דיעזען ביבלישען נאמען פאראייניגט די פאנטאזיע די געשטאלט פון אן אוראור-אלטער באבען, וועלכע שטארבט קיין מאל ניט, וועלכע באלעבט אונז און ווארעמט אונז מיט אונזער אנוועזענהייט.

ווען אברהם איז אלט געווען 15 יאהר, האט גאט איהם געהייסען פארלאזען חרן, דאס לאנד, וואו ער איז געבארען און ערצויגען געווארען. אברהם האט גענומען מיט זיך זיין פרוי, זיין שוועסטער'ס זוהן לוט'ן און זיין פארמעגען. ער איז געפאהרען אין דאס לאנד, וואס גאט האט פאר איהם באשטימט, כנען (ארץ ישראל) — אין כנען איז אבער דאן אויסגעבראכען א גרויסער הונגער, און אברהם איז געווען געצוואונגען צו פארלאזען דאס לאנד און צו געהן קיין מצרים, וואו ער האט גערעכענט צו בלייבען א צייט. אויפ'ן וועג האט אברהם געזאגט צו זיין פרוי: „איך וויים, אז דו ביסט א זעלטענע שעהנהייט, ווען די עגיפטער וועלען דיך דערזעהן, וועלען זיי מיך דער'הרג'ענען, דיך וועלען זיי אבער לאזען לעבען. זאג, איך בעט דיך, אז איך בין דיין ברודער, דאן וועט מען מיר קיין שלעכטס ניט טאן, און איך וועל בלייבען לעבען צוליעב דיר.“ עס איז געווען אזוי, ווי אברהם האט פאראויסגעזעהן. פרעה איז ניט געבליבען גלייכגילטיג צו שרה'ן און האט זי ארייגענומען צו זיך אין פאלאץ. איהר „ברודער“ האט ער רייך באלוינט. גאט, וועלכער האט באשיצט אברהם'ען און זיין הויז, האט געשיקט אויף פרעה'ס הויז א מגפה. דאן האט יענער צוריקגעגעבען די שעהנע אידישע פרוי צו איהר מאן. דעם לעצטען האט ער געגעבען זיינע דיענער, וועלכע זאלען אויפ'ן וועג באשיצען זיין פרוי.

עס זיינען אוועק צעהן יאהר. שרה האט נאך אלץ ניט געהאט קיין קינדער, נאך וועלכע זי האט אזוי שטארק געבענקט. אויך האט איהר הארץ וועה געטאן פאר איהר מאן, ווערעמס דור וועט ניט קענען פארשפרייט ווערען. און זי האט זיך באשלאסען אויף א שריט, וועלכער איז געווען פאפולער אין יענע צייטען. זי האט נעמליך געהאט א מאגד, אן עגיפטישע מיידעל, מיט דעם נאמען הגר. זי האט געגעבען די לעצטע אברהם'ן פאר א ווייב. הגר האט אנגעהויבען צו שוואנגערן, דאן איז זי געווארען שטאלץ און האט זיך ניט באצויגען צו שרה'ן מיט רעספעקט. די לעצטע האט זיך באקלאגט אברהם'ען, וועלכער האט איהר געענטפערט: „דו האסט די מאכט צו טאן מיט דיין מאגד, וואס דו ווילסט. טו, ווי דו פארשטעהסט. שרה האט זיך דאן אנגעהויבען באציהען גרויזאם צו איהר מאגד. די לעצטע איז אנטלאפען פון שרה'ן. גאט'ס מלאך האט געפונען הגר'ן ביי א ברונעם אין א ווילדערניס. ער האט איהר געזאגט, אז זי זאל זיך צוריקקעהרען צו שרה'ן און זאל זיך איבערגעבען אין איהרע הענד, דער מלאך האט איהר פארשפראכען, אז זי וועט געבארען א זוהן, וועלכען זי זאל א נאמען געבען ישמעאל. „ער וועט זיין א ווילדער מאן. זיין האנד וועט זיך ווענדען געגען יעדען איינעם, און יעדער איינער וועט אנווענדען זיין האנד געגען איהם“...

הגר האט געפאלגט דעם מלאך. זי האט זיך אומגעקעהרט צו שרה'ן זי האט געבארען א זוהן, וועלכען אברהם האט א נאמען געגעבען ישמעאל. דער פאטער פון דעם נייגעבארענעם זוהן איז אלט געווען 86 יאהר.

איין מאל, אין א הייסען זומער טאג האט אברהם, זיצענדיג ביים הויז, באמערקט, פארבייגעהענדיג דריי מענער. ער איז אויפגעשטאנען, האט זיך טיעף פארנייגט פאר זיי, און האט זיי געבעטען ארייגעהן אין זיין הויז אויסצורוהען און א ביס טאן. ער האט זיי דערלאנגט וואסער צו וואשען זייערע פיס, און האט געהייסען שרה'ן באקען פאר זיי לעקאך, אליין האט ער מיט א אינגעל צוגעגרייט פאר זיי א מאלצייט. די דריי מענער האבען זיך נאכגעפרעגט אויף שרה'ן, וועלכע האט זיך געפונען אין הויז, האלטענדיג אבער אפען די טיר און הערענדיג דאס געשפרעך פון די מענער. די לעצטע האבען געזאגט אברהם'ען, אז פונקט אין א יאהר וועלען זיי ווידער קומען, און אין יענער צייט וועט שרה איהם געבוירען א זוהן. שרה האט זיך שטארק צולאכט פון דיעזע ווערטער, ווייל זי איז געווען אין די יאהרען, אין וועלכע מען האט שוין לאנג ניט קיין קינדער. די מענער האבען געהערט איהר געלעכטער, און האבען זי פארזיכערט, אז זיי זאגען דעם ריינעם אמת.

אברהם'ען איז אויסגעקומען צו רייזען איבער'ן לאנד. ער איז געקומען קיין גרר. ער האט ווידער געזאגט, אז שרה איז זיין שוועסטער. אבמלך, דער קעניג פון גרר האט זי גענומען אין זיין פאלאץ. גאט האט אבער ווידער באשיצט אברהם'ען. ער איז געקומען דעם קעניג צו חלום און האט איהם געווארנט. און ער וועט שטארבען, אויב ער וועט ניט צוריקגעבען שרה'ן צו איהר מאן. כ'ארגען אין דער פריה האט דער קעניג גערופען צו זיך אברהם'ען האט

די קאאפעראטיווע באוועגונג אין אמעריקא

פון מ. קאלטשין.

אויף די פארהערס פון דער ריקאנסטראקשאן קאמיטע פון שטאאט ניו יארק האט מען ניט ווייניג געהערט וועגען קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס: סטארס, פאבריקען און אנדערע. די פארטרעטער פון דער קאאפעראטיווער ליגע, וועלכע פארטרעט א קליינע צאהל קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס, האבען אנגעוויזען אויף דער גרויסער ראלע וואס קאאפעראטיווען שפיעלען אין אנדערע לענדער. זיי האבען ערקלעהרט, אז ווען דא זאל עקזיסטירען א קאאפעראטיווע באוועגונג ווי אין אנדערע לענדער, וואלט עס פיעל געהאלפען אין דער פראבלעמע פון ריקאנסטראקשען.

מיר ווייסען ניט וואס פאר א ריקאנסטראקשאן מען קלייבט זיך דא אנצופיהרען. עס קען זיין, אז די גאנצע ריקאנסטראקשאן וועט באשטעהן אין דעם וואס מען וועט אנשטעלען עטליכע קאמיטעס, וועלכע וועלען מאכען עטליכע אונטערזוכונגען, וועלען זיך באשעפטיגען עטליכע יאהר און וועלען אנשרייבען עטליכע באריכטען. ווי עס ווייזט אויס, וועט זיך די רעקאנסטרוקציאנס טעטיגקייט פון אונזערע ריקאנסטראקטארס טאקי דערמיט ענדיגען. און שולדיג אין דעם זיינען בלויז די, צוליעב וועמען דער גאנצער ריקאנסטרוקציאנס טומעל איז געמאכט געווארען. אין דער אמת'ן, וואס פאר ריקאנסטרוקציאן קען מען ערווארטען, ווען די ארבייטער שווייגען, ווען די אנגעשראקענע כלל טוער טארען זיך אויסארבייטען מיטלען ווי אזוי איינצושטילען די ארבייטער, וועלכע זייענען רוהיג ווי רוהיג קען זיין?

אבער ריקאנסטרוקציאן צי ניט ריקאנסטרוקציאן די פראגע וועגען קאאפעראטיווען איז געוויס א וויכטיגע. וואלטען מיר געהאט א גרויסע קאאפעראטיווע באוועגונג דא אין אמעריקא, וואלטען מיר געוויס געקענט ביז א געוויסער מאס אפשוואכען די איבלען, וועלכע ווערען געשאפען אין צייט פון ארבייטסלאזיגקייט, יקרות, סטרייקס א. ז. וו. וואס די קאאפעראטיווען פון בעלגיום האבען אויפגעטאן בעפאר דער מלחמה ווייסען מיר אלע. די קאאפעראטיווען זיינען דארט געווען א טייל פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג, זיי האבען ניט נאר געהאלפען די ארבייטער צו באקעמפען דעם יקרות, נאר אויך געהאלפען בעסער ארגאניזירען דעם ארבייטער קלאס. אין ענגלאנד האבען די קאאפעראטיווע סטארס פיעל געהאלפען די ארבייטער אין צייט פון נויט, ווי צ. ב., אין פארלויף פון דעם קריעג, ווען די פרייזען אויף לעבענס מיטלען האבען ניט אויפגעהערט שטייגען. אין רוסלאנד, ווען ניט די קאאפעראטיווען, וואלט זיך רוסלאנד ניט געקענט האלטען אפילו אזוי לאנג ווי זי האט זיך געהאלטען, די קאאפעראטיווען זיינען דארט געווען די הויפט מיטלען אפצושוואכען דעם הונגער.

עס זיינען בכלל פאראן דריי טיפען פון קאאפעראטיווען: אינדוסטריעלע אדער שאפענדע, ווי קאאפעראטיווע פאבריקען, בעקערייען א. ז. וו.; קאאפעראטיווען פון קאנסומענטען, ווי סטארס, רעסטאראנען און אגריקולטור קאאפעראטיווען, ד. ה. קאאפעראטיווען פון פארמערס.

דער ערשטער סארט קאאפעראטיווען איז כמעט אומעטום זעהר ווייניג ענטוויקעלט. ער קען ניט זיין אזוי ערפאלגרייך ווי די אנדערע, ווייל אין די הויך ענטוויקעלטע קאפיטאליסטישע לענדער איז פראדוקציאן ערפאלגרייך בלויז אויף א גרויסען מאסשטאב. קיינע קאאפעראטיווען, צ. ב. קענען ניט קאנקורירען מיט אזא אונטערנעהמונג ווי פארד'ס אויטאמאבילען פאבריק, אדער די אינטערנעשאנאל הארוועסטער קאמפאניע, אדער די בעטלהעם סטיל קארפארישאן. דער צווייטער סארט קאאפעראטיווען איז גאנץ ערפאלגרייך אין פיעלע לענדער. אין ענגלאנד זיינען די סטארס אזוי ענטוויקעלט, אז די פריוואטע אונטערנעהמונגען גאנץ אפט מוזען זיך צופאסען צו זיי; אין רוסלאנד און אין דייטשלאנד, אין בעלגיום און אין פינלאנד זיינען די קאאפעראטיווע סטארס א כח, מיט וועלכען מען רעכענט זיך. מעהר פון אלע אנדערע, אבער, זיינען ענטוויקעלט די אגריקולטור קאאפעראטיווען, ד. ה. אין די לענדער, וואו אגריקולטור שפיעלט נאך אלץ א גרויסע ראלע.

אין אמעריקא האבען די שאפענדע קאאפעראטיווען קיין ממשות ניט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס מען האט ניט איין מאל עקספערימענטירט, וואס מען האט געמאכט פיעלע פארזוכען איינצופיהרען זיי. אלעס וואס מיר האבען איז עטליכע קליינע לאונדריס, בעקערייען, בארבער שאפס און נאך אזעלכע אונטערנעהמונגען, וועלכע שפיעלען קיין ראלע ניט. דער צווייטער סארט קאאפעראטיווען איז עטוואס מעהר ענטוויקעלט. מיר האבען קאאפעראטיווע סטארס, אבער זיי זיינען ערפאלגרייך בלויז אין איינצעלנע ערטער. מעהר ערפאלגרייך פון אלע אנדערע זיינען די אגריקולטור קאאפעראטיווען, די קאאפעראטיווען פון פארמערס.

עס איז שווער אויסצורעכענען וויפיעל קאאפעראטיווען עס זיינען פאראן, ווייל די אפיציעלע סטאטיסטיקע באטראכט יעדער פארמערס' ארגאניזאציע אלס א קאאפעראטיוו, סיי דאס איז א קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונג סיי אן אמת'ע קאאפעראטיווע. און עס איז טאקי שווער צו דערקענען א קאאפעראטיווע ארגאניזאציע פון א ניט קאאפעראטיווע, ווייל ביז ניט לאנג זיינען די קאאפעראטיווען ארגאניזירט געווארען לויט די אלגעמיינע געזעצע וועגען קארפארײשאנס. יעדער מיטגליעד פון קאאפעראטיוו מוז זיין אן אקציאנער, יעדער אקציאנער האט (לויט דעם געזעץ) דיזעלבע רעכט, וואס אן אקציאנער פון וועלכער עס איז קאפיטאליסטישער קארפאראציע.

דאס וואס ביז ניט לאנג האבען זיך די קאאפעראטיווען געמוזט ארגאניזירען לויט די געזעצע וועגען קארפארײשאנס, האט ניט ווייניג געשטערט דער קאאפעראטיווער באוועגונג. אייניגע רייכערע פארמערס פלעגען אפקויפען די אקציעס פון אנדערע מעמבערס און אזוי ארום קריגען קאנטראל איבער דער אונטערנעהמונג. אין אנדערע קאאפעראטיווען זיינען געווען אלס מעמבערס מענשען, וועלכע האבען גאר ניט צו טאן מיט אגריקולטור, נאר וועלכע האבען געקויפט אקציעס. די קאאפעראטיווען האבען געזעהן, אז די אקציאנערען פארמע איז א גרויסע געפאהר פאר זיי און האבען זיך דעריבער גענומען איינפיהרען אויסבעסערונגען אין זייערע קאנסטיטושאנס. אין די מעהרסטע קאאפעראטיווען האבען איצטער אלע מעמבערס בלויז איין שטימע, ווי פיעל אקציעס זיי זאלען ניט האבען. אייניגע קאאפעראטיווען ארגאניזירען זיך אפילו ניט לויט דעם געזעץ וועגען קארפארײשאנס, זיי האבען ניט קיין אקציעס, און עס פארשטעהט זיך, אז יעדער מעמבער האט בלויז איין שטימע. אנדערע, ווידער, וועלכע מוזען ארגאניזירט ווערען לויט די געזעצע וועגען קארפארײשאנס, ערלויבען ניט די מעמבערס צו האבען מעהר פון א געוויסען צאהל אקציעס.

אין 1917 האט דער דעפארטמענט אוו אגריקולטור פארעפענטליכט די רעזולטאטען פון אן אונטערזוכונג, וועלכע זי האט געמאכט וועגען אגריקולטור קאאפעראטיווען. לויט דיזער אונטערזוכונג, וועלכע איז פינקטליכער פון פיעלע אנדערע, קומט אויס, אז אין די פאראייניגטע שטאאטען זיינען פאראן 5424 אגריקולטורע קאאפעראטיווען, מיט א מעמבערשיפ פון כמעט 662,000. ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט דאס, וואס לויט די לעצטע סטאטיסטיקס געפינען זיך אין די פאראייניגטע שטאאטען עטוואס מעהר פון זעקס מיליאן פארמערס, קען מען זעהן, אז כמעט עלף פראצענט פון אלע פארמערס זיינען ארגאניזירט אין קאאפעראטיווען. און די ביזנעס פון די קאאפעראטיווען זיינען ניט קיין קלייניטשקע. אט די 5424 קאאפעראטיווען האבען אין יאהר 1915 געמאכט ביזנעס אויף העכער פון 625 מיליאן דאלאר.

איין גרויסער פעהלער פון אט די קאאפעראטיווען איז דאס, וואס יעדער פון זיי איז א באזונדער מלוכה. די קאאפעראטיווען זיינען ניט פאראייניגט אין קיין יוניאנס, אין קיין פעדערציעס. דאס שטעלט זיי אין אפהענגיגקייט פון די קאפיטאליסטען, פון די ספעקולאנטען פונקט אזוי ווי די פריוואטע פארמערס. דאס איז אויך די אורזאכע דערפון וואס די קאאפעראטיווען שפיעלען קיין ראלע ניט אין דעם באשטימען פון פרייזען, אין דעם קאמף געגען יקרות. מען מוז אבער זאגען, אז אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר זיינען יא געשאפען געווארען אזעלכע פעדעראציעס פון קאאפעראטיווען אין געוויסע ערטער. עס פאראייניגען זיך קאאפעראטיווען פון פוטער פאבריקען, פון פרוכט הענדלער א. ז. וו. נעוויס, דיזע פעדעראציעס זיינען נאך דערווייל זעהר שוואך, זיי קענען נאך ניט בייקומען די ארגאניזירטע קרעפטען פון די ספעקולאנטען און קאפיטאליסטען, זיי מוזען נאך אלץ רעכענען זיך מיט די פארשיעדענע בירזשעס, וועלכע ווערען קאנטראלירט פון די קאפיטאליסטען. דערצו קענען ניט די אגריקולטורע קאאפעראטיווען ווירקען אויף די פרייזען פון לעבענס מיטלען, ווען קאאפעראציע איז פאראן בלויז אויף איין זייט, ד. ה. ווען די ארבייטער, די קאנסומענטען האבען ניט קיין קאאפעראטיווען. דער רעזולטאט איז, אז די לאגע פון די פארמערס איז עטוואס בעסער, זיי קריגען מעהר פאר זייערע פראדוקטען, אבער די געזעלשאפט בכלל, די באפעלקערונג האט דערפון ווייניג.

קאאפעראטיווען, פארשטעהט זיך, קענען ניט אפשוואכען אלע איבלען פון קאפיטאליזם, זייער ווירקונג איז בלויז אין א געוויסען ווינקעלע פון געזעלשאפטליכען לעבען, אבער די ווירקונג קען זיין א גרויסע. און וואלטען די ארבייטער אויך גענומען זיך צו ארגאניזירען קאאפעראטיווען, וואלטען זיי דערפון פיעל געוואונען. קאפיטאליזם, ווי עס ווייזט אויס, וועט דאך נאך ניט גיך ארונטערגעהן.

צוויי מיטינגען פון מיטגליעדער פון לאקאל 1

פון פ. קאטלער.

דער לעצטער ערשטער מאי האט זיך אויסגעצייכענט מיט פיעלע פאסירונגען, וועלכע זיינען די ערשטע אין דער היסטארי פון אונזער געבענשטער פרייער מדינה, פאסירונגען אזעלכע וועלכע האבען געצוואונגען די קאפיטאליסטישע פארשטעהער צו מאכען ערקלערונגען וועגען די אומרוהיגקייט פון די ארבייטער, וואס זיי האבען ביז יעצט אימער איגנארירט. אויך אונזערע דזשאינט באארד לאקאלס האבען יעדער אויף זיין אייגענעם אופן געפייערט דעם 1טען מאי, ווער מיט קאנצערטען און ווער מיט מיטינגען.

אונזער לאקאל האט קיין ספעציעלע מאי פייערונגען ניט פאראנשטאלטעט. עס זיינען נאר אפגעהאלטען געווארען צוויי מיטינגען וועלכע האבען כאראקטעריזירט דעם גייסט און די שטימונג פון אונזערע מעמבערס.

סאדאווסקי'ס שאפ פייערט דעם ערשטען מאי

דער ערשטער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען פון די ארבייטער פון ד. סאדאווסקי'ס שאפ, אין בעטהאווען האלל. סאדאווסקי'ס שאפ איז שוין ביי אונז געווארען אן אינסטיטושאן און ווען נאר מען דערמאנט סאדאווסקי'ס שאפ, ציהט דאס די אויפמערקזאמקייט פון די אפערייטארס. ווען מיר זאגען די אפערייטארס איז דערפאר, ווייל זיי זיינען די הויפט צוציהונגס-עלעמענט, ווארום וואס אנבאלאנגט די פרעסערס, זיינען זיי אלע מאל דארטען געווען ארגאניזירט און די איבעריגע פאכען האבען אין שאפ קיין מאל קיין גרויסע ראלע ניט געשפיעלט. די אפערייטארס אבער האבען אלע מאל געגעבען געגנוג קאפ דרעהעניש דער יוניאן. עס איז נאך פריש אין זכרון ביי פיעלע אפיסערס פון דער יוניאן יענע, אמאליגע צייטען.

יעצט איז סאדאווסקי'ס שאפ א גוטער יוניאן שאפ. מען ארבייט דארטען פון וואך און פאר דער צייט וואס דער שאפ איז ארגאניזירט געווארען, זיינען די ארבייטער געווארען איבערצייגטע און גוטע יוניאן לייטע און זיי האבען דאס שוין ארויסגעוויזען אין פארשיידענע פעלע. אבער אז זיי זאלען אליין סטאפען פון דער ארבייט דעם 1טען מאי און פארלירען א טאג ווייזשעס, דאס האבען אפילו די גרעסטע אפטימיסטען ניט ערווארטעט. און דאך איז דאס געשעהן. די אפערייטארס פון סאדאווסקי'ס שאפ האבען באשלאסען ניט צו ארבייטען דעם 1טען מאי, טאקע צוליעב דעם ערשטען מאי. און ניט נאר האבען זיי געסטאפט אליין, נאר זיי האבען אויך די קאטערס געמאכט צו סטאפען און אלע זיינען געקומען אין האלל פייערען דעם 1טען מאי, אז ס'איז געווען א פארגעניגען צו זעהן! און דער מיטינג איז ווירקליך געווען א זעהר ענטוזיאסטישער.

דער גרויסער בעטהאווען האל איז געווען פארזעצט פון סאדאווסקי'ס בעלי-מלאכות. אויבען און אויפ'ן פלאטפארמע זיינען געזעסען די ביזנעס איידזשענטס פיין און שאצבערג; סילווערמאן, מעלטצער און קאפלאן, פון די עקזעקוטיווע פון לאקאל 1, און פיטשערסקי, פון לאקאל 3.

דער טשערמאן, ברודער גייבעל, האט געעפענט דעם מיטינג און רעדען מעניני דיומא זיינען געהאלטען געווארען פון די ברידער פיין, שאצבערג, מעלצער, קאפלאן און גאלדבערג און אויך פון די ברידער שווארץ, אשפיז און סאבעל, וועלכע ארבייטען אין יענעם שאפ.

די שטימונג איז געווען א יום-טוב-דיגע. מען האט דאס געקענט אראפלעזען פון די געזיכטער פון אלע אנוועזענדע, פון די ברידער, אזוי אויך פון די עטליכע געצעהלטע אקטיווע שוועסטער, אז דאס איז ניט בלויז געווען א שאפ מיטינג, וואו זיי האבען דעמאנסטרירט זייער אייניגקייט אין שאפ, נאר אז דאס איז געווען אן אלגעמיינער ארבייטער יום טוב אויסגעדריקט אויף א געהעריגען אופן. עס זיינען געווען מאמענטען ווען דער עולם האט זיך דערהויבען צו א שטופע פון עקסטאז, פון גרויס ענטוזיאזם, איבערהויפט ווען עס איז פארגעלעזען געווארען די רעזאלוציאן, וועלכע פאדערט די באפרייאונג פון גענאסע דעבס און טהאמאס מוני.

בראוואָ, ארבייטער פון סאדאווסקי'ס שאפ!

דער מיטינג אין הארלעם.

דער צווייטער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין הארלעם. און אפגעזעהען פון דעם וואס עס האט געגאסען אן אומאויפהערליכער שלאקס רעגען און דער אדווערטייזמענט איז געווען צודרעהט, איז דער מיטינג דאך געווען פארהעלטניסמעסיג גוט באזוכט. קיין טאגעס-ארדנונג איז ניט געווען צוגעגרייט, האט דער עולם אויפגענומען די פראגען וועלכע אינטערעסירען איהם אם שטארקסטען. וועגען דעם בעפארשטעהענדער גענעראל סטרייק.

דער מיטינג איז אפילו פון אנפאנג אביסעל אראפ פון וועג, אבער דאס איז געווען די שולד פון דעם וואס עס איז ניט געווען קיין אנגעגרייטער טאגעס ארדנונג און קיין אייגלייטער, וועלכער זאל קלאר ארויסברענגען די פונקטען, האט יעדער איינער אויפגענומען אן אנדער פראגע און עס איז קיין טאלק ניט געווען. ווען אבער דער שרייבער פון דיזע ציילען איז געקומען און האט קלאר געמאכט די פונקטען, וועלכע זיינען פריהער ניט קלאר ארויסגעבראכט געווארען, האט דער מיטינג אנגענומען אנאנדער כאראקטער און א רעזאלוציאן איז אנגענומען געווארען וועלכע פארפליכטעט יעדען אפרייטאר צו ארבייטען אין סטרייק מיט די גרעסטע ענערגיע און אפפערווילינקייט ביז די פאדערונגען, וועלכע די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, זאלען געוואונען ווערען.

דער מיטינג האט זיך געענדיגט אין א זעהר געהויבענער שטימונג און אפילו ווען דער מיטינג איז שוין געווען צו ענדע, זיינען נאך אלץ געשטאנען רעדלעך און דיסקוטירט צווישען זיך וועגען די פאדערונגען און וועגען דעם ערווארטעטען סטרייק.

אפליקאנטען אויפמערקזאם!

אלע די וועלכע האבען אויסגעמאכט אפליקיישאנס פאר מעמבערשיפ און האבען נאך זייערע ביכלעך ניט ארויסגענומען, זיינען געבעטען דאס גלייך צו טאן. און אבוואהל די סיסטעם פון אטענדען די אלע אפליקאנטען וועט אין צייט פון סטרייק ניט געענדערט ווערען, איז אבער פון זייער אייגענע טובה וועגען בעסער זיי זאלען ארויסנעמען די ביכלעך וואס פריהער אום זיי זאלען ניט פארלירען זייערע דעפאזיטס, און נאכ'ן סטרייק וועט זיין פיעל שווערער צו ווערען א מעמבער ווי יעצט.

די טשערלייטע זיינען געבעטען צו לאזען וויסען וועגען דעם צו אלע אפליקאנטען, וועלכע זיי ווייסען.

פ. קאטלער, מענ. ל. 1.

אונזער אמת'ע רעוואלוציע

פון ליליען וואלאך.

„אויב מיר ווילען נים זיין בראוו און אינטעליגענט גענוג צו באזייטיגען די איבלען פון דער געגענווארט, וועלען מיר קיינמאל נישט דערגרייכען די ברכות פון דער צוקונפט.“ — דויש. סט. פאינטז.

איך האב קיינעם נישט ליעב צו נארען און זיך אויך נישט, דערפאר מוז איך זאגען, אז מיר זענען נאך זעהר ווייט פון צו זיין בראוו און אינטעליגענט! אמאל האב איך געדענקט אז אלעס וואס אונז פעהלט, איז פרייהייט, און אזוי ניך ווי מיר ווערען פריי, וועלען מיר באלד מאכען א גן עדן פון אונזער וועלט. יעצט אבער זעה איך אז דאס איז געווען א קינדישער געדאנק.

מיר דארפען פארשטעהן ווי צו פאדערען פרייהייט, און ווען מיר קריגען פרייהייט, דארפען מיר פארשטעהן ווי זי אויסצונוצען.

מיר זענען נישט אינטעליגענט גענוג צו האבען אונזערע אייגענע מיינונגען. מיר לאזען זיך איינרעדען און אויפרייצען ווען איינער קומט צו אונז מיט א פאר שעהנע פראזען, שרייען מיר: הורא! נאך איידער מיר טראכטען איבער וואס ער זאגט. און ווען באלד קומט א צווייטער און רעדט פונקט דעם היפוך פון דעם ערשטען, שרייען מיר ווידער הורא, און מיר זיינען באלד גרייט דעם ערשטען צוצורייסען אויף שטיקער.

און שפעטער קומט א דריטער און דערקלערט, אז יענע זיינען ביידע ליגנער, נאר ער איינער איז אן אמת-זאגער, שרייען מיר פאר איהם הורא!

און ווער עס איז א גרעסערער ליגנער, דער איז דער זיעגער. צו דעם עהרליכען מענשען הערט מען זיך זעלטען צו אדער מען ערקלערט איהם נאר פאר א פאלקס פיינד.

מיר פארשטעהן זיך נאך נים אויף עהרליכקייט, מיר ווילען דאס ערשט פארשטעהן ווען מיר וועלען קענען דענקען.

דאס ערשטע וואס מיר דארפען איז, ווי איבסען האט געזאגט; א רעוואלוציע אין אונזער גייסט.

ווי אזוי זאלען מיר די רעוואלוציע מאכען?

גרויסע בילדונגס צענטרען האט פאר אונז די „אינטערנעשיאנאל“ אויפגעבוים, און מיר האבען טויזענדער מעמבערס אין אונזער ארגאניזאציע, און דאך זיינען פיעלע בענקלאך ליידיג אין די קלאסען וועלכע מיר האבען אין וואשינגטאן אורווינג.

איך וויים ווי מען פיהלט ווען מען קומט אהיים פון דער ארבייט, ווען מען איז א גאנצען טאג געווען פארשפארט ווי אין א פריזאן, אהן לופט, אהן זון-שיין, אהן ליעבע און אהן צערטליכקייט, אבער מיר מוזען זיין יענע מענשען וואס שטעלען זיך העכער פון זייער אלטעגליכען לעבען, און זיינען שטארק גענוג צו קעמפען מיט זייערע אומשטענדען. דארום וואלט איך וועלען אז די ביינקלאך אין אונזערע קלאסען זאלען נישט שטעהן ליידיג, נאר מיר זאלען זיך אלע צוזאמענקומען ווי אמת'ע שוועסטער און ברידער.

אונטער אלע אומשטענדען מוזען מיר קריגען אמת'ען וויסען, ווייל נאר דאן, ווען מיר וועלען זיין אינטעליגענט גענוג צו פארשטעהן, וואס מיר ווילען און ווי דאס צו פאדערען, וועלען מיר דאס קריגען.

איך וויל דא אבער ספעציעל רעדען צו מיינע שוועסטער, נישט ווייל איך דענק, אז די ברידער זיינען נים גוט גענוג, און נישט דערפאר, נוייל איך האב זיי וויינגער ליעב; נאר דערפאר, ווייל איך גלויב אז די פרויען זיינען די יעניגע וועלכע קענען זעהר פיעל העלפען צו באזייטיגען די אלע איבלען פון וועלכע מיר ליידען.

דאס, וואס מיר האבען נאך אזוי פיעל פינסטערניש אין אונזער וועלט איז נאר דערפאר, ווייל די פרויען זיינען געווען און פיעלע זיינען נאך יעצט אויך, שרעקליך פארשקלאפט, פארשקלאפט אין יעדער הינזיכט.

און אויך פארשקלאפט צו פארשידענע נישט ווירדיגע קליינינקייטען. זיי טוען זעלטען דאס, וואס זיי פיהלען און ליעבען צו טאן, נאר דאס וואס אנדערע טוען: וואס עס איז סטייליש.

די לעצטע יארן איז אזוי סטייליש געווארען צו לעזען ביכלעך און געהן צו אפערעס און קאנצערטען, ווי עס איז סטייליש געווארען צו טראגען פוטערנע פאלערינקעלעך אין מיטען זומער.

לעצטען דזשולאי בין איך פיעל מאל נאכגעגאנגען די ליידיס (איך מיין נישט די רייכע, איך מיין, אונזערע ארבייטער-פרויען) וואס האבען געטראגען פוטערנע פאלערינקעלעך, און איך האב זיך צוגעקוקט ווי זיי ווערען צושמאלצען פון היץ און פון שוויים, אבער עס איז דאך סטייליש!

פון דעם סטייל צו לעזען ביכלעך בין איך גראדע צופרידען, אבער איך וואלט וועלען אז מיר זאלען נישט לעזען דערפאר ווייל עס איז סטייליש, נאר דערפאר ווייל מיר ליעבען צו לעזען. און פון יעדען ביכעל וואס מיר לעזען איבער, זאלען מיר ארויסנעמען די ליכטיגקייט און זיסקייט און אריינברייגגען זיי צו זיך אין די הערצער און אין די קעפ.

אויך צו קאנצערטען וואלט איך וועללען מיר זאלען געהן, אבער נישט דערפאר ווייל אנדערע געהן, נאר דערפאר ווייל מיר ליעבען די זיסקייט פון דער מוזיק, וועלכע באגייסטערט אונז, וועלכע גיסט זיך אריין אין אונזערע הערצער און מאכט אונז עדלער פיהלען און דענקען.

במעט אין יעדען הויז ביי דעם ארימסטען ארבייטער איז פאראן א פיאנא און מען לערנט די קינדער מוזיק. עס איז זעהר שעהן און גוט איינצופלאנצען אין די קינדערשע הערצלאך ליעבע צו שענקייט און זיסקייט, ווי די מוזיק איז. ליידער אבער, טוען דאס אונזערע מאסען נישט, זיי קויפען נאר א פיאנא, ווייל אנדערע קויפען, ווייל עס איז סטייליש. אפטמאל הער איך, ווי די מאמעס באקלאגען זיך איינע פאר דער צווייטער מיט די ווערטער: „איך שלאג און הרג'ע און זיי ווילען נישט פראקטיסען“.

צוריק מיט א פאר יאהר זיינען דאקטוירים געווען זעהר אין סטייל. אזוי ווי דאס קינד איז נאר געבוירען געווארען, פלעגט זיך יעדע מאמע ווינשען: „אוי, גאטעניו, א דאקטאר זאל ער מיר נאר זיין!“

דאס ערשטע ווארט וואס מען האט געלערנט דאס קינד- איז געווען דאקטאר.

און זונטאג, ווען לאנדסלייט און געסט פלעגען קומען און די מאמע האט זיך געוואלט אויספיינען מיט איהר קינדס חכמה, פלעגט זי א רוף טאן: „משה'לע, דערצעהל נאר, וואס דו וועסט זיין“! און דאס פארמאטערטע קינד פלעגט זאגען „א דא-טא“.

יעצט זיינען שוין דאקטוירים ארויס פון סטייל און זייער פלאץ האבען פארנומען מישא עלמאן און יאשא חפץ, און יעדע מאמע וויל פון איהר קינד מאכען א מישא עלמאן אדער כאטש א יאשא חפץ.

שלאגט מען און מען פייניגט די ארימע קינדערלאך, אז זיי זאלען פראקטיסען, און נישט נאר פלאנצען די מאמעס נים איין קיין ליעבע צו עדעלקייט און שענקיים אין זייערע קינדער'ס הערצער, נאר דאס ביסעל ליעבע וואס עס איז דא אין די קינדישע הערצלאך קלאפען די מאמעס ארויס. ווען איך געה דורך די גאסען, וואו אונזערע ארבייטער וואוינען און באטראכט די קינדערלעך, ווי עלענד און אונערצויגען זיי זיינען, ווייגט אין מיר מיין הארץ... איך זעה פאר זיך פיזישע און גייסטיגע קריפעלס.

און דאך קען איך נישט באשולדיגען די מוטער וואס האנדעלט אזוי: ווארום זאל איך זי באשולדיגען? האט מען זי דען בעסער ערצויגען? האט מען זי דען געלערנט? פון וואנען זאל זי וויסען און פארשטעהן? זי איז דאך נישט מעהר ווי א שקלאף ביי א שקלאף.

אבער יעצט זעה איך ווי עס פאנגט שוין אן ליכטיג צו ווערען. עס פאנגט שוין אן צו טאגען, און מיינע שוועסטער פאנגען אן ביסלעכווייז זיך אויפצוכאפען פון זייער פינסטערן שקלאפישן שלאף און באלד וועט די זון אויפגעהן און דאס אנפאנגען שיינען איבער דער גאנצער וועלט.

אונזערע עלטערען האבען געדענקט, אז פרויען דארפען נים לערנען, זיי האבען געגלויבט און פיעלע גלויבען נאך יעצט אז א געלערנטע פרוי קען נים זיין קיין גוטע בעל-הבית'טע.

וואס פאר א גרויסען טעות זיי מאכען. איך מיין, אז נאר אן אינטעליגענטע פרוי קען זיין א גוטע בעל-הבית'טע, אבער נישט נאר א בעל הבית'טע דארף די פרוי קענען זיין. פריהער פון אלעם דארף זי קענען זיין א ערציהערין און א קאמפאניאן. ווי קלוג און ווי גוט א מאן זאל נים זיין, ווערט ער טויזענד מאל עדעלער, בעסער און היגגעריסען ווען ער איז אין דער געזעלשאפט פ.ון אן איידעלער פרוי.

די פרוי מיט איהר איידעלער צארטער ליעבע איז פעהיג אויפצושליסען דעם מאנס הארץ און אויפוועקען אין איהם בעסערע, איידעלע געפיהלען און ארויסרופען אין איהם די בעסטע אייגענשאפטען וואס ער באזיצט פון וועלכע ער אליין וויסט גאר נים.

דזשאהן סטוארט מיל, דערצעהלט ווי וויינינ ער האט זיך געקענט און ווי ווענינ ער האט פארשטאנען זיינע ושעניאלע אייגענשאפטען איידער ער האט באגעגענט מרס. טעילאר, וועלכע איז געווארען זיין אינטימע פריינדין, און מיט וועלכע ער האט געהייראט ערשט מיט צוואנציג יאהר שפעטער. אין אלץ וואס ער האט געשריבען, זאגט ער, האט זי א גרעסערען חלק פון איהם.

איך בין זיכער אז מיר וואלטען קיין מאל נישט געווען געהאט אזא דזשאהן סטוארט מילל ווען מערי טעילאר וואלט נישט געווען זיין פריינדין. מיר וואלטען קיינמאל נישט געווען געהאט אזא גרויסען געטהע, ווען ער וואלט נישט געווען געהאט אזא איידעלע מוטער און אזא וואונדערבארען קאמפאניאן ווי שארלאט פאן שטיין, וועלכע ער האט באגעגענט אין 1777. און טראץ דעם וואס זי איז געווען פארהייראט צו איין אנדער מאן און ער צו איין אנדער פרוי, האט זייער וואונדערבארע פריינדשאפט אנגעהאלטען 51 יאהר, ביז דעם טאג פון איהר טויט דעם 5טען יאנואר 1827.

איך האב די צוויי ביישפיעלע געבראכט דערפאר ווייל מאנכע מענשען דענקען אז פרויען זיינען נישט פעהיג צו זיין פריינד. איך מיין נישט צו זאגען, אז אלע פרויען זיינען שארלאט'ס אדער מערי טעילארס. איך וויים אז אזוינע פרויען האבען מיר וויינינ, אזוי ווי מיר האבען וויינינ געטהע'ס און מילל'ס. אבער איך בין זיכער אז יעדע פרוי באזיצט א גרויסען טייל פון דיזעלבע אייגענשאפטען: ליעבע, עדעלע געפיהלען, מוט און גייסט.

אבער נישט אלע זיינען זיך באוואוסט אז זיי באזיצען דאס. די שענסטע בלום, ווען זי איז פארוואקסען מיט שטעכיגע דערנער, זעהט מען נישט ארויס.

וואס דארפען מיר טאן? מיר דארפען קולטיווירען די בלומען, וואס מיר האבען אין אונזערע הערצער. מיר דארפען ארויסרייסען די שטעכיגע דערנער, און דערנעהנטערן זיך צו דער זון.

אונזער יוניאן האט געעפענט פאר אונז עדיוקיישיאנאל צענטערס, אבער דאס איז נאר אן אנפאנג, מיר דארפען זיי מאכען ברייטער און גרעסער. מיר דארפען זיי צושפרייטען איבער דעם גאנצען לאנד-און איבער דער גאנצער וועלט.

קומט! לאמיר לערנען! פארגעסט אז איהר זענט מיעד. קומט! לאמיר זיך דערנעהנטערן צו דער זון. קומט! זאלען מיר ציינען דער וועלט א ביישפיעל און זאלען אונז אלע נאכפאלגען.

אבער נים נאר לערנען דארפען מיר, לערנען אליין איז נישט גענוג, מיר דארפען זיך בעסער ארגאניזירען. מיר הארפען זיין בעסער פאראייניגט ווי מיר זיינען. און נאך פיעל אנדערע ארבייטען דארפען מיר טאן. אבער דאס אלעס מוזען מיר טאן מיט ליעבע, מיט שטארקער, מיט טיעפער ליעבע, ווי נאר פרויען קענען ליבען... איך וויל, אז די צוקינפטיגע מוטער זאל ווערט זיין דעם נאמען מוטער! איך וויל אז אנשטאט אויסגעפארנישטע צימערען זאלען מיר האבען היימען, וועלכע זאלען זיין היילינע טעמפלען. וואו הארמאניע, איבערגעבענהיים, ליעבע, פריינדשאפט און פרייהייט זאל הערשען.

און צוזאמען מיט מיין פיעל געליעבטען העגריק איבסען רוף איך אויס:

„דאס זיינען די פרויען וועלכע ווילען אפשאפען אלע איבלען און לייזען די צוקונפטס-פראבלעמען.

דאס ווארט

פון מ. פערעלמוטער.

1

ער האט ארויסגערעדט דאס ווארט —
נים ער:
ס'האט אימיצער דאס ביוזוויליג פון צונג
ביי איהם אראפגעשארט,
און באלד, אין זעלבען אויגענבליק
האט ער דערשפירט,
אז אלץ איז שוין פארביי,
ניטא קיין וועג צוריק:
דאס ווארט איז, ווי א וואנד,
א בלינדע, טויבע וואנד,
געשטאנען צווישען זיי,
און איינער האט דעם צווייטען נים געהערט

און נים געזעהן —
אין הארץ האט איהם געהאמערט
און געקלונגען אנגסטליך-באנג:
— אך, ווי איז דאס געשעהן?! —
נאר ס'איז געווען צו שפעט:
דאס ווארט
איז שוין אצינד נים, ווי א וואנד,
נאר ווי א בארג
געשטאנען צווישען זיי —
דאס איינע, פראסטע ווארט...

2

טרערען זיינען איהר געשטאנען:
— ליעבער! ליעבער! —
זעה, דו געהסט אוועק פון דאנען,
לאזט מיך איבער...

טרערען האבען איהם געמאטערט,
שטום גע'טענה'ט:
זעה, מיין הארץ פון ליעבע פלאטערט,
נאר איך שריי נים...

נאר דאס ווארט האט אלץ געהויערט
אין דער מיטען
און דערוויטערט, און געבויערט,
און געשניטען...

זעגנענדיק זיין ווייב, פרעגענדיג איהם, פאר וואס ער האט געזאגט א ליגען. אברהם האט געענטפערט, אז ער האב געזאגט אז שרה איז זיין שוועסטער ווייל ער האט געציטערט פאר זיין לעבען, קיין ליגען האט ער אבער ניט געזאגט. זי איז די טאכטער פון אברהם'ס פאטער, ניט אבער פון איין מוטער. לויט די געזעצע פון יענער צייט האט מען גע־האט דאס רעכט חתונה צו האבען מיט ברידער און שוועסטער פון טאטענס צד.

נאט האט פארשפראכען אברהם'ען צו פארמעהרען זיין דור, מאכענדיג איהם פאר דעם „פאטער פון נאציאנען" און שרה'ן פאר די „מוטער פון נאציאנען". נאט האט פארשפראכען, האט דאס אל־זא פאסירט. פאר נאט עקזיסטירען ניט קיין אוממעגליכקייטען. שרה האט אל־זא געבארען א זוהן, וועלכען אברהם האט א נאמען געגעבען יצחק. שרה האט ניט געוואלט, אז הגר'ס זוהן זאל צוזאמען מיט יצחק'ן ירש'ענען אברהם'ען. זי האט אל־זא געפאדערט פון איהר מאן, אז ער זאל באזייטיגען ישמעאל'ן. אברהם האט דאס ניט געוואלט טאן, ווייל איהם האט וועה געטאן דאס הארץ פאר זיין עלטערען זוהן. אברהם איז אבער געוואוינט גע־ווען צו בעראטען זיך מיט נאט וועגען יעדער וויכטיגער אנגעלעגענהייט. און דאס האט ער אלזא געטאן אין באצוג צו שרה'ס פאדערונג. נאט האט איהם גע־הייסען צוהערען זיך צו זיין ווייב, צו יצחק'ס מאמען. וואס אנבאלאנגט צו הגר'ס זוהן, האט ער פארשפראכען אברהם'ען, אז אויך ישמעאל'ס דור וועט זיך פארשפרייטען. אברהם איז אויפגע־שטאנען גאנץ פריה, און האט ארויסגע־פיהרט הגר'ן און איהר זוהן פון זיין הויז, געבענדיג זיי אויפ'ן וועג א שטיק ברויט און א פלאש וואסער. הגר האט געוואנ־דערט מיט ישמעאל'ן אין דער ווילדער־ניש. דאס וואסער איז אויסגעגאנגען און הגר האט אוועקגעזעצט איהר זוהן אויף א קוסט, אליין האט זי זיך אוועקגעזעצט ווייט פון איהם, ניט קענענדיג צוזעהן מיט איהרע אויגען, ווי איהר קינד שטארבט. זי האט ביטער געוויינט. נאט האט דערהערט איהר שטימע. און א מלאך האט איהר געזאגט, אז איהר זוהן וועט לעבען, און זיין דור וועט זיין פאר־שפרייט אויף דער ערד. הגר איז געווא־רען פרעהליכער פון דיעזע ווערטער. זי האט געעפענט איהרע אויגען און האט דערזעהן א וואסער שטראם; זי האט אנגעפילט איהר פלעשעל, און האט גע־געבען דעם אינגעל א טרונק. ישמעאל איז אויסגעוואקסען אין דער ווילדערניש. זיין מאמע האט איהם גענומען א ווייב פון מצרים.

אברהם איז געווען א טרייער, איבער־געבענער פאטער, א גוטער מאן, אן אויס־געצייכענטער בעל הבית. ער איז געווען צוגעבונדען צו זיין לאנד, צו זיין פאמי־ליע. טייערער אבער פאר אלעם איז פאר איהם געווען נאט'ס ווארט, נאט האט אין דעם ניט געצווייפעלט. ער האט פון דעסטוועגען געוואלט איהם אויספרו־בירען און האט איהם געהייסען בריי־גען אן אפפער, — צו שעכטען זיין איי־נענעם זוהן. אברהם האט געטאן, ווי נאט האט איהם געהייסען. ער האט גענומען זיין זוהן און איז מיט איהם אוועק גע־פאהרען צום פלאץ, וואו נאט האט בא־שטימט. ער האט געלייגט האלץ, גע־מאכט א פייער און אוועקגעלייגט זיין איינציגען זוהן. יצחק איז ערצויגען גע־ווארען אין אזא ליעבע צו נאט, אז ער האט געשוויגען. ביי דער פראצעדור, ווען אברהם האט געוואלט אויפהויבען די האנט מיט'ן מעסער, האט נאט איהם געהייסען ניט טשעפען זיין זוהן. און שרה? זי האט פון דער גפאהר ניט געוואוסט. נאט האט ניט געוואלט פארוואונדען דאס הארץ פון א מאמען. אברהם האט אויך ניט דערצעהלט דער פרוי וועגען דער גע־פאהר.

אברהם האט געשיקט זיינעם א גע־טרייעם דיענער אין לאנד, וואו ער איז געבארען געווארען צו זוכען א פרוי פאר זיין זוהן. ער האט דעם דיענער גע־שיקט מיט טייערע מתנות פאר דער כלה און איהר מאמען. דער דיענער האט בא־שלאסען צו קלייבען א כלה אויפ'ן פאל־גענדען אופן. „אין אווענט, ווען די אנ־געזעהענע מיידלאך מיט זייערע דיענסטען געהען מיט די קרוגען נעהמען וואסער אהיים, וועט ער אויסקלייבען צווישען זיי א מיידעל, וועלכע וועט אנפאיען איהם און זיינע קעמלען. דיעזע, האט ער גע־גלויבט, איז באשטימט פון נאט. אין אווענד האט ער ביים ברונען באמערקט רבקה'ן צוליעב איהר שעהנקייט. זי איז צו איהם צוגעגאנגען, האט אראפגענומען דעם קרוג פון איהרע אקסלען און האט אנגעפאיעט איהם און זיינע קעמלען. דאן איז ער אוועק אין איהר הויז. רבקה האט איינגעוויליגט צו ווערען יצחק'ס ווייב. זי איז אוועקגעפאהרען מיט אברהם'ס דיענער קיין כנען. אויפ'ן וועג — ניט ווייט פון אברהם'ס הויז, האט זי דערזעהן יצחק'ן. זיי האבען נייגעריג אנגעקוקט איינע די אנדערע. יצחק איז אוועק אהיים, רבקה האט פארדעקט איהר פנים מיט א וואואל. אין דער היים האט דער דיענער דערצעהלט יצחק'ען די איינ־צעלהייטען. „און יצחק האט געבראכט רבקה'ן אין זיין מוטער'ס הויז, און האט גענומען רבקה'ן, און זי איז געווארען זיין ווייב, און ער האט זי געליעבט"...

שרה איז געשטארבען אין אלטער פון 127 יאהר.

אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ביי דער ארבייט*)

פון ש. יאנאווסקי.

איידער איך טרעט צו צום סאמע ענין, וויל איך ווארנען דעם לעזער, ער זאל ניט מיינען, אז איך געה דא באשריי־בען יעדע איינצעלהייט פון די דריי זיצונ־גען וואס איך האב בייגעוואוינט, איך מיין די זיצונגען פון פרייטאג און שבת. דאס איז אונמעגליך. איך קען אויך דא ניט איבערגעבען אפילו א טייל פון די איינ־דריקע, וואס איך האב געקראגען פון די פערזענליכע געשפרעכען מיט די וויים־פרעזידענטען: קאלדאווסקי פון טאראנ־טא; סקולמאן פון שיקאגא און סילווער פון פילאדעלפיא. איך קען דא ניט אי־בערגעבען די ווירקליך אינטערעסאנטע מיטטיילונגען זייערע סיי איבער זיך זעלבסט און סיי איבער דעם וואס זיי האבען אויפגעטאן. איך וועל עס טאן שפעטער, אנאנדער געלעגענהייט. גענוג וועט זיין ווען איך וועל איצט זאגען, אז ברודער סילווער, למשל, אין פילאדעלפיא, האט אויפגעטאן אין די לעצטע דריי יאהר א ריזען־ארבייט. ווען ער איז אנ־געקומען אין פילאדעלפיא, האט ער געפונ־נען אן ארגאניזאציע פון איינינע מיידלעך וועלכע איז געגאנגען אונטער דעם נאמען ליידיס ווייסט מייקערס יוניאן. פאקטיש איז דאס געווען אן ארגאניזאציע, וואס האט נאך גארניט עקזיסטירט. איצט קען ער זיך באריהמען צו האבען ארגאניזירט דעם גאנצען ליידיס ווייסט מאכער טרייד. די יוניאן פון די ליידיס ווייסט מאכער אין פילאדעלפיא איז ווירקליך א מוס־טער־יוניאן אין דעם בעסטען זין פון ווארט, ווייל זי ענטפערט ניט נאר אויף די באדירפניסע פון דער ליידיס ווייסט מייקערין, אלס ארבייטערין, נאר אויף אלע איהרע באדירפניסע, אלס מענש, אלס סאציאלער וועזען. די יוניאן האט אין פילאדעלפיא א גרויסע הויז, אין וועלכען די מיטגליעדער האבען זייערע שאפ־מיטינגען, און וועלכע די יוניאן זעלבסט האט אלע איהרע ביזנעס, א גימ־נאזיום פאר די מיידלעך צו שווימען, א קלאס זיך צו לערנען טאנצען, א קלאב צו לערנען שפילען, זינגען, און זי געהט נאך איינפיהרען באלד א לאנטש־רום. א חוץ דעם האט די יוניאן אויסגעפיהרט אין דעם משך פון די דריי יאהר אויפציהען אן אייגענע זומער־ווילא, א יוניטי־הויז אין קאנטרי, וועלכע האט געקאסט דער יו־ניאן 40 טויזענד דאלער, און וועלכע איז פאלשטענדיג אויסגעצאהלט.

ווען איך בין אריינגעקומען אין דעם ארבייטער־טעמפעל, האט דארט געקאכט ווי אין א ביהנשטאק. אין יעדען צימער איז עטוואס געטאן געווארען. אין איין צימער זיצט בארנשטיין אלס א דזשאדזש איבער א געוויסע שאפ־פראגע. פון זיין פארפלאמטען פנים איז קענטיג, אז די פראגע מוז זיין ניט קיין גאנץ לייכטע, און שנעל מאך איך צו די טיר הינטער זיך, און טהו זיך א קעהר אין אנאנדער ווינקעל. דיזעלבע קאכעדיגקייט, דיזעלבע ביזי איבעראל. דא גיט א מיידעל רע־סיטס פאר דיוס, וואס אנאנדער מיידעל דערלאנגט; אין אנאנדער ווינקעל, אויף א שטוהל ביי אנאנדער פענסטער טהראנט מיס ראזענפעלד, מיט וועלכער מיס קע־נאן האט שוין אונז פון פריהער באקאנט געמאכט, און וואוהין איך טהו נאר א בליק אין יעדען צימער אין יעדען ווינ־קעל, מען רעדט, מען דעבאטירט, מען קאכט זיך, מען איז ביזי.

אויף מיין גליק, ריכטיגער, אויף אונ־זער גליק, ווייל איך בין געקומען אין דער באגלייטונג פון בוראוו און זיידמאן, איז דאן גראדע געווען די שטונדע פון זינגען און שפילען. און מיר זיינען געווען אי־בערראשט צו זעהן א היבשען צימער אנ־געפילט מיט מיידלעך פון פארשידענעם עלטער און אויסזעהן מיט מאנדאלינען אין די הענט, און שפילענדיג איינינע זא־כען גאנץ גוט, חאטש עס איז איינגאנצען צוויי מאנאטען, ווי זיי האבען זיך אנגע־הויבען צו לערנען. דאס זעלבע איז אויך געווען ביים זינגען, ווען ארום עטליכע און צוואנציג מיידלעך האבען געזונגען אין כאר, חאטש ניט אלע מיט זעהר פרישע און שעהנע שטימען, אבער אלע מיט גרויס געפיהל.

עטוואס האט אביסעל פארשטערט מיין גרויסען פארגעניגען. איך האב, פונקט ווי פריינד בוראוו, באמערקט אין דעם כאר א מיידעל, וועלכע מיר ביידע האבען מיט יאהרען צוריק געקענט אלס זעהר שעהנע, א זעהר געזונטע. זי איז געווען דאן אין איהר פולער בליהונג. צו זעהן איצט איהר פארבליהטען, פארוועלק־טען פנים מיט אומעטיגע, כמעט אויסגע־לאשענע אויגען, איז פאר מיר, ווי פאר פריינד בוראוו, געווען עטוואס העכסט־פיינליכעס, און אין הארצען האב איך זיך געזאגט; אך, ווען אט אזא יוניאן וואלט געקענט אויפגעבויעט ווערען מיט עטליכע יאהר פריהער, קיינמאל, קיינמאל וואלט אט יענע בליהענדע שעהנהייט ניט גע־קענט ווערען אזוי עלענד, אזוי פארלאזען, אזוי חרוב. און איך האב געטראכט: וועט די איצטיגע יוניאן קענען כאטש וויפיעל עס איז גוטמאכען דאס, וואס די פריהעריגע ארבייטער־טעטיגקייט צוליעב איהר שוואכקייט און אונבאהאלפענקייט, האט ניט געקענט פארהיטען?

איך וואלט גערן זיך אפגעשטעלט אויף דער פערזענליכקייט פון דעם הויפט אויפטוער פון דעם אלעס, אייבראהאם סילווער, און דערצעהלען עטוואס, ווי ער האט עס מיר דערצעהלט, פון זיין לעבען, חאטש ער איז נאך זעהר יונג, אבער איך קען עס ניט איצט, ווייל אויב איך וואלט עס געטאן מיט איהם, וואלט איך געמוזט אויך געבען די פען־בילדער פון קאלדאוו־סקי, וועלכער האט זעהר פיעל שוין דורכ־געמאכט, פון סקולמאנען, וועלכער, ווי ער האט מיר דערצעהלט, האט זיך ממש אויפ־געהאדעוועט אויף דעם לאנדאנער „א. פ." און דער „פ. א. ש.", און דאן פון אלע אנ־דערע וויים־פרעזידענטען, וועמעס לעבען און טעטיגקייט איז זעהר און זעהר אינ־טערעסאנט, ווייל אזוי וויכטיג פאר טוי־זענדע און טויזענדע, וועמען זיי האבען פארהאלפען צו א בעסערען, שעהנערען לעבען. אבער דאס קען איצט ניט גע־טאן ווערען, ווייל איך וויל דא איבערגע־בען אייגענע איינדריקע פון די דריי זי־צונגען, וואס איך האב בייגעוואוינט, ניט אלס מיט־טיער, נאר אלס שטומער עדות.

איך ווייס, אז ווען א מיטגליד פון דער „רענק ענד פייל" הערט, אז די דעלעגא־טען פאהרען אוועק צו א קאנגרעס, איז זיין ערשטער געדאנק: ני, אונזערע פיה־רער געהען שוין „לעבען א טאג". אט וועלען זיי קומען אין א פרעמדע שטאדט, וועט מען ערשטענס זיי קומען מקבל פנים זיין; מען וועט זיי ארויסנעמען אין אטאמאבילס, ווייזען די שטאדט, נאכ־הער וועט מען זיי נעהמען אין טעאטער, אין אפערא און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

ווי ווייט עס איז די ווירקליכקייט פון אט דער פארשטעלונג! מיר האבען פאר־לאזען ניו יארק פרייטאג אום ניין אין דער פריה, געקומען זיינען מיר אין פילאדעל־פיא אום עלף; אבער קיינער האט אונז ניט ערווארט, קיינע אטאמאבילען אודאי ניט. מיר האבען געמוזט מוחל זיין אונ־זער כבוד און פארלאזען דעם דיפא צו־פוס, צוגעהן צום האטעל, באשטעלען א צימער פאר זיך, און אום עס זאל אויסמא־כען אביסעל ביליגער, צו נעהמען איין צימער פאר צוויי, און האבענדיג אלעס דאס אויפגעטאן, האבען מיר שוין געטראפען דארט פר. בוראוו, וועלכער איז געקו־מען פאר אונז מיט א פאר שטונדען פרי־הער, אום אלעס אנצוגרייטען, כדי מען זאל גלייך קענען צוטרעטען צו דער אר־בייט!

און ווירקליך, האלב נאך צוויי זיי־נען שוין אלע דעלעגאטען געווען אין האל, ד. ה. אין א קליינעם צימער, וואס איז געווען פונקט גענוג פאר אונזער ביסעל מענשען, און מען האט זיך גענומען צו דער ארבייט. ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשיאנאל, גיט איבער אין א קאנווערזאציאנס־טאן אלעס, וואס די אינטערנעשיאנאל האט דורכגעמאכט אין די לעצטע מאנאטען. ער רעדט שטיל, געלאסען פון די גרויסע אויסגעפאכטענע קעמפפע. פון די נייע זיגע, אבער אלע אנוועזענדע ווייסען, וואס דאס האט גע־קאסט, וועלכע אנשטרענגונגען פון טוי־זענדע און טויזענדע. ער דערצעהלט, אז דער ערשט־געענדיגטער ליידיס ווייסט מייקערס סטרייק האט געקאסט א האלבען מיליאן דאלער און — גארניט, אונזערע דעלעגאטען נעהמען עס אויף, דאכט זיך, אזוי געלאסען, כאטש מען קען לייענען דעם געפיהל פון שטאלץ און יובעל אויף יעדען פנים. ער גיט איבער די געשיכטע פון קאמף אהן דעם מינדעסטען פאטהאס, ער דערצעהלט פון די הונדערטע און הונדערטע, וואס זיינען ארעסטירט און פאראפאלגט געווארען אין דעם סטרייק. ער דערצעהלט די דאזיגע ווארהאפטיגע העלדען־געשיכטע, און חאטש זי ווערט ניט איבערגעריסען פון קיינע אפלאדיס־מענטען, אבער איהר פיהלט, אז אלע פיה־לען, אז דא ווערט דערצעהלט עטוואס גרויסעס, טיטאנישעס.

ער ענדיגט זיין רעפארט, און ברודער בוראוו זאגט אן זיין געשיכטע, וועלכע איז פונקט אזוי ריהרענד, פונקט אזוי ער־גרייפענד, און דערפאר ווערט זי אויפ־גענומען מיט דעם זעלבען טיפען ערנסט, אזוי, אז די פאלגענדע הסכמה פון די פארזאמעלטע זעהט אויס ניט מעהר ווי א ניט נייטיגע צערעמאניע. אין דער טי־פער שטילקייט, אין דעם גרויסען ערנסט האבען די גענעראלען געהאט די טיפסטע און שטארקסטע אנערקענונג פון די אלע אנוועזענדע.

עס פאלגען דאן די רעפארטען פון אנ־דערע וויים־פרעזידענטען, פון די ברידער קאלדאווסקי פון טאראנטא, פון סקולמאן פון שיקאגא, פון סילווער און אמדור פון פילאדעלפיא, פון זינגמאן פון ניו יארק, פון פערלשטיין פון קליוולאנד, און אלע, אלע אטעמען מיט ענטוזיאזם, מיט בא־גייסטערונג, מיט אן איינפאכער ערצעה־לונג פון דעם, וואס איז שוין אויפגעטאן געווארען, און פון וואס מען פלאנעוועט פאר די באלדיגע צוקונפט.

שטונדען געהען אוועק, און מען האלט אלץ אין דערצעהלען און דערצעהלען און אלץ אין אזעלכע איינפאכע ווערטער, און דאך אזוי אינטערעסאנט, אז מען באמערקט ניט די לויפענדע צייט, און עס פארדריסט פשוט וואס אין מיטען דעריינען קומט א קאמיטע פון דער דזשאינט באארד פון די קלאוק מאכער אין פילאדעלפיא און לאדעט איין די געסט צו א באנקעט, וואס איז פאראנשטאלטעט פאר זייער כבוד אויף מארגען אום עלף ביינאכט.

ווארים עפעס אום עלף? פארשטעהט איהר, די דזשאינט באארד פון די פילא־דעלפיער קלאוק מאכער האט אויך א מי־טינג, א וויכטיגען מיטינג, וואס קען ניט אפגעלייגט ווערען. אויך דארט גרייטען זיך די קלאוק מאכער צום קאמפף. אויך דארט וויל מען מאכען דיזעלבע רעוואלו־ציע אין דער אינדוסטריע, ווי די ניו יאר־קער. און דאן זיינען דאך די דעלעגאטען אויך ניט קיין ליידיג־געהער, איז די פא־סענדסטע צייט 11 אוהר ביינאכט.

נאטירליך, ענטזאגען זיך ניט די דע־לעגאטען. פרעזידענט שלעזינגער נעמט אן זייער איינלאדונג אין דעם נאמען פון אלע, און זינגמאן נעמט זיך ווידער דער־צעהלען וועגען דעם גאנצען קאמפף־פלאן פון די קלאוק מאכער אין ניו יארק.

איהר הערט איהם ריידען אין זיין עטוואס רייסענדער שטימע, אבער איהר באמערקט עס גארניט. איהר וואונדערט זיך, ווי גוט דער פלאן איז שוין אויסגע־ארבייט אין אלע זיינע איינצעלהייטען, ווי קיין זאך איז דא ניט איבערגעלאזען גע־ווארען צום צופאל, און איהר טראכט זיך: וואויל דער באוועגונג, וועלכע האט אזעל־כע ווייטזיכטיגע און איבערגעבענע גע־נעראלען. בארעכענט, אין דעם משך פון א פאר וואכען בלויז זיינען אריינגעקומען פון דעם ארויפגעלייגטען 5 דאלער טעקס 150 טויזענד דאלער. ווי געשיקט, ווי קלוג דאס האט אלעס געמוזט אויסגעאר־בייט ווערען, און אין וועלכער צייט, וועלכער באוויז פון ציעל־באוואוסטזיין פון דער גאנצער מיטגליעדערשאפט, ווייל די דאזיגע סומע וואלט ניט געקענט גע־שאפען ווערען, ווען אלע, אלע אהן אויס־נאהם וואלטען צו איהר ניט ביישטייערן.

(שלוס אויף זייט 18)

*) אונזער לעצטער נומער „גערעכטיג־קייט" איז פארהאלטען געווארען פון פאסט אפיס, אזוי, דאס די מייסטע לעזער פון ניו יארק און אנדערע שטעדט האבען דעם נומער ניט געלעזען. מיר דרוקען דארום איבער דעם רעדאקטאר'ס איינדריקע פון די מיטינגען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, גלוי־בענדיג, אז זיי זיינען פון א גאנץ באזונדערען אינטערעס פאר די מייסטע מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנעל.

רעדאקציע „גערעכטיגקייט".

— יאָ, דאָס איז געווען אויפ'ן באַרג אין יענער צייט, ווען עס האָט געבלאָזען דער ווינט.

— נו, צוקושט זיך שוין!

צאַרט האָט קאַרל גענומען אינגעבאָרגס קאָפּ אין זיינע הענד און געקוקט אויף איהר. ער איז געווען בלייך און זיינע אויגען האָבען געלויכטען. ער איז געווען שעהן אין זיין פאַרלאַנג־קייט און אין דער זעלבער צייט טריומפירענד. דאָס איז געווען קאַרל'ס אמת געזיכט. ער האָט אַ קוש געטאָן אינגעבאָרג אין די ליפּען. אינגעבאָרג איז רויט געוואָרען. זי האָט פאַרמאַכט די אויגען.

דערנאָך האָבען זיי ביידע זיך געפיהלט פאַרלאָרען און אנשוויגען געוואָרען.

אַ, ס'אַרא קינדער זיינען זיי געווען!

— מען דאַרף אַריינשטעלען נייע ליכט, — האָט אויפגערעגטערהייט געזאָגט אינגעבאָרג, און קאַרל האָט זיך אָנגעגאָסען אַ פול גלאָז און אין אויפרעגונג עס אויסגעטרונקען פאַר מיין געזונד.

אביסעל שפּעטער האָב איך געהייסען איינשפּאַנען דעם עקיפּאַזש און מיר זיינען אוועקגעפאָהרען אין וואַלד אַריין. עס האָט גענומען טאָגען.

אינגעבאָרג האָט געשוויגען. איהר האָט געצויגען צום שלאָף און זי האָט פאַרמאַכט איהרע אויגען.

— ביזט פאַרמאַטערט, אינגעבאָרג? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, — האָט געענטפערט אינגעבאָרג, — איך בין ניט מיעד.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן, אַראָפּלאָזענדיג די אויגען־דעקלעך.

אינגעבאָרג וואַנדעלט אַרום אין וואַלד מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און מיט פאַרשלאָפענע אויגען. ווען איך רוף זי, ציטערט זי אויף און שמייכעלט צו מיר.

— וועגען וואָס טראַכסטו, אינגעבאָרג?

— אינגעבאָרג שמייכעלט און געהט אוועק.

— כ'וועל עס דיר ניט זאָגען, אַקסעל — ענטפערט זי און שמייכעלט.

22.

אינגעבאָרג האָט געזונגען און געפלוידערט. וויעדער אַ מאָל האָט זיך געהערט אינגעבאָרג'ס אמאָליגע שטימע. איך האָב געהערט גיכע טריט אין קאָרידאָר, — דאָס זיינען געווען אינגעבאָרג'ס אמאָליגע טריט. אינגעבאָרג איז געגאַנגען דורך דער לאַנקע, איך האָב אויסגעשריען איהר נאָמען, זי האָט זיך אומגעקוקט, — דאָס איז געווען אינגעבאָרג'ס אמאָליגער בליק.

איך בין געווען גליקליך, פונקט ווי איך בין עס געווען זומער. אָבער דאָך איז טיילמאָל מיך באַפאַלען, אָהן וועלכען עס איז גרונד, אַ טיפער טרויער. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז דאָס איז פאַרבליבען פון יענער נאַכט, אָבער איך בין שוין ניט געווען אַזוי געזונד, ווי דאַמאָלס. שפּעטער האָט נאָך עפּעס פּאַסירט. דאָס איז געווען אַרום מיטאָג־צייט.

איך בין געגאַנגען איבער'ן פּאַרק און געזוכט קאַרל'ן און אינגעבאָרג. זיי האָבען געוואָלט אביסעל זיך שיפען אויפ'ן טייך.

קאַרל האָט געענדיגט זיין אַרבייט; ער איז קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען צו אמוזירען זיך, און אויך ניט צו אַרבייטען. שטענדיג איז ער געווען אין באַוועגונג, פאַר עפּעס זיך גע־דאַנה'ט; זיין געלעכטער האָט געקלונגען האַרציג און הויך. דאָס קינד, וואָס לעבט אין דער נשמה פון דעם פּאָעט, האָט באַהערשט איהם אין אַזוינע טעג.

איך בין געגאַנגען איבער'ן פּאַרק. איך ווייס ניט פאַרוואָס איך בין עס געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. איך האָב מיט אַ מאָל ענטדעקט, אַז דער הערבסט איז שוין אָנגעקומען. עס האָבען זיך שוין געזעהן פאַרוועלקטע בלעטער. די שפּיצען פון די בוימער זיינען געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט דורך זיי בלויז געקענט זעהן די קליינע פינקעלדיגע שטערענדלעך אין הימעל; די בוימער האָבען זיך צעוואַקסען אין זייער פולער קראַפט.

אַ שווערער, דומפּפער ריח האָט זיך געטראָגען פון די בוימער; עס האָט געשמעקט מיט'ן ריח פון מתים.

אונאויפהערליך האָט גערוישט דער פּאַרק. דאָס איז שוין געווען דער גערויש פון הערבסט, אַ שטילער, מידער, איינטאָניגער.

דער פויגעל האָט געזונגען אין זיין נעסט, דער קוואַל האָט גערוישט. דאָס זיינען געווען שטילע, טרויעריגע קלאַנגען; עס האָט אַזוי געקלונגען, ווי דער פויגעל וואָלט געווען איינזאַם, וואָלט געווען אַליין און פאַרלאָזען אין דעם פּאַרק. דער הערבסט איז אַריינגעדרונגען אין דעם בלוט פון דעם פויגעל און דער פויגעל האָט ניט געוואוסט וועגען וואָס צו זינגען.

איך בין צוגעגאַנגען צום טייך. אינגעבאָרג און קאַרל זיינען נאָך ניט געהאַט געווען אָנגעקומען; דאָס שיפעל, אַ טרוקענע נאָך, איז געלעגען אויפ'ן ברעג. איך האָב זיך פאַרדרעהט אין אַ שמאָל שטעגעל, וואָס איז געווען באַוואַקסען מיט מאָך, טראַכטענדיג, וואו קענען זיי זיין. מיטאַמאָל האָב איך דערזעהן אינגעבאָרג'ס קלייד פון אונטער אַ קוסט. איך האָב זיך דערפרעהט. „זיי זיצען אין דער הייל“, האָב איך געזאָגט צו זיך און מיט גיכע טריט זיך געלאָזען אַהין.

אין פּאַרק איז געווען אַ הייל. נעבען דער הייל איז געווען אַ קליין טייכעל, אין וועלכען עס פאַלען פון צייט צו צייט טראָפּענס. אַ שטילער קלאַנג פלעגט זיך הערן אין טייכעל און אין דער הייל פון די טראָפּענס. דאָס איז געווען אַ הערליכע מחיצה, פול מיט צויבער, וואָס האָט אויפגעוועקט אין יעדען אַ טיפען געפיהל פון טרויער, ווען מען האָט זי געהערט; הערענדיג זי, האָט מען זיך שטענדיג געמוזט פאַרטראַכטען איבער די געהיימניסען פון וועלט און לעבען.

איך בין געווען אַזוי צופרידען, וואָס איך האָב זיי ביידע באַגעגענט, זיי ביידען, וועמען איך האָב אַזוי ליעב געהאַט. פאַרוואָס־זשע האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבען אַזוי צו קלאַפּען מיין האַרץ?

איך האָב געהערט אינגעבאָרג'ס שטימע. זי האָט עפּעס געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. אַ, ווי אָנגענעהם עס איז געווען צו הערען די שטימע פון דער געליעבטער אין דער שטילקייט פון פּאַרק!

שטיל האָב איך זיך דערנעהנטערט: אפשר וועט זי ווידער אַ מאָל אָנהויבען רעדען?

זי האָט ווידער אַ מאָל אָנגעהויבען רעדען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט וועגען עפּעס געבעטען.

איך האָב דערהערט מיין נאָמען. שטאַרק האָט מיין האַרץ אָנגעהויבען קלאַפּען. איך האָב אַ שמייכעל געטאָן. איך בין געשטאַנען ניט ווייט פון זיי און זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז איך שטעה־דאָ. ווי אָנגענעהם איז געווען צו הערען איהרע ווערטער, באַזונדערס די, וואָס זי האָט גערעדט וועגען מיר. איך האָב געוואָלט אַרויסטרעטען פון אונטער די קוסטעס, ווי דער מכשף אין אַ מעשה'לע, און זאָגען: — פונקט דאָס זעלבע מיין איך אויך, — אָדער עפּעס עהנליכעס. און איך האָב זיך געפרעהט, פאַרשטעלענדיג זיך זייערע פאַרוואונדערטע פּנים'ער און איהר געלעכטער.

איך האָב געהערט דעם קלאַנג פון די טראָפּענס, וואָס זיינען געפאַלען. דערנאָך האָט אינגעבאָרג אָנגעהויבען צו רעדען און מיטאַמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זי רעדט דאָס ערגעץ ווייט. און איך בין דאָך געשטאַנען בלויז איינינע טריט פון איהר. איך האָב געזעהן אינגעבאָרג'ס נאַקען, דעם שנור קאָראַלען, איך האָב געזעהן קאַרל'ס הוט און דערביי אַ בייגינע, דאַרע האַנד, וואָס האָט צוגעדריקט דאָס גראָז; קאַרל'ס האַנד.

— וואָס־זשע טראַכסטו? — האָט גערעדט אינגעבאָרג — האָסטו דען מיך ניט ליעב?

אַ טראָפּען איז געפאַלען.

און מיט אַן ערנסטער שטימע האָט קאַרל געענטפערט:

— איך טראַכט פון אַקסעל'ס גאַבעלען האַרץ און וועגען דער שווערער אויפגאַבע פון מיין לעבען.

מיינע אָנגען־דעקלעך האָבען זיך פאַרמאַכט און ווי פון האַלץ זיינען געוואָרען מיינע הענד.

אַ לאַנגע צייט איז פאַראיבער און ווידער האָט אינגעבאָרג אָנגעהויבען נאָך שטילער ווי פריהער צו רעדען: וואָס בלייבט מיר צו טאָן? קאַרל, קאַרל, גיב אַן עצה! איך קען שוין מעהר ניט ליידען. אָהן צווייפעל, איך האָב ליעב אַקסעל'ן, אָבער...

מיר איז געלונגען מיט מיינע אָפּגעשוואַכטע הענד צו פאַרשטעקען מיר די אויערען. מיט אַ טעמפּען גערויש זיינען געווען פול מיינע אויערען, ווי איך וואָלט געשטאַנען נאָהענט פון אַ דאַמף־קעסעל. שטיל און פאָרזיכטיג האָב איך צוריקגעטראָטען אויף די שפּיץ פינגער, כמעט טאַנצענדיג אויף דעם וויכען־גלאַטען מאָך. מיינע ציין האָבען געקלאַפּט; ווי אַ מעסער האָט דער טרויער דורכגעשטאָכען מיין האַרץ.

— וואָס בלייבט מיר פאָרט צו טאָן? קאַרל, קאַרל, גיב אַן עצה.

איך האָב גענומען גיכער לויפען; איך האָב דערגרייכט די גרויסע אַלעע. אין די בוימער האָט דער ווינד געוועהט.

אַ, ווי קאַלט איז דער ווינד געווען!

— וואָס בלייבט מיר פאָרט צו טאָן? קאַרל, קאַרל!

איך האָב געוואָלט זיך באַגעגענען מיט'ן טויט. איך בין געלאָפען, וואַקלענדיג זיך, ווי אַ שכור, איך האָב געזיפצט; איך האָב נאָך אַלץ געהאַלטען פאַרשטעקט מיינע אויערען.

און אָט ליעגט אַ מענש ביי נאַכט און קען ניט איינשלאָפען. ער וואַרט, צי עס באַוועגט זיך ניט די טיר. פריהער האָב איך וועגען דעם בלויז געאָהנט. איצט ווייס איך עס שוין.

עס איז פאַרביי אַ לאַנגע צייט און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט: אינגעבאָרג און קאַרל.

— מיר האָבען געהאַט אַ הערליכען שפּאַציר, — האָט זיך געזאָגט אינגעבאָרג. — ניט אמת, קאַרל?

קאַרל האָט נאַרוויש געענטפערט.

מיט ליגען און פאַלשקייט האָט געקלונגען אינגעבאָרג'ס שטימע, אַ געהיימניס איז געווען פאַרבאָרגען אין קאַרל'ס שווייגען.

איך האָב זיך באַהערשט און אַ שמייכעל געטאָן.

— איהר מוזט שוין זיין געוויס הונגעריג, קומט! — האָב איך געזאָגט.

איך בין געגאַנגען פאָראויס און זיי האָבען מיר נאָכגעפאָלגט: אינגעבאָרג און קאַרל...

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

ערב סטרייק ביי די עמבראָידערי אַרבייטער פון ניו דזשוירזי

ווי ברודער מ. וויין, דער מענעדזשער פון די עמבראָידערי וואָרקערס יוניאָן, לאָקאַל 6, גיט אונז איבער, איז אַ סטרייק פון די עמבראָידערי אַרבייטער אין די שעפּער פון ניו דזשוירזי בלויז אַ פראַגע פון טעג. ס'איז מעגליך, אַז ווען איהר וועט לעזען דיזע שורות זאָל דער סטרייק שוין זיין אין פולען גאַנג.

מיט עטליכע יאָהר צוריק זיינען די אַרבייטער פון יענע שעפּער געווען אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער לאָקאַל. ווען זייער לעצטער סטרייק איז פאַרלאָרען געוואָרען האָט זיך דער לאָקאַל אויפגעלעזט און די אַרבייטער זיינען אַ צייט לאַנג פאַרבליבען אין גאַנצען אומאָרגאַניזירט. דאָס האָט אַ סך געשטערט די אַרבייטער פון זעלבען פאַך אין די ניו־יאָרקער שעפּער, באַטש אין נויאָרק איז דער פאַך גוט אָרגאַניזירט. אין די ניו־יאָרקער עמבראָידערי שעפּער איז דאָ פולע הונדערט פּראָצענט יוניאָן.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָט דער אינטערנעשאָנאַל אָפּיס איבערגעגעבען צו לאָקאַל 6, דער נויאָרקער לאָקאַל אין דעם פאַך, די דזשוריסדיקשאָן איבער די ניו דזשוירזי'ר עמבראָידערי שעפּער. אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין איז גלייך אָנגעפאַנגען געוואָרען און יענע אַרבייטער האָבען זיך גאַנץ וואַרעם אָנגערופען. עס זיינען איינגערופען געוואָרען מאַסען־פאַרזאַמלונגען, זיי זיינען אימער געווען גוט באַזוכט און די אַרבייטער האָבען אָנגעפאַנגען זיך אַנשליסען צו לאָקאַל 6 פון נויאָרק.

אין די עמבראָידערי שעפּער פון ניו דזשוירזי זיינען באַשעפטיגט צווישען 4 און 5 טויזענד אַרבייטער און אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען שוין היינט מיטגלידער פון לאָקאַל 6. די יוניאָן איז אָבער ענטשלאָסען צו האָבען אין די דזשוירזיער עמבראָידערי שעפּער פולע 100 פּראָצענט יוניאָן, אַזוי גוט ווי אין נויאָרק און דאָס צו דערגרייכען וועט איצט גערופען דער סטרייק אין יענע שעפּער. דער סטרייק אין ניו דזשוירזי וועט זיין אַן אַלגעמיינער. די אַרבייטער ווילען אַלע זיין אָרגאַניזירט און דערוואַרטען דעם סטרייק מיט אומגעדולד.

אויף דעם לעצטען פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד איז דער סטרייק גוט געהייסען געוואָרען און איצט איז דער סטרייק אַ פראַגע בלויז פון טעג. אַלע נויטיגע פאַרבערייטונגען זיינען שוין געמאַכט געוואָרען און די אַרבייטער וואַרטען בלויז אויפ'ן רוף פון דער יוניאָן צו וואַרפען די אַרבייט.

ברודער מ. וויין, דער מענעדזשער פון לאָקאַל 6, וועלכער האָט אָנגעפיהרט דעם אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין פון יענע שעפּער האָט די בעסטע האָפנונגען, אַז דער סטרייק וועט זיך ניט לאַנג פאַרציהען, דאָס ער וועט גאַנץ גיך געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

וועגען די פאָדערונגען וואָס די יוניאָן שטעלט אַרויס וועלען מיר שרייבען אַ צווייטען מאָל. דאָ ווילען מיר בלויז זאָגען דאָס אַ 44 שטונדיגע אַרבייטס־וואָך איז איינע פון די הויפּט פאָדערונגען וואָס די יוניאָן האָט אַרויסגעשטעלט און די אַרבייטער פון דעם פאַך זיינען פעסט ענטשלאָסען בשום אופן ניט צו אַרבייטען מעהר ווי 44 שטונדען אַ וואָך און דערביי פאָדערן גענוג צו מאַכען אַן אנשטענדיג לעבען.

עס פאַרשטעהט זיך, דאָס אַלע מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל ווינשען דאָס די עמבראָידערי אַרבייטער פון ניי דזשוירזי זאָלען האָבען אַ שנעללען זיעג.

אַ סמעק הע[illegible]

דער מאי יום טוב פון לאקאל 80

פון ה. הילפמאן.

געוועהן א מאל א צייט ווען די ליידיעס טיילארס האבען ניט געהאט די געלעגענהייט צו פייערען דעם ערשטען מאי צוגליך מיט די ארבייטער פון אלע אנדערע ארגאניזאציאנען; א צייט, ווען די לידיעס טיילארס זיינען ניט געווען פארעכענט אין דער משפחה פון די ארגאניזירטע ארבייטער.

אבער די ליידיעס טיילארס און אלטערישאן ארבייטער, נאך זייער לאנגען און גלייכגילטיגען שווייגען, האבען ערוואכט און האבען צוריק אויפגעבויט זייער יוניאן. ניטא מעהר די צושפליטערונג, די אפגעזונדערטקייט, די אפגעלאזענקייט, און א נייע אטמאספערע, אן אטמאספערע פון פארברידערונג, פון פאראייניגונג האט זיך באוויזען אין די רייהען פון די ליידיעס טיילארס און אלטערישאן ארבייטער.

גרויס און הערליך, פראכטפול און גראציעז האבען די ארבייטער, די מעמבערס פון לאקאל 80, געפייערט דעם היינטיגען ערשטען מאי, דעם יום טוב פון אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט, וואו פולער אויסדרוק פון פאראייניגונג, גלייכהייט און ברידערליכקייט פון אלע פעלקער און נאציאנען איז געגעבען געווארען.

דער ארדער פון דעם עקזעקוטיוו באארד ניט צו ארבייטען דיעזען ארבייטער יום־טוב איז פינקטליך אויסגעפאלגט געווארען און מען איז געקומען צום מאס־מיטינג און קאנצערט, וואס די יוניאן האט ארגאנזירט אין מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.

די יום־טוב'דיגע רעדעס פון עלמאר ראזענבערג, אסיפ וואלינסקי, פיעטרא שלעגרא און הענרי יעגער זיינען מיט שטורמדיגע אפלאדיסמענטען אויפגענומען געווארען.

פון איין זייט האט זיך געפיהלט א פראטעסט געגען די אלע אונגערעכטיגקייטען, וועלכע ווערען באגאנגען טאג־טעגליך געגען דעם ארבייטער־קלאס, און פון דער צווייטער זייט האט זיך געלאזט פיהלען די איינהייט פון דעם פראלעטאריאט אין דער גאנצער וועלט.

זעהר פיעל האט בייגעטראגען צו דעם הערליכען יום־טוב דער קאנצערט, וועלכער איז אין א זעהר קורצער צייט צוגעגרייט געווארען.

די בעריהמטע זינגערין רזשין אלפרעד פיינבערג, דער וויאלין־שפיעלער מעסטער דייוו קלינגער, סיידי סילווער און די אנדערע טאלאנטפולע קרעפטע פון דער בראנקסער הארפע האבען זעהר אויסגענומען ביי די אנוועזענדע.

די ליידיעס טיילארס און אלטעריישאן־ארבייטער האבען אין דיעזע איינציגע שטונדען געגאסען א גייסטיגען פארגעניגען, אויף וואס דער עקזעקוטיוו באארד און די בעאמטע זיינען שטאלץ מיט דעם וואס די אנוועזענדע האבען פארלאזען דעם האל אין צופריעדענהייט. מען האט דאס געקענט ארפלייענען פון זייערע פנים'ער און נאך מעהר פון זייערע אויסדריקע, אז עס האט זיי זעהר פיעל פארגעניגען פארשאפט.

אין דיעזען מאמענט האט מען ניט נאר געזוכט פערזענליכען פארגעניגען, נאר מען האט אויך ניט פארגעסען די סטרייקענדע, הונגערענדע לאורענסער ארבייטער, וועלכע סטרייקען, ליידען און שמאכטען צו באקומען בעסערע ארבייטס־קאנדישאנס פון זייערע ארבייטס־געבער. די קאלעקשאן, וועלכע איז געמאכט געווארען, האט אריינגעבראכט די סומע פון $211.45. די יוניאן האט גלייך אויף מארגען איבערגעשיקט א טשעק אויף דיעזער סומע צום טרעזשורער, אלדערמאן ב. וואלאדעק.

* * *

עס איז ווינשענסווערט צו פארצייכענען, אז די ארבייטער פון סטרום, גלעס און אייבראם האבען קאלעקטעט פאר די לאורענסער סטרייקער די סומע פון 11.25 און פאר דעם רעבס פארטיידיגונגס־פאנד 10 דאלאר. די ארבייטער פון איילגארטען האבען אויך קאלעקטעט פאר'ן רעבס פארטיידיגונגס־פאנד די סומע פון 6 דאלאר.

* * *

מיט אייניגע וואכען צוריק האבען זיך די מעמבערס געטעקסט מיט דער סומע פון 5 דאלאר פאר א ספעציעלען סטרייק־פאנד, אום איינצופיהרען צום נעקסטען סיזאן די 44 שטונדיגע ארביטס־וואך און אנדערע טרייד־אויסבעסערונגען. די מעמבערס האבען זיך אויך פארפליכטעט אויסצוצאהלען דיעזען טעקס דורך דעם מאנאט אפריל. דער עקזעקוטיוו באארד האט באטראכט דיעזע פארפליכטונג און האט באשלאסען, דאס דיעזע סומע מוז אפגעצאהלט ווערען ניט שפעטער ווי ביז דעם 15טען מאי.

אלזא, נאך איין וואך איז פארבליבען צו באצאהלען דיעזען טעקס. מעמבערס, איילט זיך צו און צאהלט אפ דאס, וואס איהר זיינט שולדיג. זאנסט וועט איהר האבען אונאנגענעהמליכקייטען שפעטער. ציינט, אז איהר זייט ווירקליך לאיאלע, הונדערט־פראצענטיגע יוניאן־לייט.

ת. הילפמאן, סעק.

אינגעבארג

א ראמאן פון ב. קעללערמאן

(פארזעצונג).

— ווארט, ווארט! — האט ער אויסגעשריען שמיקענדיג זיך, און ער האט זיך פארטראכט. ער האט זיך געווענדעט צו די געסט: — קוקט, קוקט! קוקט, ווי צארט זי איז! ווי שעהן זי איז! ווער האט שוין אמאל געזעהן אזא שעהנע פרוי?

ער האט זיך אריבערגעבויגען פון זיין ארט און ארויסגעמורמעלט: — דו קענסט נאך בעטען באגנאדיגונג, באצויבערענדע סילוויא. איך שווער ביי מיין עהרע, אז יעדע ביטע, וואס דו זאלסט ניט בעטען...

די געסט האבען געיובעלט.

זאג, וועגען וואס מיינסטו האט געבעטען סילוויא? יא, וועגען וואס נאך האט זי געבעטען?

נאר קוים האט זי געעפענט די לעפצען ארויסצוזאגען איהר באגעהר, האט ווידער דער פריהערדיגער וואוט באהערשט דעם קעניג.

— טויטען זי, טויטען זי! — האט ער גענומען ברומען און געמאכט א באוועגונג מיט דער האנד, ווי ער וואלט געוואלט ווארפען א שטיין אין איהר.

סילוויא'ס קאפ איז געפאלען אונטער'ן מעסער.

און ווען זיי האבען געוואלט „אויג'ס" קאפ ארפהאקען, האבען זיי דערזעהן, אז ער איז שוין טויט.

— הערשער! ער איז שוין טויט, — האבען געשריען די הענקער, — די שרעק האט איהם געטויט.

וואס ווערסטו אויף דעם זאגען, אינגעבארג?

אינגעבארג האט געשוויגען. אינגעבארג האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— דו וואלסט זי אפגעלאזט, אקסעל?

— יא!

און איך האב די זעלבע מעשה אנגעהויבען צו דערצעהלען אויף אן אנדער ארט, אנהויבענדיג פון דער פראזע: „די געסט האבען געיובעלט".

און סילוויא האט געזאגט: — אויב דו ביזט אזוי גרויסמוטיג, הערשער, זאל דיר גאט דערפאר בעצאהלען. שענק אונז ביידען דאס לעבען און די פרייהייט. — דער קעניג האט זיך צושמייכעלט און א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

די טראמפייטען האבען אנגעהויבען צו בלאזען, די געסט האבען אנגעהויבען צו יובלען אזוי, אז די באלדאכיזען פון די גאלארעען האבען זיך אנגעהויבען צו שאקלען און אלע זיינען אוועק אויף דער חתונה.

אינגעבארג האט זיך צושמייכעלט.

דאס איז געווען א שעה, ווען דער גאנצער וואלד, די טאלען, דער שלאס, אינגעבארג, איך און פאצא, וואס איז געלעגען ביי אינגעבארג'ס פיס — זיינען געווען ווי פון גאלד, און ווייטער איז דער גאלדענער רעגען געפאלען פון הימעל. איך האב געפיהלט, אז מיין הארץ איז געווארען גאלד און עס האט גענומען קלינגען, ווי א גלעקעל.

אינגעבארג האט געשמייכעלט. זי האט אבער אלץ נאך ניט געשמייכעלט אזוי ווי פריהער.

— פון אלע דיינע לעגענדען איז די בעסטע די לעגענדע וועגען אקסעל און אינגעבארג. אינגעבארג האט געהאלטען ביים שטארבען, נאר אקסעל האט זי אפגעהיט מיט אזא צערטליכקייט, אז זי איז געזונד געווארען און ניט געקענט שטארבען. קען דען עפעס זיין שענער פון אט דער מעשה'לע? ניין, ניין. די בעסטע פון אלע דיינע לעגענדען איז די לעגענדע וועגען אקסעל און אינגעבארג.

א, אינגעבארג!...

טעג זיינען פארגאנגען און מיט יעדען טאג איז אינגעבארג געווארען שטארקער און געזינדער. דאך האט זי נאך אלץ ניט געקענט אזוי רעדען ווי פריהער און אזוי לאכען.

אינגעבארג איז נאך אלץ געווען פארמאטערט. אינגעבארג האט פארטראכטערהייט ארומגעשלעפט זיך. גאנצע שעה'ן איז זי געווען אין וואלד און געטראכט. איהר פנים איז פארברוינט געווארען, ווי זומער צייט, ווען עס ברענט די זון.

וועגען וואס האט אינגעבארג געטראכט?

פיעל שלאפלאזע נעכט האב איך פארבראכט; אינגעבארג איז נאך אלץ ניט געווען די פריהערדיגע אינגעבארג.

די פויגעל האבען שוין ניט געזונגען מעהר, ווי אין די פריהערדיגע טעג. פיעל שלאפלאזע נעכט האב איך פארבראכט, אבער בייטאג בין איך פיעל מאל פארמאטערט געווארען און איינגעשלאפען. אפטמאל בין איך אויפגעשפרונגען פון שלאף; חלומות האבען מיך געשראקען. מיר האט זיך שטענדיג גע'חלום'ט יענע נאכט, ווען איך האב געקעמפט פאר אינגעבארג'ס לעבען. מיין נשמה פלעגט אויפשוידערען. עמיצענס פויסטען פלעגען זיך אויפהויבען און שלאגען מיך.

איך האב געהערט שטימען, דראהענדע שטימען; איך האב געהערט א גערויש, — און דער דאזיגער גערויש האט גענערעדט: — דו האסט געזיעגט!

האב איך דען עפעס שלעכטעס געטאן? איך האב שלעכטס אויסגעזעהן, איך בין געווען עהנליך אויף א קראנקען. צייטענווייז האב איך געהאט פיבער.

וואס האט זיך דאמאלס געטאן מיט מיין נשמה? זי איז געווען ווי א טאל: זון און שאטענס פון די וואלקענס, לויפענדיגע שאטענס; איך האב זיך געפרעהט מיט דער זון, איך האב זי געוואלט צושמידען צו מיר, איך בין געווען גליקליך און ניט געטראכט פון די שאטענס. ניין, איך האב ניט געוואלט טראכטען פון זיי.

אינגעבארג האט מיך ליעב געהאט. טויזענדער מאל האט זי מיך געקושט. אבער נאר אנדערש האבען איצט געקושט איהרע ליפען, דאס זיינען געווען נייע קושען.

דאס איז געווען א פרעהליכע נאכט, א נאכט פון געלעכטער, א נאכט פון געזאנג, בליקען און לנפטיגע קושען.

דונקעל בלוי איז דער הימעל, פול איז ער מיט שטערען, א הייליגע רוהיגקייט איז אויף אלץ. הונדערט ליכט ברענען אין מיין צימער: מיר פייערען איהר געזונד ווערען.

געלעכטער, געזאנג, פרעהליכע ווערטער און וויין.

וואס־זשע האט פאסירט אין יענער נאכט? איצט געדענק איך שוין ניט. מיר זיינען געווען פרעהליך און אין א גוטער שטימונג; הונדערט ליכט האבען געברענט אין מיין צימער.

אלץ האט געשיינט און געלויכטען. קיינמאל אין מיין לעבען האב איך ניט געזעהן מעהר אזוי פיעל גלאנץ, אזעלכע אויגען, אזעלכע ליפען, הענד.

מיר האבען געטרונקען: איך, אינגעבארג און קארל. קארל האט געלאכט, ער האט געטרונקען פאר אינגעבארג'ס געזונד, פאר מיר, פאר אלע הייליגע, וואס ווערען דערמאנט אין קאלענדאר.

ער האט פארגעלעזען א קליינע ערצעהלונג. א טאלענטפול אנגעשריבענע זאך מיט'ן נאמען „דער פארשווענדער".

איך האב ליעב פארשווענדער; פארשווענדער וואס דאס גאנצע לעבען זייערס פארשווענדען זיי געלד, געדאנקען, געפיהלען, — אלץ.

יא, קארל איז געווען אזא! איך האב פיינט פיליסטער.

מיר האבען געטרונקען פאר דער גליקזעליגקייט פון די פארשווענדער, מיר האבען געטרונקען פאר'ן אונטערגאנג פון די פיליסטער.

אינגעבארג האט געזונגען, קיינמאל האט זי נאך אזוי שעהן ניט געזונגען, ווי אין אט דער נאכט; צום ערשטען מאל האט פאסירט, אז איך האב אין גאנצען פארגעסען, אז דאס זינגט אינגעבארג; דאס איז געווען א שטימע פון א זינגערין. לייכט איז געווען אויף דער נשמה און פרעהליך בין איך געווען. אלץ איז פארגעסען געווארען, אלע שאטענס. האב איך דען נאר ניט געטראכט פון זיי?

אינגעבארגס בליק האט געזוכט מיינעם. אינגעבארג האט א קוש געטאן מיין אויער, ווען איך בין געזעסען ביי דער פיאנא און קארל האט עס ניט געקענט באמערקען.

איך האב ווידער דערהערט אינגעבארגס אמאליגע שטימע, איך האב ווידער דערזעהן אינגעבארגס אמאליגע אויגען.

די נאכט האט געהאלטען אין פארשווינדען.

דער האהן האט זיך צוקרעהט. מיר האבען זיך צוקייכט פאר געלעכטער, אבער קיינער פון אונז האט ניט געקענט ערקלערען, פאר וואס מיר האבען זיך צולאכט; דער האהן האט געקרעהט ווי אלע געוועהנליכע הענער.

איך האב זיך אויפגעשטעלט:

— פריינד — האב איך זיך אנגערופען — הערט מיך אוים! איך וויל זיך ווענדען צו אייך מיט א פארשלאג. איהר זייט דאך פריינד, דו, אינגעבארג און דו, קארל, און איך וויל, אז איהר זאלט זיין ברודער און שוועסטער. אויב איהר זייט איינשטימיג, זאגט זיך „דו".

אינגעבארג האט זיך פארלארען. איהר בליק האט געפלאמט.

קארל האט מיר געדאנקט און געזאגט, אז זיי וועלען עס פרואווען צו טאן.

און אינגעבארג האט געענטפערט „יא" און א שמייכעל געטאן.

— גרויסארטיג! — האב איך אויסגעשריען — טא צורקושט זיך!

איך האב זיך צולאכט. שטיל איז געווארען אין צימער.

אינגעבארג האט א קוק געטאן אויף קארל'ן. איך האב דערקענט דעם בליק. ערגעץ האב איך איהם אמאל געזעהן;

אויסער'ן שאפ; עס וועלען אויך פאר־שווינדען די שלעכטע לערנער, וועלכע זיינען עקספלואטירט געווארען פון די ארבייטער גופא אזוי, דאס נאר אפט איז געווען שווער צו באשטימען, ווער עס איז א גרעסערער עקספלואטאטאר פון די ביידע: דער באס, אדער דער ארבייטער.

ביי דער איינפיהרונג פון וואך־ארבייט וועט מעגליך זיין א מינימום־סקייל פאר אלע גלייך, און עס וועלען ניט זיין קיינע ארבייטער, וואס וועלען ארבייטען אונטער'ן סקייל, און נאך „מיט דער יוניאנס צושטימונג". די יוניאן וועט קיינמאל ניט צושטימען צו אזא ארבייטען אונטער'ן סקייל. דער פאקט איז, אז איינע פון די פאדערונגען פון דער יוניאן איז צו האבען א צוטריט צו די ביכער פון די מאנופעקטשורער, אזוי, אז זי זאל וויסען גאנץ גענוי, אויב די ארבייטער קריגען דאס, וואס קומט זיי, לויט דעם באשטימטען סקייל.

וואס אנבעטרעפט דער טענה, אז „דער מינימום סקייל אין אונזער אינדוסטריע וועט ניט זיין דער מינימום, נאר דער מאקסימום", דאס איז זיכער אומזין. אויב דער באס וועט וועלען האבען א באזאנדערס שנעלען ארבייטער אין זיין שאפ, קען ער איהם בשום אופן ניט צווינגען צו ארבייטען פאר דעם מינימום לוין; די דעה איבער זיך און זיין ארבייט בלייבט ביים ארבייטער גופא. און וואס שטארקער עס איז די יוניאן, צו וועלכער ער געהערט, דאס בעסערע שאנסען האט ער אויסצופיהרען צו קריגען א באלוינונג, לויט דעם ווערט פון זיין ארבייט. דער בעסטער ביישפיעל דערצו איז דער שריפטזעצער. די יוניאן האט א באשטימטען מינימום סקייל, און דאך זיינען דא פיעלע, פיעלע שריפטזעצער, וואס קריגען באצאהלט מיט א היבשע עטליכע דאלער מעהר, ווי די סקייל, ווייל די באסעס ווייסען, אז אויב זיי ווילען קריגען פון די שריפטזעצער אלעס, וואס זיי קענען אויפטאן, וועלען זיי עס אנדערש ניט קריגען, סיידען זיי וועלען באצאהלען דערפאר.

ערשטע מאי רעזאלוציע פון באלטימארער לאקאלס פון די אינטערנעשאנעל ל. ג. וו. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 9th, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

„מיר, די מיטגליעדער, פון די פאלגענדע אינטערנעשיאנאל לאקאלס: קלאוק מייקערס, לאק. 4; וויים גודס מייקערס, לאק. 72; ליידיס טיילארס און אלטעריישאן טיילארס, לאק. 101 און קאטער לאקאל 110, פארזאמעלט ביי א מאססמיטינג אין פישערס האל, באלטימאר, דעם 1טען מאי, 1919, מיט בר. ה. פיינבערג אלס טשערמאן, האבען איינשטימיג אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציאנען

1) מיר פאדערען אז מען זאל גלייך אפשאפען דעם „עספיאנאזש" געזעץ;

2) מיר פאדערען אז די רעכטע פון פרייע רעדע, פרייע פרעסע, און פרייע פארזאמלונג זאלען גלייך צוריק עטאבלירט ווערען;

3) מיר פאדערען אז מען זאל גלייך צוריקציהען די חיל פון רוסלאנד;

4) מיר פאדערען אז מען זאל גלייך באפרייען אלע פאליטישע, רעליגיעזע, אינדוסטריעלע און אנדערע געפאנגענע וועלכע זיינען איינגעשפארט געווארען פאר זייערע מיינונגען וועגען מלחמה, און אז מען זאל גלייך אויפהערען אלע פארפאלגונגען;

5) מיר פאדערען אז אלע נאציאנען זאלען ערלויבט ווערען צו באשטימען זייערע רעגירונגס פארמע אהן אריינמישונג פון חיל וואס איז געשיקט געווארען קיין אייראפא;

6) מיר פראטעסטירען מיט אונזער הארץ און נשמה געגען די בלוטיגע פאגראמען אויף אידען אין פוילען, רומעניען, אוקראינא, גאליציען, און אנדערע.

7) עס איז אונזער הארציגער וואונש דאס אין איינקלאנג מיט די פאדערונגען פון ערשטען אידישען קאנגרעס, וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען אין פילאדעלפיא, זאל ביים פרידענס קאנפערענץ גאראנטירט ווערען פאלקאמע פאליטישע און נאציאנאלע רעכט פאר די אידען דארט וואו זיי געפינען זיך אין קאמפאקטע מאסען און וואו זיי פאדערען עס;

8) עס איז אויך אונזער וואונש, דאס עס זאל זיכערער און בולטער אונטערשטראכען ווערען ביים פרידענס קאנפערענץ, און אינטערנאציאנאל גאראנטירט ווערען, א פרייע קאלאניזאציע און א געזיכערטע ענטוויקלונג פון די אידישע ארבייטער אין פאלעסטינא".

פרעס קאמיטע:
מ. ליפש, א. ה. גלושאקאוו,
ב. פושקין.

דער צוזאמענברוך פון דער עקאנאמישער מאשין

פון דזשוליעס סטוארט פאינטין.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 9th, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

מיט'ן אנקומען פון יאהר 1000 האט זיך פארשפרייט א קלאנג אז עס ענדיגט זיך די וועלט. א גרויס שרעק האט ארומגעכאפט די מענשהייט. פיעלע האבען פארבראכט זייער צייט אין געבעטען, אויף די קניע, אנדערע האבען גע'דאגה'ט און געשאלטען זייער מזל, נאך אנדערע האבען גע'שיכור'ט און פריילאך געווען, „ווייל מארגען שטארבען מיר". די אויפרעגונג האט געשטיגען ווען יענער טאג האט געהאלטען אין אנקומען און ס'האט זיך פארשפרייט אן אלוועלטליכע היסטעריקע. דאס אנקומען פון'ם יאהר 2000 שיינט צו ברענגען מיט זיך ניט ווייניגער שרעק, אבער דעם מאל, ווי עס זעהט אויס, וועט ניט זיין קיין ענטוישונג פאר די יעניגע וואס פארגיסען זייערע טרערען און שילטען. עס קומט ווירקליך א סוף צו דער וועלט, — דער סוף פון דער קאפיטאליסטישער וועלט! מיר לעבען אין אזא וויכטיגער צייט וואס מיר קאנען דאס קוים באגרייפען. מיר טוען אונזערע טעגליכע ארבייטען ווי בעפאר, קוים באגרייפענדיג, דאס ארום אונז געהט אן די גרעסטע סאציאלע אומענדערונג אין דער געשיכטע פון דער וועלט; דאס די אלטע ארדנונג וועט באלד זיין א זאך פון דער פארגאנגענהייט, און דאס די נייע ארדנונג איז שוין א סך מעהר ווי א וואונש.

די וואונדערבארע זאך וועגען דעם איצטיגען וועלט־קריזיס איז ניט די שטארקהייט פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, נאר די שוואכקייט פון'ם קאפיטאליזם. די עקאנאמישע מאשין איז קאליע געווארען. איהרע רעדער דרעהען זיך ניט. דער קאפיטאליסטישער סיסטעם האט פלוצלינג צוזאמענגעבראכען, ווי די קארעטע אין אליווער ווענדעל האלמס פאעמא, וועלכער איז געווען אזוי שטארק געבויט דאס קיין טייל האט ניט געקענט אויסגעריבען ווערען בעפאר א צווייטען טייל, נאר איז מיט איין מאל אין גאנצען צושאטען געווארען אויף שטיקלעך. די אנשטרענגונג פון דער מלחמה האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין צו גרויס און מיר זעהען איצט ארום זיך ליגען די צובראכענע שטיקער פון דעם אינטערנאציאנאלען קאפיטאליזם, די איבערגעבליבענע שטיקער פון דער דעליקאטער געביידע פון דעם קאפיטאליסטישען וועלט־קרעדיט, פון קאפיטאליסטישען וועלט־האנדעל, עקספלואטאציע פון אונטערלאכטע נאציאנען און קלאסען, אינדיווידואליסטישע ארגאניזאציאנען פון אינדוסטרי און דאס קאנטראלירען פון איינענטום דורך'ן שטאאט. אלע דיזע געביידען פאלען, ווערען צושאטען און וועלען מעהר ניט זיין ארום דעם יאהר 2000.

איך וויל שטארק באטאנען דעם א ו מ פ א ר מ י י ד ל י כ ע ן כאראקטער פון דער סאציאלער רעוואלוציע וואס קומט אן. עס איז מעהר ניט קיין פראגע פון ערפאלג אדער דורכפאל פון א קאמפסבאוועגונג, עס איז מעהר קיין פראגע ניט פון ארגאניזירער, פון אגיטאציע, פון א לאנגען פראצעס צו ערציהען די מאסען, ביז זיי וועלען ערוואכען. די רעוואלוציאן ווערט ארגאניזירט דורך דער פאראייניגטער קראפט פון די עקאנאמישע אומשטענדען. די מאכט געהט אריבער אין די הענד פון די ארבייטער כמעט נאך איידער זיי זיינען פארטיג דאס איבערצונעמען. בלויז די היילונגס קראפט פון אן אל־וועלטליכער קאאפעראציאן קאן איבערבויען די וועלט, וואס איז צוריסען געווארען דורך די מלחמה. אין דעם טרויעריגען צושטאנד וואס די וועלט געפינט זיך איצט, זיינען די עקספלואטאציאנס־קרעפטען אונמעכטיג. דער קאפיטאליזם איז טויט מאראליש און עקאנאמיש.

לאנג בעפאר די מלחמה האבען די פעלקער פון דער וועלט באקומען שפייז, קליידונג און אנדערע נויטווענדיגקייטען דורך די אפעראציאנען פון אן עקאנאמישען סיסטעם, וואס איז געווען אינטערנאציאנאל אין זיין נאטור, אויסשפרייטענדיג זייני נעצען איבער דער גאנצער ערד און די זיבען ימים. אלע לענדער זיינען געווען ווי איינס, פאר דער צירקולירונג פון סחורות אין וועלכע די מענשהייט האט זיך געניטיגט, און דאס הארץ פון דעם גרויסען צירקולאציאנס־סיסטעם איז געווען דאס קרעדיט. דער קאפיטאליסט און דער האנדעלס־מאן האבען געפיהרט זייער געשעפט ניט מיט געלד, נאר מיט קרעדיט. דאס ווירקליכע באארעס געלד אין די הענד פון'ם מאנופעקטשורער, אדער הענדלער, איז געווען גאנץ קליין אין פארגלייך מיט'ן האנדעל וואס זיי האבען באטריבען. דאס איבריגע איז געווען דער קרעדיט. דאס איז געווען דאס גרויסע סיסטעם פון אינטערנאציאנאלען פינאנץ, פון אינטערנאציאנאלען קרעדיט, וואס איז געווען דאס הארץ פון דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם, דאס הארץ וואס האט געטריבען די בלוט צום גאנצען קערפער. איצטער איז דער קערפער פלוצלינג באפאלען געווארען פון א קראנקהייט וואס מען רופט הארץ־שלאג. פון צו גרויסער אנשטרענגונג האט די הארץ געפלאצט, און דער קערפער ליגט קאלט, אהן לעבען.

מיר לייענען דאס עס איז ניטא גענוג קליידונג אין באהעמיען, דאס פיעלע מענשען מוזען דארט ארומגעהן אין גאס אין זייערע נאכט־קליידער. אין דער זעלבער צייטונג לעזען מיר, דאס די וועבפאבריקען פון נארד ענגלאנד מוזען זיך צומאכען פאר צוויי וואכען, ווייל זיי האבען קיין ארבייט ניט. מיר ווייסען דאס די ארבייטער פון די בילדינג טריידס אין פראנקרייך זיינען ניט באשעפטיגט און הונגעריג, אין דער צייט וואס דארט איז ניטא גענוג הייזער פאר'ן פאלק און דאס צו די פארוויסטע געגענדען, וועלכע מען דארף באלד ווידער אויפבויען, ריהרט מען זיך אפילו ניט צו. מיר ווייסען, דאס מיליאנען מענשען אין אייראפא ליידען הונגער, ווען אין אמעריקא וועלען פון דעם נעקסטען שניט פארניכטעט ווערען תבואות אום אויפצוהאלטען דעם פרייז. מיר ווייסען, דאס טויזענדער פאבריקען און מיליאנען מאשינען שטעהן לעער אין יעדען לאנד פון אייראפא, און אין אמעריקא, כאטש פראדוקטען זיינען אזוי נויטווענדיג פאר די ליידענדע פעלקער. טויזענדער נעה־מאשינען שטעהן ליידיג, ווען מענשען האבען ניט קיין קליידער; שפין און וועב־מאשינען זיינען לעער, ווען מען דארף פאדים און טוך; אייזען־מינען ווערען ניט באארבייט, ווען מען דארף אייזען איבעראל; קויל־מינען זיינען ליידיג, ווייל דער טראנספארט סיסטעם ארבייט ניט און עס זיינען ניטא גענוג קארס איבערצופיהרען די קוילען, טויזענדע ליידען הונגער, ווייל עס איז ניטא גענוג שיפען און וואגאנען צו פיהרען שפייז, און ניט גענוג געלד, אדער קרעדיט, צו פארזיכערען אז מען וועט באצאהלען דערפאר.

די אל־וועלטליכע נויט און די אל־וועלטליכע ארבייטסלאזיגקייט זיינען געמאכט געווארען פאר בוזים־פריינד דורך דעם אינדוסטריעלען סיסטעם, וואס איז ניכער אויפגעהאלטען געווארען פאר די פראפיטען פון די ווייניגע, איידער פאר דער באדירפטיגקייט פון די פיעלע. פינאנציעלע קריזיסען באגלייט פון הונגער און ארבייטסלאזיגקייט, האבען געבראכט אומגליק פאר די ארבייטער יעדע פאר יאהר, אפילו פאר דער מלחמה. אבער אלע סמנים ווייזען, דאס דער איצטיגער קריזיס איז א סך א גרעסערער, א מעהר ערנסטער ווי אירגענד וועלכער פון בעפאר. אלע לענדער פון אייראפא ציטערען פאר א באנקראט. זיי האבען ניט קיין געלד און ניט קיין קרעדיט מיט וואס ווידער אנצופאנגען די אינדוסטריען. זיי האבען אלע ארויסגעלאזען א גרויסע צאהל געלד־פאפיר, לויט ווי עס ווערט גערעכענט, זעקס מאל אזוי פיעל ווי עס איז באטראכט געווארען פאר זיכער פאר די מלחמה, און אזוי נאך פארקלענערט דעם ווערט פון זייערע טרעזשורים. זייערע געלד רעזערוען, צו וועלכע זיי האלטען זיך נאך, היטענדיג אייפערזיכטיג איינע די אנדערע, איז א צייכען פון פינאנציעלער שוואכקייט. דער חוב וואס זיי זיינען כשותפות שולדיג פאר דאס פארניכטע און צושטערטע באטרעפט מעהר פון צווי הונדערט ביליאן דאלער.

און אין דער איצטיגער סיטואציע פלאנט די רעאקציאנערע רעגירונג פון ענגלאנד צו מאכען זעהר גרויסע אויסגאבען פאר'ן קומענדען יאהר וועלכע, לויט דער מיינונג פון פיעלע, מוז מיינען א פינאנציעלער צוזאמענברוך. באוואפענטע מחנות קאמאנדירט פון ענגלישע גענעראלען מוזען אויפגעהאלטען ווערען אין יעדען וועלט־טייל, צו אונטערדריקען די שטייגענדע רעוואלוציאנערע באוועגונגען אין אייערלאנד, אין דייטשלאנד, אין עסטרייך, אין פוילען, אין רוסלאנד, אין סיביר, אין אינדיען און אין עגיפטען. די הוצאה איז זעהר גרויס, עס דערגרייכט פאר קומענדען יאהר צו 7,000,000,000 דאלער. לויט דער מיינונג פון דער ליבעראלער פרעסע קאן דאס מיינען א רעוואלוציאן אין דער היים.

פראנקרייך געפינט זיך אפשר נאך אין א מעהר געפעהרליכען צושטאנד. די אינדוסטריען שטעהן שטיל. זי האט א זעהר גרויסען מלחמה־חוב, באטרעפענדיג 40,000,000,000 דאלער, א זעהר גרויסער חרוב געמאכטער דיסטריקט און א הונגעריגען, רעוואלוציאנערען ארבייטערקלאס. איהרע חובות וועלען אין די נעקסטע עטליכע יאהר מוזען געצאהלט ווערען פון די עלייעס אדער דייטשלאנד, ווען ניט דארף זי זיך דערקלערען באנקראט. איהר קאפיטאליסטישע רעגירונג האט נאך ניט איינגעוויליגט צו באצאהלען די חובות דורך'ן טעקסען די מלחמה־פארדינסטען און די גרויסע רייכטימער. אנשטאט דעם געפינען זיך אין פריזאן קאלאי און אנדערע וועלכע האבען פארטיידיגט דיזע ראדיקאלע פארמע פון טעקסעס. און בעלגיום איז אין דער היינטיגער נאך ערגער אפ אפילו פון פראנקרייך, זייענדיג אפהענגיג פון דעם וועלט־קאמערץ וועלכער ארבייט איצט ניט.

אלע קאפיטאליסטישע נאציאנען פון מזרח אייראפא האבען זיך געווענדעט צו דייטשלאנד זי זאל באצאהלען זייערע מלחמה חובות. זיי כאפען זיך אבער, אז זיי זיינען אין געפאהר צו דערהרג'ענען די גאנז אויף וועלכער זיי האפען, אז זי וועט לעגען פאר זיי די גאלדענע איי. דייטשלאנד געפינט זיך אין זעלבען אויסגעמאטערטען צושטאנד און אויב מען וועט איהר צופיעל א דריק טאן וועט זי זיך גאר ארויסווייזען באנקראט און נוצלאז פאר פינאנציעלער אויסבייטונג.

אמעריקא אליין איז ארויסגעקומען פון דער פארניכטונגס פראצעסיע מיט עפעס אן עקאנאמישער זיכערקייט. כאטש באלעסטיגט מיט א מלחמה־חוב, וואס איז א סך מאל גרעסער ווי דער נאציאנאלער חוב פון דער פאר־מלחמה־צייט, און ניט אכטענדיג וואס די רעגירונג שפרינגט אריין אין נייע ריקזיכטלאזע מיליטערישע ספעקולאציעס, איז נאך אמעריקא איצט די קרעדיט־נאציאן, די לעצטע פעסטונג פון דעם אינטערנאציאנאלען קאפיטאליזם. האלטענדיג צוזאמען דאס איבערבלייבעכץ פון'ם אייראפעאישען קאפיטאליזם, דאס פינאנסירענדיג און געבענדיג עס מאראלע שטיצע, אום עס צו פארשטארקען, וועט דאס לאנד ווארשיינליך נאך קאנען אויסהאלטען געגען דער שטייגענדער מאכט פון דער רעוואלוציאנערער ארבייטערשאפט. אבער די זאמען פון אויפלעזונג פארשפרייטען זיך גיך אין אלע אייראפעאישע לענדער און קיין שום לאנד, עס מאכט ניט אויס ווי רייך און קאפיטאליסטיש, וועט זיך לאנג ניט קאנען האלטען געגען א וועלט וואס ווערט גיך איבערגעבויט לויט די פרינציפען פון קאאפעראציאן און עקאנאמישער גערעכטיגקייט.

אנערקענונג פאר גוטע ארבייט

די ארבייטער פון ראבקין און בארקאן, 1610 סט. מארקס עוו. בראנזוויל, האבען פרעזענטירט זייער שאפ טשערמאן בר. גאלדשטיין, מיט א גאלדענער וואטש און טשיין, פאר זיין גוטער ארבייט אין'ם שאפ דורך דעם לעצטען סיזאן. ברודער גאלדשטיין, וועלכער האט געראטען אויסשטעהן פון די בעלי הבתים פיעלע פערזענליכע באליידיגונגען און אנדערע אונאנגענעהמליכקייטען, האט עס ווארליך כשר פארדיענט.

[illegible] די קאמיטע פון [illegible]

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor

A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: 1 year, $1.50

Vol. I. Friday, May 9, 1919. No. 17

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאַקטאָר'ס נאָטיץ-ביכעל

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 9th, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

עטליכע ענינים, וועלכע פאַרדיענען באַטראַכט צו ווערען.

מיר האָבען געטרוימט: דער לײדיעס וױיסט-מייקערס סטרייק וועט זיך ענדיגען מיט א זיג. די מאַכט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל וועט קלאָר ווערען פאַר אַלע, וועלכע האָבען נאָר אויגען צו זעהן, אויערען צו הערען און א געהירן צו דענקען, און דערפאַר אַליין שוין וועלען אַלע אַנדערע סכסוכים, וואָס קענען און מוזען פאָרקומען אין די פאַרשיעדענע אינדוסטריען, וועלכע בילדען די אינטערנעשאָנאַל, געסעטעלט ווערען פריעדליך, אָהן סטרייקס, ווייל וואו איז די לאָגיק אויסצונעהמען א קאַמפּף געגען דאָס אונפאַרמיידליכע, געגען דאָס, וואָס מוז געשעהן?

מיר האָבען דאַרום געמעגט טרוימען, אַז די קלאָוק-מאַנופעקטשורער, געלערענט סיי פון זייער אייגענער ערפאַהרונג און סיי פון דער ערפאַהרונג פון אַנדערע, וועלען ניט דערלאָזען צו א קאַמפּף, וועלכער מוז זיך ענדיגען מיט א זיעג פאַר די אַרבייטער, ניט אַזוי דערפאַר ווייל זיי זיינען אַזוי מעכטיג און ענטשלאָסען, נאָר ווייל די קלאָוקמאַכער, האָבענדיג אויך געלערענט פון ערפאַהרונג, שטעלען ניט קיין פאָדערונגען, צו וועלכע זיי זיינען ניט באַרעכטיגט.

און דאַן — האָבען מיר געטרוימט — ווען אַלעס וועט זיך ענדיגען אַזוי פריעדליך, וועלען מיר זיך קענען פאַרגינען אָפּצוגעבען א היבשען פּלאַץ אין דער צייטונג פאַר פראַגען, וועלכע זיינען פון א טיעפען אינטערעס און וויכטיגקייט ניט בלויז פאַר די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאָנאַל, נאָר פאַר אַרבייטער פון אַלערליי טריידס, און אויך ניט בלויז פאַר ענינים, וואָס האָבען אויסשליסליך צו טאָן מיט אַרבייטער-אינטערעסען, נאָר מיט אַלגעמיינע מענשליכע אינטערעסען.

אָט, למשל, ווען מיר האָבען ניט פאַר זיך די מעגליכקייט פון דעם בעפאַרשטעהענדען סטרייק, וואָלטען מיר אודאי געהאַט וואָס צו זאָגען וועגען דעם שעהנעם ערשטען מאַי יום-טוב אין אונזער פרייער מדינה, וועלכער, אויב ער איז ניט געווען רויט דורך דער רויטער פלאַג, וואָס מען האָט אַמאָל געמעגט טראָגען צו יעדען פּאַראַד פראַנק און פריי, איז אָבער שטאַרק רויט געווען דורך די אַרבייטער-בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסען דאָ, אין קליוולאַנד, אין באָסטאָן, אין שיקאַגאָ, און אין אַנדערע שטעדט.

אָפּגערעדט וועגען דעם, וואָלטען מיר געוויס ניט פאַרגעסען צו קאָמענטירען איבער די העכסטסענסאַציאָנעלע און העכסט-מערקווירדיגע באָמבען-ענטדעקונגען אין פּאָסט-אָפיס, וועלכע, ווען זיי ווערען, חלילה, ניט ענטדעקט באַצייטענס, וואָלטען געמאַכט נאָר א היבשען לאָך אין אונזער סענאַט, אין אונזער קאָנגרעס, אין אונזערע קאָורטס און אין נאָך פיעלע הויכער פּלעצער. מיט איינמאָל וואָלטען וועלכע בכבודיגע עמטער ווי די פון סענאַטאָרס, קאָנגרעסלייט, דזשאַדזשעס, מעיאָרס, דיסטריקט אַטוירנים געבליבען לעדיג, און — וואָס איז ערגער פון אַלץ — עס וואָלט קוים זיך געפונען א בעלן, וואָס וואָלט זיי אונטער אַזעלכע אומשטענדען געוואָלט פאַרנעהמען.

ווען מיר וואָלטען געענדיגט מיט דער באַטראַכטונג פון אָט דיזער מערקווירדיגער באָמבען-געשעהעניש, און גראַדע אין דער צייט, ווען פון נאָר פיעלע מענשען האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק הערען דער געשריי פאַר די באַפרייאונג פון אַלע פּאָליטישע פּריזאָנערס, פון די א. וו. וו., פון מוני און בילינגס, וואָס דאָס קען זיין זאָל האָבען א שטאַרקען המשך צווישען זיך, ווייל עס איז דאָך קלאָר, אַז דער באָמבען-טעראָר וועט איצט פאַרטויבען און דערשטיקען דעם געשריי פאַר באַפרייאונג פון אָט די הונדערטע און הונדערטע אָפּפער פון פרייער רעדע און זעלבסטשטענדיגען דענקען; ווען מיר וואָלטען, זאָגען מיר, דאָס אַרומגערעדט גאַנץ ברייטלאַך, וואָלטען מיר וואַהרשיינליך ניט פאַרגעסען צו שענקען אונזער אויפמערקזאַמקייט צו די אַרבייטער-פּאַראַגראַפען, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין פּאַריז פון אונזער גאָמפּערס אין שותפות מיט אַנדערע אַרבייטער-פאַרשטעהער, און וועלכע געהען אַריין, אַלס א טייל, אין דעם פריעדענס-אָפּמאַך. לויט א דעפּעשע פון וואַשינגטאָן, האָט פּרעזידענט ווילסאָן ערקלעהרט, אַז אָט די אָנגענומענע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער-פּראָגראַם, וועלכע איז בלויז א רעקאָמענדאַציע צו די פאַראייניגטע רעגירונגען, איז דער סאַמע וויכטיגסטער אויפטו פון אַלע פריעדענס-פאַרהאַנדלונגען. נאַטירליך, איז עס נאָר קיין פראַגע ניט, אַז פּרעזידענט ווילסאָן איז באַרעכטיגט צו זיין מיינונג, אָבער מיר וואָלטען, ווען דער פּלאַץ וואָלט נאָר ערלויבט, זיך גענומען די פרייהייט צו צוגליעדערען אָט דיזע פּראָגראַם, און טאָמער וואָלטען מיר, חלילה, געקומען צו אַן אַנדער מיינונג, ווי פּרעזידענט ווילסאָן, וואָלטען מיר אודאי דאָס אַרויסגעזאָגט, כאָטש מיט דעם נויטיגען רעספּעקט, וואָס קומט א מענשען, וואָס דענקט אַנדערש, ווי מיר.

* * *

און, ווען מיר וואָלטען דערמיט פאַרטיג געווען, וואָלטען מיר געוויס דערמאָנט, כאָטש מיט עטליכע ווערטער און העכסטער אכטונג און ליעבע, אונזערע קעפּ-מייקער, וועלכע האָבען די טעג זייער צוויי-יעהריגע קאָנווענשאָן, און אויף וועלכער עס שטעהען העכסט-וויכטיגע פראַגען, וועלכע זיינען ניט בלויז פון גרויסען אינטערעס פאַר זייער אָרגאַניזאַציאָן, נאָר פאַר אַלע אַרבייטער. למשל, זייער שטעלונג צו דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר איז פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס מוז אַנריהרען אַלע אַנדערע אידישע ראַדיקאַלע טרייד-יוניאָנס. די פראַגע איז ווירקליך א וויכטיגע: זאָלען מיר לאָזען די קעפּ-מייקערס אַליין אויספייטען זייער קאַמפּף, אָדער זאָלען אַלע ראַדיקאַלע אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס מאַכען די זאַך פון די קעפּ-מייקערס פאַר זייערע און אויסהויבען אויף אַזאַ אופן א געמיינשאַפטליכען קאַמפּף?

אויף דעם פּראָגראַם פון דער קעפּ-מייקערס קאָנווענשאָן, לויט ווי מיר הערען, איז דאָ נאָך איין וויכטיגער פּונקט, וועלכער מוז זיכער אינטערעסירען אַלע, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין דער נאָדעל-אינדוסטריע. עס האַנדעלט זיך וועגען א פּלאַן צו פאַראייניגען אַלע אַרבייטער פון דער נאָדעל-אינדוסטריע אין איין גרויסע יוניאָן. דער פּלאַן, שעהן ווי ער איז, קען זיין איז אַן אוטאָפּיסטישער, אָבער פּונקט אַזוי קען ער אויך זיין א גאַנץ פּראַקטישער, און איז זעהר אויספיהרבאַר. ער פאַרדיענט דאַרום די פולסטע און טיעפסטע באַטראַכטונג.

מיר וואָלטען, ווען דער פּלאַץ ערלויבט נאָר, כאָטש מיט איניגע ווערטער באַגריסט די קאָנווענשאָן פון אַרבייטער-רינג, וועלכע קומט פאַר די טעג אין דעטראָיט, וועלכע פאַרדיענט עס שוין דערפאַר, ווייל נאָר א היבשע צאָהל מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל זיינען אויך גלייכצייטיג מיטגליעדער פון א. ר. יע, מיר וואָלטען קיין זאַך, וואָס איז וויכטיג און פון אַן אַלגעמיינעם אינטערעס, ניט אויסגעלאָזען, און מיר וואָלטען געהאַט די גרויסע אינערליכע באַפריעדיגונג, דאָס די „גערעכטיגקייט“, אַלס אָרגאַן פון דער „אינטערנעשאָנאַל“, רופט זיך אָפּ מיט איהר צייט-וואָרט אויף אַלץ, וואָס איז גוט אָדער שלעכט, אויף אַלץ, וואָס שטערט אָדער ברענגט ווייטער דעם מענשליכען פּראָגרעס. אַזוי האָבען מיר געטרוימט, וועלען מיר קענען האַנדלען נאָך אין גיכען; אָבער, ווי עס זעהט אויס, איז נאָך די צייט ניט געקומען. די קלאָוק-מאַנופעקטשורערס פאַרגינען עס אונז ניט, און מיר מוזען אָפּגעבען אונזער גאַנצע צייט, אונזער גאַנצע ענערגיע און אונזער פּלאַץ צו דעם בעפאַרשטעהענדען קלאָוקמאַכער-קאַמפּף, פּונקט ווי די קלאָוקמאַכער אַליין מוזען עס טאָן פאַר דער צייט פון קאַמפּף.

„איינס און אונגעטיילט“.

איצט מוזען פאַרשווינדען אַלערליי מיינונגס-פאַרשיעדענהייטען פון א פּאָליטישען און סאָציאַלען כאַראַקטער, וועלכע האָבען געמעגט פריהער צוטיילען די קלאָוקמאַכער אין פאַרשיידענע פּאַרטייען. איצט מוזען זאָגאַר פאַרגעסען ווערען די חילוקי דעות, וואָס האָבען עקזיסטירט פאַר'ן סטרייק בנוגע צו דער קלאָוק-אינדוסטריע גופא. דער שטרייט צווישען שטיק-אַרבייטער און וואָך-אַרבייטער איז געווען באַרעכטיגט, איידער די יוניאָן האָט אָנגענומען איהר פעסטען באַשלוס אין דער פראַגע. האָט זי אָבער שוין באַשלאָסען און איז אַרויס אין קאַמפּף פאַר די אויספיהרונג פון אָט דער ראַדיקאַלער פאָדערונג, מוזען די נעכטיגע געגנער, אַלס גוטע יוניאָן-לייט, זיך אונטערגעבען און קעמפּפען גלייך מיט אַלע אין רייה און גליעד, מיט דעמזעלבען פייער, פּונקט ווי זיי וואָלטען קיינמאָל ניט געהאַט גאָר קיין אַנדער מיינונג אין דער פראַגע.

„איינס און אונגעטיילט“, מוז זיין דער לאָזונג פון אַלע קלאָוקמאַכער, וועלכע געהערען צו זייער יוניאָן. אַלע, ווי איין מענש, מוזען מיט אַלע זייערע כחות קעמפּפען פאַר די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען. און זאָלען אַלע געדענקען, אַז דער פאַקט, וואָס די באָסעס ווילען דוקא אָט די פאָדערונגען ניט נאָכגעבען, און באַזאָנדערס די פאָדערונג פון וואָך-אַרבייט, איז דער שטאַרקסטער אַרגומענט געגען זייער פריהערדיגער מיינונג אין דער פראַגע פון שטיק- און וואָך-אַרבייט, ווי עהרליך זי האָט געמעגט זיין פון זייער זייט.

און דערפאַר, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך דאָ צייט צו אַרגומענטירען מיט די מיטגליעדער פון דער קלאָוקמאַכער-יוניאָן, ווייל באַלד וועלען אַלע אונזערע אַרגומענטען מוזען זיין געריכטעט אויסשליסליך געגען די קלאָוק-מאַנופעקטשורערס, ווילען מיר היינט באַריהרען

נאָך א פּאָר פּונקטען אין דער פראַגע פון שטיק- און וואָך-אַרבייט.

איינע פון די גרעסטע חסרונות, וואָס ווערען אויסגעזעצט געגען דער קאַפּיטאַליסטישער גרויס-פּראָדוקציאָן, איז דער פאַקט, וואָס זי האָט אָפּגעשאַפט דעם געלערענטען אַרבייטער, וואָס האָט אַמאָל געמאַכט א גאַנצע שטיק אַרבייט, און דורך די גרויסע אַרבייטס-צוטיילונג געמאַכט פון איהם בלויז א שרייפעל אין דער גרויסער מאַשין — א שרייפעל, וועלכער טוט מעכאַניש א געוויסען טייל פון דער אַרבייט טאָג-איין, טאָג-אויס, און צו וואָס עס איז ניט נויטיג ניט קיין קענטשאַפט, ניט קיין שכל, ניט קיין בריהשאַפט, נאָר א געוויסע צאָהל מעכאַנישע באַוועגונגען, וועלכע פאַרוואַנדלען פּאַקטיש דעם לעבעדיגען אַרבייטער אין א טוידטער מאַשין.

מיר, פון אונזער זייט, האָפען, אַז אָט די צוטיילונג פון דער אַרבייט, ווי דאָס פאָדערט די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע מאַסען-פּראָדוקציאָן, וועט פאַרשווינדען ווען די אַרבייטער וועלען קריגען די פולע קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציאָן. מיר האָפען, אַז די אַרבייט וועט געמאַכט ווערען דאַן אַזוי אינטערעסאַנט, פאַר דעם אַרבייטער, אַז זי וועט ווערען א טייל פון זיין לעבען, ניט ווי איצט, ווען ער הויבט ערשט אָן צו לעבען, ווען ער ענדיגט די אַרבייט. מיר גלויבען, אַז די אַרבייט וועט קענען אַזוי אָרגאַניזירט ווערען, אַז זי זאָל אַזוי ווייט ווי עס איז מעגליך קענען געבען דעם אַרבייטער דעם **גענוס פון שאַפען**, דעם געפיהל פון האָבען אויפגעטאָן עטוואָס, אין וואָס עס איז פאַרקערפּערט ניט בלויז זיין פיזישע אַרבייטס-קראַפט, נאָר אויך זיין פאַרשטאַנד און געשמאַק.

נאָר זאָל עס ניט מעגליך זיין, זאָל די האָפנונג אונזערע זיך אַרויסווייזען אַלס אַן אוטאָפּיע, וועט דאָך די אַרבייט זיין פאַר דעם אַרבייטער פון דער צוקונפט פיעל אָנגענעהמער, ווי איצט, צוליעב דריי טעמים: ערשטענס, ווייל אין דער פּראָדוקט פון זיין אַרבייט וועט ער ניט האָבען קיינע שותפים, וואָס זאָלען זיך מיט איהם טיילען, כאָטש זיי האָבען גאָרניט ביינעטראָגען דערצו; צווייטענס, ווייל די שטונדען, וואָס ער וועט אַרבייטען, וועלען וואַהרשיינליך זיין זעהר קורצע, נעהמענדיג אין אַנבאַטראַכט, דאָס דער מין לעדיג-געהער, וואָס מיר האָבען איצט, וועט אין גאַנצען פאַרשווינדען; און, דריטענס, ווייל ער וועט האָבען אין אַלגעמיין א דעה אין דער אינדוסטריע, ניט ווי איצט, ווען אויסער אַרבייטען האָט ער גאָר ניט וואָס צו זאָגען.

דאָס וועט אָבער אַמאָל זיין. דערווייל איז עס א פאַקט, אַז וואָס א געוויסע אינדוסטריע איז גרעסער, דאָס גרעסער איז אין איהר די אַרבייטס-צוטיילונג. און דאָס האָט נאָר ניט צו טאָן מיט דעם פאַקט, צו דער אַרבייטער ווערט געצאָהלט פון שטיק אָדער פון דער וואָך.

דער אַרבייטער, למשל, וואָס נעהט אין די אַרבעל אין א געוויסען בגד, אָדער מאַכט די לעבער, אָדער נעהט צו די ליינינגג, קען באַצאָהלט ווערען פּונקט אַזוי פון שטיק, ווי פון וואָך.

דאַרום איז עס אין גאַנצען א גרונדלאָזע באַהויפּטונג, אַז „וואָך-אַרבייט וועט צוטיילען דעם אַרבייטער אין פאַרשיעדענע קלאַסען, ווי, צום ביישפּיעל: אָפּרייטאָרס, לערנערס, העלפּערס“, א. ז. וו. ד א ס ט ו ט נ י ט ד י וו א ך-א ר ב י י ט. ד א ס ב ר ע נ ג ט ד י נ וי ט וו ע נ ד י ג ק י י ט פ ו ן י ע ד ע ר מ א ס ע ן-פ ר א ד ו ק צ י א ן.

דער פאַקט איז, אַז גראַדע אונטער שטיק-אַרבייט איז דאָס מעהר מעגליך און נויטווענדיג, ווי אונטער וואָך-אַרבייט. מיר האָבען געזעהן, אַז דאָס כאַראַקטעריסטישע אין שטיק-אַרבייט איז די איילעניש, די יאָגעניש, דער וואונש וואָס מעהר אַרבייט אַרויסצוגעבען. אום דאָס אויסצופיהרען מיט אַלץ מעהר ערפאָלג, מוז דער אָפּרייטאָר, למשל, אַליין נעהמען צו זיך פאַרשיעדענע העלפּער און זיך טיילען מיט זיי אין דער אַרבייט. און דאָס איז איינער פון די גרעסטע איבלען אין דער קלאָוק-אינדוסטריע; דער אָפּרייטאָר ווערט אָפט אומגעוואַנדעלט אין א קליין באָסעל, אין א קליין עקספּלואַטאַטאָרעל פון די העלפּער און לערנער, וועלכע ער האָט אונטער זיך. אַלזאָ די צוטיילונג פון דער אַרבייט אין פאַרשיעדענע קלאַסען קומט גראַדע פאַר אונטער דעם שטיק-סיסטעם, און ביז צו אַזאַ גראַד, אַז אונטער דעם וואָכען-סיסטעם קען שוין גאָר ערגער ניט זיין.

נאָר אָנגענומען אַפילו, אַז די אַרבייטס-צוטיילונג זאָל ווערען נאָך גרעסער, ווי זי איז, אַזוי אַז יעדער איינציגער אַרבייטער וועט טאָן זיין טייל, און אַזוי גוט און אַזוי שנעל ווי עס קען נאָר זיין, ווייל עס איז דאָך לייכט זיך איינצואיבען אין איין געוויסען טייל, וועט גראַדע דאָס אַליין ניט מאַכען דעם אַרבייטער צוטיילט אין פאַרשיעדענע קלאַסען, נאָר פאַרקעהרט, וועט זיי אַלע מאַכען מעהר גלייך, ווי זיי זיינען עס ווען פריהער געווען. און, פאָלגליך, איז פּשוט פאַלש די צווייטע באַהויפּטונג, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען וועט א זעהר אונבאַדייטענדע צאָהל פון די איצטיגע שטיק-אַרבייטער קריגען דעם „סקייל“ און די איבעריגע וועלען אַרבייטען אונטער'ן סקייל, מיט דער יוניאָן'ס צושטימונג.

ווי קענען זיין מעגליך פאַרשיעדענע „סקיילס“, ווען די אַרבייט איז אַזוי צוטיילט, אַז אַלע, אָהן אַן אויסנאַהם, טוען א געוויסען טייל מעכאַנישע אַרבייט? און ווי קען מען ריידען פון לערנער ערשטען און צווייטען גראַד ביי אַן אַרבייט, וואָס מען דאַרף גאָרניט לערנען, אויב מען זאָל ווירקליך אָנגעהמען, אַז די אַרבייט אונטער דעם וואָך-סיסטעם וועט נאָך מעהר צוטיילט ווערען ווי אונטער דעם שטיק-סיסטעם?

ניין, אָט די טענה געגען וואָך-אַרבייט איז דוקא די אונבאַגרינדעטסטע. עס איז פּונקט פאַרקעהרט. מיט דער איינפיהרונג פון וואָך-אַרבייט וועלען פאַרשווינדען צווישען די אַרבייטער די איצט-עקזיסטירענדע קלאַסען; עס וועט פאַרשווינדען דער זאָגענאַנטער קליינער קאָנטראַקטאָרעל סיי אין שאַפּ און סיי

לייבעל

(פון דער סעריע יוניאָן־טיפּען).
פון א. באַביטש.

... איז שוין א שעהנע עטליכע ... מענשען, וועלכע לעבען אויף ...ט־סייד, איבערהויפּט די, וועל־ ...ן זיך אין דער אידישער ארביי־ ...ענגנג שטויסען זיך אָפּט אָן ... משונה'דיגען אויסזעהענדען ... וועלכער האָט געצויגען אַלע־ ...פּמערקזאַמקייט. א מאַן, א הויי־ ...לכער איז געגאַנגען עטוואס ...גען, אין אַן אַלטען צעריסענעם ...ן אימער אין א שוואַרץ צעריי־ ...ד, אָהן א קאַלנער אָדער טאַי. ... פון זיין פּנים איז ברוין און זעהט ... צואָקערטע ערד, און די האָר פון ... און באָרד איז ווילד פאַרוואַק־ ... זיינע האָר האָבען אַן אויסזעהן ...עריינינגטע פלאַקס. זיין שטערן, ...ר און שטענדיג פאַרשוויצטער ... געהאַקט מיט טיפע ברייטע ... אין וועלכע עס האָט זיך שטענ־ ...יגען א דין פּאָדים בלאָטע. און ...ער זיין הויכען שטערן האָבען ...וקט צוויי קלוגע איראָנישע אויי־ ...בע האָבען פרעהליך געקוקט ... וועלט.

...ראַפּען דיזען מענשען האָט מען ...נם אויף פאַרזאַמלונגען אין ...נע פּאָלקס אינסטיטושאַנס. און ... איז געקומען, האָט מען באַלד ...ט זיין אַנוועזענהייט. ער האָט ...ר געלאָזט הערען. זייענדיג אָפט ... האַלב־שיכור'ען צושטאַנד, האָט ... הייזעריג־שיכור'ע שטימע באַלד ... הערען.

... וועט מענשען האָבען צום ער־ ...אָל באַגעגנט דיזע משונה'דיג ...נגדע פיגור, זיינען זיי געבליבען ... פאַרוואונדערט און געפרעגט: ...ער איז דאָס? און ווי קומט ער ...

... דער ענטפער איז מעהרסטענס ...

...אָס הייסט ווער? דאָס איז דאָך ... אונזער לייבעל. איהר קענט ניט ...״

... ווירקליך, די מענשען, וועלכע ... לייגערע צייט אויף דער איסט ... קומען צווישען די אידישע אר־ ...קרייזען, זיינען שוין געווען אַזוי ... צו דעם משונה'דיג אויסזעהענ־ ...ט האַלב־שיכור'ען לייבלען, אַז ...ויי געווען א וואונדער ווען איי־ ... געפרעגט ווער דאָס איז. און ... אויפ'ן פּנים האָבען איהם אַלע ... און יעדער האָט געוואוסט זיין ... זיינען אָבער געווען בלויז איי־ ...עלכע האָבען לייבלען געקענט ... וועלכע האָבען געקענט לייבלען ... איז ניט געווען דאָס וואָס ער ...ט, נור ווען ער האָט געגלאַנצט ... באוועגונג אלס רעדנער, טוער און הייסער קעמפער. דיזע זיינען געווען ניט פיעל. עס זיינען בלויז געווען גע־צעהלטע, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען זייער טעטיגקייט אין דער באוועגונג נאָך מיט א פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק. און דיזע זיינען אַמאָל געווען גאַנץ אינטימע פריינד מיט לייבלען. און ווען זיי באַ־געגנען איהם יעצט, האָבען זיי עפּעס א געפיהל פון צער און שאַנדע, זעהענדיג איהם אין זיין יעצטיגען צושטאַנד, אָבער זיי צייגען דאָס איהם קיינמאָל ניט אַרויס, ווייל זיי ווייסען אַז רעדען צו לייבלען וועגען דעם איז אומזיסט, מען וועט פון איהם נור באַליידיגט ווערען. באַגריסען זיי איהם אימער ווי אַן אַל־טען באַקאַנטען, און מאַכען מיט איהם א שפּאַס פון זיין שיכור'ן צושטאַנד. אָבער לייבעל, וועלכער האָט פון זיך אַרונטערגעוואָרפען יעדע פאַראַנטוואָרט־ליכקייט און שאַנדע, האָט זיך באַצויגען צו אַלעמען גלייך.

פון דעם גרעסטען ביז דעם קלענ־סטען האָט ער צו אַלעמען גערעדט פּער־דו און זיך פאַרהאַלטען מיט א געוויי־סער אייגען־אַרטיגער חוצפּה, און איי־גען־געשאַפענער שפּראַך.

ווען ער האָט אויף א פאַרזאַמלונג געטראָפען איינעם פון די פיהרער פון דער באוועגונג, צו וועמען דער גאַנצער עולם האָט זיך באַצויגען מיט דרך ארץ און כבוד, פלעגט לייבעל, וועלכער איז מיט דיזען פיהרער געווען אינטים נאָך פון אַמאָליגע צייטען, איהם אָנרופען ביים ערשטען נאָמען און אויסשרייען אויף א קול מיט זיין הייזעריג פאַר־שיכור'טע שטימע:

— העלאָו באַי! וואָס מאַכסטו עפּעס? וואָס זעהט מען דיך ניט, באַ־האַלטסט זיך פון לייבען, הא? האָסט מורא איך זאָל דיר ניט בעטען אַן אַל־טען קוואָרטער? נו, טאַ, זיי מאַקע ניט קיין דבר אחר און שטיפּ אונטער א פאַר־שימעלטען פּערטעלע, עס טריקענט, ברו־דער, דער גומען.

דער באַטרעפענדער פלעגט זיך פיה־לען אַביסעל אין א פאַרלעגענהייט פון דיזער באַגעגניש. אָבער קענענדיג לייב־לען גאַנץ גוט, פלעגט ער איהם דערלאַנ־גען די האַנד, און מיט א שמייכעל איהם אַריינשטופּען אין האַנד א מטבעה.

און אָט פון אַזעלכע מטבעה'ס האָט זיך לייבעל ערנעהרט. קיין ווייב און קינ־דער געדיינקט קיינער ניט ווען לייבעל האָט געהאַט. און ער האָט קיינמאָל מיט קיינעם וועגען דעם ניט געוואָלט רעדען, נור אַמאָל ווען ער איז געווען גאַנץ שיכור פלעגען זיך ביי איהם אַרויסרייסען איי־ניגע ווערטער וועגען זיין פרוי, נאָר מער־סטענס זיינען דאָס געווען א פּאָר זידעל־ווערטער, און האָט אימיצער געוואָלט וויסען עפּעס מעהר איינצעלהייטען, און איהם געפרעגט האָט ער מיט זיין פרוי, פון וואַנען זי איז, האָט ער גראָב געענט־פערט: „ניט דיין באָבעס דאגה. איך פרעג עפּעס ביי דיר וועגען דיין ווייב?“

און עס איז שוין א שעהנע עטליכע יאָהר ווי מען קען לייבלען אַזוי ווי ער איז יעצט, שטענדיג האַלב שיכור, אַר־בייט ניט, וואַלגערט זיך אַרום אויף דער איסט סייד אין פאַרשידענע באַקאַנטע סאַלונס אָדער געוויסע פאָלקס אינסטי־טושאַנס וואו ער האָט געהאַט א פרייען צוטריט אויפ'ן חשבון פון זיין אַמאָלי־גער רעפּוטאַציע.

אָבער דער איינציגער פּלאַץ, וועלכען לייבעל האָט באַטראַכט אלס זיין היים, זאָ צו זאָגען, און פון וואַנען ער האָט אַם מעה'סטען געצויגען זיין חיונה, איז גע־ווען איינע פון די גרויסע אידישע יוני־יאָנס, וועלכע האָט געהאַט איהר הויפּט־אָפיס אין איינעם פון די נומערירטע גאַ־סען אין דעם פעקטאָרי־קוואָרטאַל. אויף דיעזער יוניאָן האָט לייבעל געהאַט א חזקה. זייענדיג פון איהרע ערשטע גרינ־דער און פאַרברענגענדיג דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען מיט די אַרבייטער פון דיעזען פאַך, האָט ער געקענט אויס־געבונדען יעדען אַלטען טוער און בעאַמ־טען פון דיעזער יוניאָן. און אָהער פלעגט ער קומען ניט נאָר זיך אָפּרוהען אָדער פאַרברענגען, נאָר פון דאַנען האָט ער ווירקליך געצויגען זיין חיונה, ווייל יעדען שבת, ווען די בעאַמטע פון דיעזער יוניאָן פלעגען קריגען זייער געהאַלט, פלעגט אויך קומען לייבעל אָהער קאָלעקטען זיין געהאַלט — א געוויסען שטייער, וועלכען לייבעל האָט אויף זיי אַליין אַרויפגעלעגט. און קומען פלעגט ער דאָס ניט בעטען, נאָר קאָלעקטען. די ערשטע צייט איז עס געווען א פרייוויליגער געשיינק. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך עס פון זיך אַליין אויסגעאַרבייט אלס א מין „טעקס“. און יעדער איינער האָט געפיהלט, אַז ער מוז עס איהם באַצאָהלען. אַזוי אַז טאָמער פלעגט זיך מאַכען א מאָל, אַז איינער פון די בעאַמטע האָט איהם א שבת פאַר־פעהלט צו געבען זיין חלק איבער עפּעס אַן אורזאַכע, פלעגט עס אויף איהם בליי־בען שטעהן א חוב און מען האָט עס איהם געמוזט אָפּגעבען די נעקסטע וואָך. און לייבעל אַזוי גוט ווי די וועלכע האָ־בען לייבלען געצאָהלט דעם געוויסען „טעקס“ האָבען עס ניט באַטראַכט פאַר קיין נדבה, נאָר אַזוי ווי עפּעס א חוב, וואָס קומט איהם, אַבוואָהל אַלע האָבען געוואוסט וואָס לייבעל טוט מיט'ן געלד. יעדערער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט בלייבען ביים סאַלון־קיפּער. דאָך האָט איהם קיינער ניט באַטראַכט אלס א נאַ־סען־שיכור און איהם ניט באַהאַנדעלט אלס אַזעלכען, ווייל געוואוסט האָבען זיי אַלע, אַז ענדערען לייבלען און מאַכען איהם צוריק פאַר דעמזעלבען וואָס ער איז געווען אַמאָל איז אַזוי מעגליך, ווי עס איז מעגליך אָפּצושטעלען די זון, און איי־בערהויפּט איז עס געוואָרען לייבעל'ס לעבענס־פילאָזאָפיע. צו פיהרען אַזא סאָרט לעבען ווי ער פיהרט יעצט. און די אור־זאַכען, וואָס האָבען געפיהרט לייבלען צו דיזער פילאָזאָפיע, איז נאָר ... זיינע אַלטע פריינד געווען גוט באַ...

לייבעל מיט זיין שטאָלצען העלדענ־ציגענערען כאַראַקטער האָט אַלע זיינע יאָהרען געפיהרט א ביטערען קאַמף מיט די בעלי בתים אי מיט די אַרבייטער פון זיין פאַך. פון איין זייט, האָט ער ניט געקענט אַריבערטראָגען די אונטער־דריקונג און סוועטעריי פון די באָסעס און פון צווייטען זייט האָט ער קעהאַסט די שקלאַפישע אונטערטעניגקייט פון פיע־לע אַרבייטער פון זיין פאַך. ניט האָ־בענדיג אין יענער צייט קיין אָרגאַניזאַ־ציאָן, וועלכע זאָל באַשיצען די אינטער־רעסען פונ'ם איינצעלנעם אַרבייטער, פלעגט לייבעל זיך מוזען אַליין געגענ־שטעלען די בעלי־בתים, און זיין הייסער טעמפּעראַמענט האָט געפיהרט צו דעם, אַז יעדען טאָג פלעגט ער זיך צושלאָגען מיט אַן אַנדער בעל הבית. דאָס האָט געבראַכט אַזוי ווייט, אַז דער נאָמען ליי־בעל איז געוואָרען א שרעקענס־וואָרט צווישען די באָסעס און אַרבייטער פון זיין פאַך, ביז עס איז איינפאַך געוואָרען אונמעגליך פאַר לייבלען צו קריגען באַ־שעפטיגונג, און מאָנאַטען לאַנג פלעגט לייבעל אַרומגעהן אָהן אַרבייט און יעדען טאָג פלעגט לייבעל קומען אינ'ם פעק־טאָרי־קוואָרטאַל צו באַגעגנען באַקאַנטע אַרבייטער, דורך וועמען ער האָט געהאָפט צו קריגען אַרבייט, אָבער ער פלעגט אַוועק יעדען טאָג מיט גאָרניט. קריגען פלעגט ער נאָר צווישען זיינע באַקאַנטע אַרבייטער. א טריט, א שנאַפּס, א גלאָז ביער א. ז. וו., און אַנשטאָט ברענגען אַהיים עפּעס געלד פאַר דער פרוי צו לע־בען, פלעגט ער קומען אַהיים אָפט א ביי־סעל שיכור, און עס האָט געבראַכט יעדען מאָל צו נייע קריגעריי צווישען איהם און זיין פרוי, ביז וואַנען זיין פרוי האָט איהם אין גאַנצען פאַרלאָזט. און מיעד ווערענדיג פון דעם שטענדיגען שלאָגען זיך מיט די באָסעס און מיט די אַרביי־טער פון זיין פאַך, און דאַן דאָס, וואָס די פרוי האָט איהם פאַרלאָזען, האָט איהם ביסלעכווייז געפיהרט צו דיעזען לעבען.

אין זיין ניי־מאָדנער פילאָזאָפיע — „איך פייף אויף אַלעמען, און געסער־טעלט!“ — דריקט זיך ביי איהם אויס זיין גאַנצער אַרט לעבען, וואָס לייבעל האָט די לעצטע יאָהרען געפיהרט.

יעדען שבת, פונקט ווי א זייגער, פלעגט ער קומען אין דעם אָפיס פון דיע־זער יוניאָן „קאָלעקטען זיין פיידע“, און אַזוי פלעגט ער האָבען אויף א גאַנצע וואָך צו טרינקען און פאַרבייסען. און טאָמער פלעגט איהם אויספעהלען, פלעגט ער שוין ערגעץ טרעפען א באַקאַנטען און ביי איהם נעהמען אַן אַלטען קוואָרטער, און ער איז ווייטער געווען פרעהליך. אומע־טיג פלעגט ער ווערען דאַן, ווען ער פלעגט ווערען צו ניכטער, ווען עס האָט איהם אויסגעפעהלט א שנאַפּס, און דאָס האָט לייבלען ביז יעצט זעהר זעלטען געטראָ־פען. אָבער די לעצטע צייט האָט זיך זיין רעדעל אין גאַנצען א דרעה געטאָן צוריק און עס פעהלט איהם גאַנץ אָפט אויס אויף א שנאַפּס און גאַנץ אָפט קומט איהם אויך אויס צו הונגערען. און גע־קומען איז עס דורך דעם, וואָס לייבעל האָט עפּעס אויף אַזא מאָדנעם אופן פאַר־לאָרען זיין הויפּט־קוואַל פון איינקונפט.

אין דער דאָזיגער יוניאָן, אין וועל־כער לייבעל האָט יעדען שבת „קאָלעק־טעט זיין פיידע“, האָט זיך אָנגעפאַנגען צו מאַכען ענדערונגען. עס האָט זיך דאָרט אָנגעפאַנגען א באוועגונג פון בייי־טען די בעאַמטע. די אַלטע זיינען ביי די וואַהלען דורכגעוואָרפען געוואָרען און נייע, יונגע זיינען אויף זייער פּלאַץ ער־וועהלט געוואָרען. יעדען יאָהר איז גע־בליבען אַלץ ווייניגער פון די אַלטע בע־אַמטע און אין משך פון א פּאָר יאָהר איז אין דיעזער יוניאָן ניט געבליבען קיין איינער פון די אַלטע בעאַמטע און זייער פּלאַץ האָבען פאַרנומען פרישע, יונגע, און יעדען מאָל וואָס לייבעל פלעגט קומען אין דיעזער יוניאָן און טרעפען אויפ'ן פּלאַץ פון זיינעם אַן אַלטען פריינד עפּעס א נייעם, אונבאַקאַנטען פּנים, האָט ער אויף איהם געקוקט ווי אויף עפּעס זיינעם א שונא, וועלכער איז אַבזיכטליך געקומען אַהער, כדי ער, לייבעל, זאָל ניט האָבען פון וועמען צו קריגען א „פּערטעלע“. לייבעל איז געווען צו שטאָלץ ער זאָל צו־געהן צו אַן אונבאַקאַנטען מענשען בע־טען א נדבה. עפּעס איינמאָל האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז איינער פון די נייע איז איהם עפּעס באַקאַנט. ער האָט איהם אָנגענומען פאַר זיינעם א פריינד, איז ער צו איהם צוגעגאַנגען, נאָר יענער האָט איהם אָנגעקוקט אַזוי מאָדנע און געפרעגט די אַנדערע מיט א געלעכטער: „וואָס איז דאָס פאַר א מין ... גיש?...“ די אַנדערע האָבען ...

...שלום. סובמאַרינס וועלען באַלאַגע־ ... די וועלט וועט שטעהן מיט א פאַר־ ...טעם אין שרעק, אַז אַטראַם ווערען ...יקט. און פּלוצלונג וועט דיזעלבע ...יי אויפהערען, ווען זי וועט דער־ ... די טעכטיגע דייטשע אַרמעען ווע־ ...ליזירט און דאָס שטאָלצע דייטשע ... פרידען.

...יי וועלען מיר עס דערגרייכען? — ...לשעוויסטישע מעטאָדען.

... וועלען טאָן אַזוי:

... וועלען אָפּשטעלען אַלע אַמוניציע־ ... מיר וועלען קאָנפיסקירען און ...ן אַלע וואָפען. מיר וועלען פון ...ען שיסען מיט פּראָקלאַמאַציעס אויף ...ע סאָלדאַטען. מיר וועלען שליסען ...ט'ן דייטשען פּראָלעטאַריאַט. און ... שלום־באַדינגונגען וועלען זיין: ...וציע אין דייטשלאַנד.

...זי די באָלשעוויקעס האָבען געטאָן ...קער שלום־אָפּמאַך. היינט טוען זיי ... ניט מעהר. היינט שיסען זיי מאַקע ...בען. אָבער דערפאַר מאַקע שמועסט ...עלט, אַז זיי האָבען פאַרראַטען זייער ... באָלשעוויזם.

...זוי וועלען מיר טאָן.

... אין באַצוג צו אויסלאַנד און אַזוי ...ג צו איינלאַנד. אַזוי אין צייט פון ...ן אַזוי אין צייט פון שלום.

...שטעל זיך, למשל, ווייטער פאָר: ... האָבען ערוועהלט א רעגירונג, וואָס ... פאַרשפּראָכען רעגענס און גערע־ ... און האָט אונז צוגעזאָגט פּרוכטבאַר־ ... די אידישע הייזער. און די דאָ־ ...עהלטע רעגירונג אונזערע — ווי ...עהלטע רעגירונגען — האָט אונז אָ... געגאַרט און פאַרראַטען: די היטלען זיינען געשלאָסען און אַזוי אויך די טראַכטען פון אידישע פרויען. וואָס־זשע טוען מיר אין אַזא פאַל? מיר נעהמען איבער די מאַכט און גיבען זי איבער צו די „סאָוועטען“. מיר שפּאַלטען די היטלען מיט א רעזאָלוציע, און דורך אַנדערע רעוואָלוציאָנערע מיטלען מאַ־כען מיר, אַז אַלע עקרות זאָלען אָנהויבען צו קינדלען.

אָבער נעמען מיר אַן אַנדער פאַל:

א באַפּטע ניו יאָרקער שרייבער און קינסט־לער קענען שוין מעהר ניט קריגען אויף באָרג קיין אָנבייסען אין דער ליטעראַרישער „קיבעצאַרניע“, און זיי זיינען שוין צו אַלט צו טראָגען דעם נאָמען „יונגע“ און צו דרוקען אונדרוקבאַרע זאַכען. און זיי האָ־בען שוין צו־שטאַרק־באַלעבאַטישע פליכטעס, אַז זיי זאָלען מיט זייער פּאָעטישקייט קענען באַצויבערען נאַרישע מיידלאַך. וואָס־זשע טוען זיי דעמאָלט, די דאָזיגע קינסטלער און דיכטער? באַשליסען זיי צו מאַכען א הונ־געריגע אָפענסיווע אויף אונזער לאַנד — אויף ארץ ישראל, הייסט עס.

דער קאַפּיטאַליזם אין ארץ ישראל נעמט זיך דעמאָלט באַוואָפענען פון די שפּיץ פיס ביז איבער די צייחן. די פּאַלעסטינער יונ־קערס שטעלען אַוועק א דאָפּעלטע וואַך אויף זייערע לאַנד־רייכטימער. אַלע פּאַלעסטינער רעדאַקציעס פאַרהאַקען מיט שרעק די טירען און פאַרמאַכען אין פאַרצווייפלונג די לאַ־דען. און דאָס אידישע פאָלק ליידט פון שרעק... און געוויסענביסע, ווייל עס פיהלט, אַז עס מוז צאָהלען א גרויסען חוב די קינסטלער — כאָטש ניט קיין העברעער, אָבער דאָך אידישע קינסטלער, כאָטש, לאָמיר זאָגען, ניט קיין קינסטלער, אָבער דאָך הונגעריגע מאַרטירער פאַר דער קונסט.

און דעמאָלט וועלען די באָלשעוויסטישע מעטאָדען ראַטעווען די סיטואַציע.

מיר וועלען, נאַטירליך, צום אַלעם ערשטען מאַכען א סאָציאַלע רעוואָלוציע. און נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועלען מיר באַ־שטימען, אַז צום אַלעם ערשטען מוז מען אָנ־שפּייזען און אָנטריקען אונזער קונסט־פּראָ־לעטאַריאַט און דאַן, אויב עס וועט נאָך עפּעס בלייבען צום קייען, וועט די קונסט־בור־זשואַזיע און בכלל די בורזשואַזיע אויך קע־נען עפּעס געניסען, ביז זי וועט ביסלעכווייז אויסשטאַרבען אָדער וועט ווערען אויס בור־זשואַזיע און וועט זיך פּראָלעטאַריזירען.

אויף מיין וואָרט, איך שפּאַס ניט.

איך זאָג נאָך אַמאָל: אויב איך וועל האָ־בען א דעה אין ארץ ישראל, וועל איך דאָרט זיכער אָנווענדען געוויסע באָלשעוויסטישע מעטאָדען.

און דעמאָלט וועט ארץ ישראל זיין דאָס גליקליכסטע און פרייעסטע מוסטער־לאַנד אין דער וועלט און דעמאָלט וועט זיכער מקוים ווערען דער אַלטער פּסוק:

מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים.

ווי איך האָב שוין פריהער געמאָלדען.

לינקע און רעכטע

פון נ. בוכוואלד.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 9th, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

2

דאס פראגראם פון די לינקע.

די לינקע זיינען פאלשטענדיג בארעכטיגט צום ערשטען פלאץ, אין אונזער באטראכטונג פון דעם שטרייט אין דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי. ניט ווייל מיר רעכנען אויף א מינוט, אז זיי זיינען דער גערעכטער צד אין דעם שטרייט. פון גערעכט און אומגערעכט קען דא איבערהויפט קיין פראגע ניט זיין. די צוויי פליגלען שטעלען מיט זיך פאר צוויי באשטימטע שטרעמונגען אין דעם סאציאליזם, וועלכע זיינען אזוי אלט ווי דער אזוי־גערופענער וויסענשאפטליכער סאציאליזם אליין, אויב ניט א סך עלטער. און זאגען אז מיר האלטען מיט די לינקע מעהר ווי מיט די רעכטע, אדער פארקעהרט, ווילען מיר אויך ניט. זיי זיינען בארעכטיגט צום ערשטען פלאץ דערפאר, וואס זיי האבען דאס ארויסגעלאזען דעם סאמודרוף, א שלידער געטאן די הענטשקע צו דער אפיציעלער פארטיי און די פרינציפען וואס זי פארטרעט. פאר די סאציאליסטען פון דעם אלטען חדר וועט עס אפשר זיין אינטערעסאנט צו וויסען ווער זייערע נייע־אלטע טעארעטישע אנגריפער זיינען, מיט וואס זיי אונטערשיידען זיך פון די אלטע, כשר'ע, רעגעלמעסיגע סאציאליסטען. די יעניגע ווידער וואס זיינען געניינט מעהר צו די לינקע טעאריען, וועלען זיכער נישט זיין דאנקבאר(?) אז מיר זאלען דא ערקלעהרען אין וואס זייער לינקקייט באשטעהט.

עס איז נישט מעהר ווי רעכט, אז מיר זאלען זיך ווענדען צו די לינקע אליין נאך אן ערקלעהרונג פון זייערע פרינציפען. מען דארף קיין סך מיה ניט נעהמען פון זיי אזא ערקלעהרונג צו קריגען. זיי האבען זי א פארטיגע, אן אויסגעארבייטע. אזוי ווי „פונקטען" זיינען איצט אין דער מאדע, זיינען די לינקע ארויס מיט זייערע 10 פונקטען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר דעם אני מאמין פון דעם לינקען פליגעל.

מען מוז דא באמערקען, אז די פונקטען זיינען אויסגעארבייט געווארען זעהר נאכלעסיג, ווייל צוזאמען מיט פונדאמענטאלע, וויכטיגע פרינציפען פון דעם פליגעל ענטהאלטען זיי אויך צייטווייליגע, קלענערע, ניט וויכטיגע פאדערונגען.

צעהן פונקטען איז א גאנץ קליינע צאהל, און אפגעבען פלאץ אין א דאקומענט וואס די לינקע רעכנען און ווילען מסתמא אז ער זאל פארבלייבען היסטאריש, צו קלענערע, ניט וויכטיגע פאדערונגען, איז אי ניט פראקטיש, אי ניט איינדרוקספול.

מיר וועלען זיך דעריבער דא אפשטעלען בלויז אויף אייניגע פון די 10 פונקטען, צו די וואס זיינען נאך אונזער מיינונג נאך די סאמע גרונטאוונע.

דער ערשטער און וויכטיגסטער פונקט לויטעט אז די פארטיי, סיי אין איהרע לאקאלע, סיי אין די נאציאנאלע פלאטפארמען, מוז זיך אפזאגען פון סאציאלע רעפארמען.

אין דעם פונקט ווערט אויסגעדריקט די נעגאטיווע זייט, זא צו זאגען, פון דעם לינקען, באלשעוויסטישען סאציאליזם. קיינע סאציאלע רעפארמען, קיינע האלבע רפואות, קיינע פלאסטערלעך. סאציאלע רעפארמען קען מען אויספיהרען בלויז דורך די עקזיסטירענדע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען. דאס מיינט אז די ארבייטער אנערקענען און נעהמען אן דעם געבוי פון דעם מאדערנעם שטאאט, וועלכער איז בלויז אן אינסטרומענט אין די הענד פון דעם הערשענדען קלאס צו האלטען אין צוים די ארבייטער מאסען.

די לינקע זיינען געגען סאציאלע רעפארמען, ווי צום ביישפיעל, ארבייטער־פארזיכערונגען פון אלערליי מינים, א מינימום לוין, א. ז. וו., אויך דערפאר, וואס זיי שלעפערען איין דעם רעוואלוציאנערען באוואוסטזיין פון דעם פראלעטאריאט. זיי האלטען אז אין דעם זין פון רעפארמען איז וואס ערגער אלץ בעסער. וואס ערגער די ארבייטער וועלען באהאנדעלט ווערען פון דעם הערשענדען קלאס, אלץ מעהר וועלען זיי ווערען רעוואלוציאנער, און אלץ נעהנטער וועלען זיי זיין צו דער סאציאליסטישער ארדנונג. עס וואלט ניט זיין ריכטיג צו זאגען אז די לינקע ווילען אז די ארבייטער זאלען זיך לאזען דריקען און שטיקען ביז די צייט וועט קומען, ווען זיי וועלען מיט אמאל ארונטערווארפען דעם יאך פון די קאפיטאליסטישע הערשער. ניין, די ארבייטער דארפען אימער זיין רעוואלוציאנער, דארפען אימער קעמפפען פאר א בעסערען דערווייליגען לעבען, אבער דאס דארפען זיי טאן בלויז אין זייערע שעפער און ווערקשטאטען. זיי זיינען מעכטיג גענוג אלס פראדוצירער פון רייכטימער, און דארפען זיך ניט חבר'ען מיט די בורזשואזע פאליטיקער אין זייערע איינריכטונגען.

דאס איז אלזא, וואס די לינקע מיינען, ווען זיי פארדאמען סאציאלע רעפארמען. די ארגומענטען פון די רעכטע געגען דעם און אויך אנדערע פונקטען וועלען מיר ערקלעהרען אין א ווייטערדיגען ארטיקעל. דא וועלען מיר אנגעהן מיט דעם פראגראם פון די לינקע אליין.

דער צווייטער פונקט, אז די פארטיי מוז פראפאגאנדירען און אגיטירען בלויז פאר ארונטערווארפען דעם קאפיטאליזם און איינפיהרען סאציאליזם דורך א דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט, ענטהאלט די פאזיטיווע זייט פון דעם לינקען אני מאמין. ער אונטערשיידט זיך פון דעם רוסישען באלשעוויזם בלויז אין איין פונקט; די באלשעוויקעס זוכען איינצופיהרען דעם סאציאליזם דורך א דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט ווייל(?) אנדערע אמעריקאנער לינקע באנוגענען זיך דערווייל בלויז מיט פראפאגאנדירען פאר דער איינפיהרונג פון סאציאליזם אויף אט דעם אופן. מיר מיינען דא ניט זיך צו וויצלען, אדער שטעכען. עס זיינען פאראן א סך סאציאליסטען וואס גלויבען אין דער דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט, ווען די צייט איז רייף, אבער וועלכע דענקען אז די דירעקטע, באלדיגע פראפאגאנדע דארף מען אנווענדען אויף איבערצונעהמען די עקזיסטירענדע שטאאטס־אינסטיטוציעס אויף א געזעצליכען אופן. די לינקע ווילען קומען צו דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט און דעם סאציאליזם מיט איין שפרונג, „סמיעסטא וואקריער", ווי דער רוס זאגט, וועהרענד אנדערע סאציאליסטען דענקען, אז מען דארף און מען מוז געהן צו דעם דאזיגען ציעל שטופען־ווייז און דוקא דורך סאציאלע רעפארמען.

די פאדערונג פון די לינקע, אז די פארטיי זאל העלפען איבערבויען די ארגאניזאציאנען פון דעם ארבייטער קלאס אויף דעם באדען פון רעוואלוציאנערען אינדוסטריעלען יוניאניזם, איז אי נישט ניי אי נישט לינק. די סאציאליסטישע פארטיי דא אין אמעריקא האט אימער געפאדערט אינדוסטריעלען יוניאניזם אלס א בעסערע און מעהר ווירקזאמע פארם פון ארבייטער ארגאניזאציעס. די פארטיי האט אימער געקוקט זעהר קרום אויף די קינסטליכע, אוננאטירליכע ווענטלעך וואס טיילען אפ איין יוניאן פון דער צווייטער אין איין און דערזעלבער אינדוסטריע.

איין פונקט אין דעם פראגראם פון די לינקע האט ארויסגערופען אן איבערראשונג אין דעם רעכטען פליגעל. דאס איז דער פונקט וואס פאדערט אז די פארטיי זאל ניט פארשפרייטען קיין „פאר־עלטערטע ליטעראטור", נאר זאל דרוקען נייע וואס זאל זיין אין איינקלאנג מיט די פרינציפען פון דעם לינקען פליגעל. מען איז שוין היינטיגע צייטען צוגעוואוינט צו דעם געדאנק, אז די אלגעמיין־אנגענומענע הויכע אידעאלען פון פרייהייט און דעמאקראטיע זיינען ניט אבסאלוט, אז אונטער געוויסע אומשטענדען און פאר געוויסע צוועקען קען מען זיי פארבייגען אדער גאר אין גאנצען אונטערדריקען. אבער אז א סאציאליסטישע פארטיי זאל [illegible] שטרענגע צענזור זאל אנגעפיהרט ווערען אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, בלויז פאר פראפאגאנדא צוועקען — דאס איז שוין א ביסעל צו פיעל אפילו פאר אונזערע צייטען פון גאטעס־דעמערונג. פאר א רעוואלוציאנערער פארטיי צו פאדערען אז דער גייסטיגער האריזאנט פון דעם ארבייטער קלאס זאל פארשמאלט ווערען איז ווירקליך עפעס איבערראשענדעס.

די וויכטיגסטע פון די פאדערונגען וואס טראגען א צייטווייליגען כאראקטער איז, דאס די סאציאליסטישע פארטיי זאל ערוועהלען דעלעגאטען צום אינטערנאציאנאל וואס ווערט פארגעשלאגען פון די באלשעוויקעס, און אז זי זאל זיך אין קיין אנדער סאציאליסטישען קאנגרעס ניט באטייליגען.

מיר האבען דא עטליכע מאל געברויכט דאס ווארט „פאדערונגען" אין פארבינדונג מיט דעם פראגראם פון די לינקע. צו וועמען אייגענטליך שטעלען זיי ארויס די פאדערונגען? אויב זיי ווילען זיך אפשפאלטען פון דער פארטיי און גרינדען אן אייגענע פארטיי, טא צו וואס פאדערען? זיי קענען דאך טאן וואס זיי ווילט זיך און אין גאנצען איגנארירען די אלטע פארטיי. די זאך איז אבער, אז די לינקע ווילען זיך ניט דוקא אפרייסען פון דער פארטיי. זיי האבען גארנישט דאגעגען צו פארבלייבען אין איהר אויב נאר מען זאל זיי לאזען פיהרען די פארטיי ווי זיי ווילען. זיי האפען אויף דער קומענדער נאציאנאלער קאנווענשאן, וואס וועט פריהער אדער שפעטער מוזען גערופען ווערען, ארייכצוקריגען די לייצעס פון דער פארטיי אין זייערע הענד. אויב דאס וועט זיך זיי איינגעבען איז אוודאי גוט. דאן וועט די פארטיי אלס א גאנצע אנגעפיהרט ווערען אין איינקלאנג מיט די פרינציפען פון די לינקע, און לאזען זיך די רעכטע, וואס זיינען אונצופריעדען, אפרייסען. אויב אבער זיי וועלען אויף דער קאנווענשאן געשלאגען ווערען — און דאס איז זעהר מעגליך, — וועלען זיי רעוואלטירען געגען דער פארטיי און גרינדען א לינקע פארטיי וואס וועט מיט דער עקזיסטירענדער קיין פארבינדונג ניט האבען. דערווייל זוכען זיי צו גרינדען א לינקען סקעלעט פאר א צוקינפטיגער לינקער פארטיי. אין יעדען בראנטש איז דא א לינקער פליגעל. דארט וואו די לינקע זיינען א מאיאריטעט ווערען זיי די בעל הבתים און שטופען ביסלעכווייז ארויס די רעכטע. די ארבייט פון גרינדען א פאראלעלע פארטיי ארגאניזאציע געהט אן, כאטש אהן גרויסע שטורעמען. דער קאמף צווישען ביידע פליגלען ווערט שארפער פון טאג צו טאג. די רעכטע זיינען פונקט אזוי ענטשלאסען אנצוהאלטען דעם קאנטראל פון דער פארטיי ווי די לינקע זיינען ענטשלאסען איהם צו געווינען, און זייערע ארגומענטען זיינען אויך ערנסטע און וויכטיגע. מיר וועלען זיי באטראכטען אין דעם דריטען און לעצטען ארטיקעל פון דער סעריע.

אין פאלעסטינא

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 9th, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

צי איהר ווילט יא, צי איהר ווילט ניט — מיר וועלען שוין האבען פאלעסטינא.

און צי איהר ווילט יא, צי איהר ווילט ניט — מוזט איהר זיך פארטראכטען וועגען דער צוקונפט פון דער אלט־נייער אידישער היים און וועגען דער צוקונפט פון דעם אידישען פאלק אין דער דאזיגער היים, און זיך פרעגען: וואס וועט זיך דארט טאן אין דער דאזיגער פאלעסטינא?

און איך האב זיך פארטראכט און איך האב זיך געשטעלט די דערמאנטע פראגע און האב אויף איהר געפונען אזא ענטפער:

איך גלויב באמונה שלמה, אז מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים — אויף מאמע־לשון הייסט עס: פון ציון וועט שטראמען מיט תורה און גאט'ס ווארט וועט קומען פון ירושלים.

און איך פארמאך די אויגען און פאר מיר שוועבען פאלגענדע צוקונפטס־בילדער:

איך זעה טויט און פארוויסטונג איבער דער גאנצער וועלט.

איך זעה א בראדוויי אהן טעאטערס און אהן אקטיארען, א חרוב־געווארענע בראנקס, א וויסטעניש אין בראנזוויל און א פינסטערניש אין בארא פארק. און איך זעה א טויטע שטילקייט און א רעאקציאנערע פינסטערניש אין רוסלאנד. און איך זעה א באנקראט אין אלע פינאנץ־צענטרען פון דער וועלט.

און בכלל זעה איך פאר זיך א חרוב־געווארענע וועלט, ווייל די אידען האבען זיך איבערגעפעקלט אין ארץ ישראל.

און דער איינציגער ליכטיגער ווינקעל, דער איינציגער אאזיס אין דעם וועלט־מדבר איז — —ארץ ישראל.

און אהער, אין ארץ ישראל ציהען זיך פעלקער, זיך אנצווארימען אין דעם ליכט און אביסעל בארגען פאר זיך פון דעם ליכט.

און אהער, אין ארץ ישראל, קומען די רוסען און בעטען זיך: לייהט אונז א טראצקי'ן און א יאפע'ן, ווייל אהן זיי איז אונזער לאנד גרויס און רייך, עס איז אבער קיין ארדנונג און קיין לעבען און קיין רעוואלוציאנערער שוואונג ביי אונז ניטא.

און דאסזעלבע — אונגארן און אנדערע לענדער און פעלקער.

און נאך ארץ ישראל קומען שלוחים פון איטאליען און בעטען אונטערטעניג: גיט אונז א פאר מיניסטארען פון דעם סאנינא'ן לוצאטי און בארזילאי'ען, ווייל אהן זיי פארפלאנטערט זיך אונזער הילפלאז פאלק אין די אונגעדולדיגע נאציאנאלע לאקשען און אונזער שטים ווערט דערשטיקט אין דעם איבער־נאציאנאלען דיפלאמאטישען באר.

און אהער קומען אמעריקאנער נאך טעאטער־באלעבאטים און נאך „מואווי"־אקטיארען.

און אהער קומט דייטשלאנד נאך א באלין, נאך א בערנע און היינע, נאך א קורט־אייזנער און נאך א רויזא לוקסעמבורג.

און אהער קומט ענגלאנד נאך א ביקאנספיעלד און נאך א לארד רעדינג.

און אהער קומט יעדעס לאנד און יעדעס פאלק און בעט אויף פראקאט א ראטשילד'ען.

און אהער קומט ניו יארק נאך שניידער, און פוילען — נאך עטליכע אידען, אויף וועמען מען זאל אין א פרעהליכער מינוט קענען מאכען פאגראמען.

און אהער קומען אלע.

און דאס אידישע פאלק אין ארץ ישראל איז גרויסמוטיג און ברייטהארציג.

און שיפען פארלאזען יעדען טאג די פאלעסטינער האפענס און צופיהרען איבער דער גאנצער וועלט טראנספארטען וויסענשאפט, בערג מיט רעוואלוציאנערען פייער, פעק מיט קלאסענקאמפף, הויפענס חלומות, טאנען גאנצע פינאנץ־זשעניען, דיפלאמאטישען און שטאאטסמענערישען מארך, קונסט און ליטעראטור און נאך און נאך.

און, אגב, איז דאס אויך געזונטער פאר ארץ ישראל גופא.

ווייל דארט איז אן איבער־פראדוקציע אויף די אלע זאכען.

דארט איז א קינסטלער ווערט א פייג. פאר א באקסער קריעגט מען צוויי ראטשילדס מיט א יעקב שיף אלס צוגאב. דארט טראגען אויף זיך מיניסטער־קעפ אלע נאך־ניט־געבוירענע קינדער. און פון דעם דארטיגען רעוואלוציאנערען פייער סמאליען זיך אויס די בערג פון יהודה.

און מען פיהרט און מען פיהרט די דאזיגע סחורה צו אלע ווינקעלעך פון דער וועלט, ווי אין פסוק שטעהט:

מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים.

אט אזעלכע בילדער זעה איך פאר זיך, ווען איך פארטראכט זיך וועגען דער צוקונפט פון דער אידישער ארץ ישראל.

און וואס אנבאלאנגט די אינטערנאציאנאלע באציהונגען צווישען ארץ ישראל, און וואס אנבאלאנגט די אינלענדישע אנגעלעגענהייטען, דענק איך, אז מיר וועלען זיך אין ארץ ישראל אביסעל באנוצען מיט די באלשעוויסטישע מעטאדען. יעדענפאלס וועל איך זיך מיט זיי באנוצען, אויב איך וועל דארט נאך האבען א דעה. איך זאג אייך אבער דערביי צו, אז איך וועל דארט ניט איינפיהרען קיין דיקטאטור און קיין טעראר.

איך וועל דארט איינפיהרען די באלשעוויסטישע מעטאדען — אויסער דיקטאטור און טעראר — ווייל מיט די דאזיגע מעטאדען וועל איך זיין זיכער, אז דאס קליינינקע ציוויליזירטע פאלק ישראל וועט ניט צודריקט ווערען צווישען די פארפינסטערטע פעלקער־ריעזען און די גרעסטע סאציאלע און פאליטישע רעפארמען וועט מען קענען דורכפיהרען אזוי, אז א האהן וועט ניט קרעהען.

איך שטעל זיך, למשל, פאר:

אין א שעהנעם טאג וועט דייטשלאנד, לאמיר זאגען, ערקלערען קריעג ארץ ישראל. א ריעזיגע דייטשע ארמעע וועט געהן אויף פאלעסטינא. לופט־שיפען וועלען פליהען אי

...וואס כען שיט, אויף די רע־
...דער פארע און אלע אנדערע
...זיינען נויטיג פאר זיין נאר־
...ועגונג. אזא לאקאמאטיוו
...טע צייט פליהען מיט א גע־
...מפעט, מיט אן אונגעהייער־
...קייט איבער די רעלסען, א
...ער ווי אונטער דער השגחה
...וניער, אבער מיט איין מאל
...קאמאטיוו זיך פלוצלונג אפ־
... וועט זיך ניט ריהרען פון
...אגאנעס וועלען אויך קריגען
...עץ און די פאסאזשירען וועט
...אס מקנא צו זיין. אונזער
...אמישעס לעבען לויפט ווי א
...ודער, ווי אן אייזענבאהן צוג
...שיניער און דריבער ווארפט
...רחות, פון פראספעריטי צו
...גקייט, פון אן אויפשוואונג
...

...אגטע ערקלעהרט אין אלגע־
...אס קריזיסען זיינען אונפאר־
...א קאפיטאליסטישער גרויס־
...ער ארדנונג. פאר אונז איז
...וועניג. מיר ווילען וויסען
...י א קריזיס פאנגט זיך אן,
... די ע ר ש ט ע אורזאכען
...גער קראנקהאפטיגער ערשיי־
...זיינען זיינע סימפטאמען, ווי
... זיך און צו איז איבערהויפט
...ואה נגען איהם?
...ם אין צווייטען ארטיקעל.

...ב אין דער ארבייטער ...ג מוזיק שולע.

...רוואַרטעטער קאנצערט פון
...מוזיקאלישען מאסטער וועט
...ין דעם אדיטאריום פון אר.
...ולע, 143 איסט דריטע סט.
...בענד דעם 10טען מאי, פאר
...בערס פון ברענטש, פון מענ־
...סימפאני ארקעסטערס, אויך
...פון אונזער מוזיק שולע. אונ־
...ייזער פון דעם וויאלין דע־
...מר .אלפרעד מערגעלין, וועל־
...יך דער קאנצערט מייסטער
...י. פילהארמאניק סאסייטי,
...ען אנדערע נאמבערס אויך
... סעקאנד וועניאווסקיא קאנ־
...לכע איז פון א זעהר גרויסען
... ווערט. די אלע וועלכע הא־
...אך ניט געהערט וועלען יעצט
...לעגענהייט איהם צו הערען,
... מערגעלין פאהרט קיין יו־
...לע אין צייט. 8 אוהר שארפ.
...ע ן ה. א ל ט ע ר מ א ן,
דירעקטאר.

...חדשים. און רחל? — רחל
...אפענסוויז געענדערט:
...סע ליעבע צו איהר דוד'ן
...ן רחמנות פארביטען...
...ז דער רחמנות אויסגעוועפט
...ן זיך אין גלייכגילטיגקייט
...ז...
...יז נאך יונג און שעהן. רחל
...בען; רחל וויל נאך ניט
...
...י צעהרט און צעהרט...
...רחל'ס גלייכגילטיגקייט אויך
...ן... ער ווערט שוין א לאסם.
...רט זיך רחל: „ווי קומט
...?...“
...אס לעבען פון די אויגען
...אכט . . .
...י הוסט, און רחל זיצט אויפ'ן
...ט און באטראכט זיינע דא־
...ריקענטע הענד; זיינע
...ע באקען וואס טראגען אויף
...פארב... און די צוויי אויגען
...אוים ווי פארלאשענע שבת־
...
...רחל מארגע מחשבות...
...מדע, אומגלויבליכע; האלב־
...ל זי די מחשבות ווי שוואר־
...וטרייבען —
...ניט...
...ווייז קומען די דאזיגע
...ן איהר הארצען אריין, מא־
...ט באקוועם, שלאגען ווארצ־
... צובליהען זיך...
... שוין רחל:
...יסט ווי לאנג ער קען זיך
...טשען? — — — — —

די פרויען-וועלט

פון ראזע בעדריק.

פרייהייט און ליעבע.

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין פון פריהערדיגע מעלדונגען, איז אויף דער לעצטער קאנווענשאן פון די אמעריקאנער פרויען־רעכטלערינס, וואס איז אפגעהאל־טען געווארען אין סט. לואיז צוריק מיט א זעקס וואכען, געגרינדעט געווארען א נייע פרויען־פארטיי, די „ליג אוו ווימען וואוטערס“.

דער צוועק פון דער דאזיגער ליגע — ווי עס איז דעמאלט ערקלערט געווארען — איז צו צווינגען, דורך די פאראייניג־טע קרעפטען פון די שוין איצט שטימבארעכ־טיגטע פרויען, די באלדיגע איינפיהרונג פון אלגעמיינעם פרויען־שטימרעכט און גלייכבארעכטיגונג פאר אלע פרויען אין די פאראייניגטע שטאאטען.

די נייע ליגע און איהר קלאר אויס־געשפראכענע פראגראם זיינען דעמאלט באגריסט געווארען פון אלע פראגרעסיווע מענער און פרויען איבער'ן גאנצען לאנד; און די גרינדונג פון דער דאזיגער ליגע איז פון אלעמען באטראכט געווארען אלס דער וויכטיגסטער אויפטו פון דער סט. לואיזער פרויען־קאנווענשאן.*)

די איינציגע, וועלכע האבען „געקוקט קרום“ אויף דער גאנצער קאנווענשאן פון די פרויען־רעכטלערינס, און וועמען די געהינדונג פון אט דער „ליגע פון פרויען־וועהלער“ איז שטארק ניט געפעלען גע־ווארען, זיינען געוועזען די פראפעסיאנעלע „פאליטישענס“ פון די צוויי גרויסע פא־ליטישע פארטייען, די רעפובליקאנישע און די דעמאקראטישע. די דאזיגע „פא־ליטישענס“ האבען מיט זייער שארפען פאליטישען חוש־הריח דערשמעקט אין אט דער נייער ליגע, מיט איהרע צעהנד־ליגע טויזענדער שטימבארעכטיגטע מיט־גליעדער (באנאפייד וואוטערס), א מעכ־טיגען קאנקורענט צו זייער קאנטראל און הערשאפט איבער די שטים־פיה.

די נגנגערשאפט פון די דאזיגע חברה־לייט צום פרויען־שטימרעכט בכלל און צו דער ניי־געגרינדעטער פרויען־ליגע בפרט איז א פארשטענדליכע און — פון'ם שטאנדפונקט פון דער היינטיגער אורד־נונג — אויך א גאנץ נאטירליכע. אויב דער דאזיגער „ליגע פון פרויען וועהלער“ זאל ווירקליך געלינגען צו בעאיינפלוסען די גרויסע מאסען פרויען־וועהלער אין די עמליכע און צוואנציג שטאאטען פון'ם לאנד, אז זיי זאלען אין די שטאאטס אדער נאציאנאלע וואהלען שטימען לויט די פראגרעסיווע פרינציפען פון דער ליגע'ס פראגראם — דעמאלט ווערט די דאזיגע ליגע א גרויסע סכנה פאר דער סאמע עקזיסטענץ פון די איצטיגע פרא־פעסיאנעלע „פאליטישענס“. אזא איינ־פלוס פון דער ליגע אויף די פרויען־וועה־לער פון דער גרעסטער העלפט פון די פאראייניגטע שטאאטען וואלט ניט בלויז אפגעשוואכט די איצטיגע מאכט און קאנטראל פון די היינטיגע פאליטישענס, נאר עס וואלט זיי אין א קורצע צייט גע־מאכט אינגאנצען אוים רעדעל־פיהרער. פאר די דאזיגע פאליטישע „באסעס“ איז אט די וואקסענדע מאכט פון די אמערי־קאנער פרויען־רעכטלערינס פשוט א פרא־גע פון לעבען און טויט, און דעריבער איז זייער נגנגערשאפט צו אט דער נייער פא־ליטישער פרויען־מאכט לאגיש און פאר־שטענדליך.

אבער אז פרויען אליין, און פרויען, וואס האבען ביז ניט לאנג צוריק זיך נאר־ניט געמישט אין פאליטיק, — און אויך זיי זאלען ארויסטרעטען אין קאמפף גע־גען דער נייער ליגע פון פרויען־וועהלער און נגנגען גלייכבארעכטיגונג פאר פרויען אין אלגעמיין — דאס, זעהט איהר, לעגט זיך שוין ניט אזוי גרינג אויפ'ן שכל. און דאך איז דאס א פאקט.

אט פארמאגען מיר דא א „ניו יארק סטייט ווימען וואוטער'ס אנטי־סאפרא־דזשיסטס פארטיי“, א פארטיי וואס איז, ווי איהר נאמען באווייזט, א ווידערשפרוך אין זיך אליין; א פארטיי פון שטימבא־רעכטיגטע פרויען, וועלכע באנוצען זייער שטימרעכט צו באקעמפפען פרויען־שטימ־רעכט. ווי געפעלט אייך אזא לאגיק?

אבער אויב דער דאזיגער „פארטיי“ פעהלט לאגיק, פארמאגט זי דערפאר א נאר „נעהויבענע“ מיטגליעדערשאפט; די ווייבער פון די סאמע „פני“, מעג מען זאגען, פון אונזער אריסטאקראטיע, זייד־נען דארטען מיטגליעדער.

די דאזיגע „פארטיי“ האט דא ניט לאנג אפגעהאלטען א זיצונג אין דער רייכער היים פון מיס עני דזשעניננס, אונ־טער'ן פארזיץ פון מרס. טשארלז ס. פעיר־טשיילד. אויף דער זיצונג האט מרס. מ. ס. גארפיעלד, וועלכע פארנעהמט א הויכען אמט אין דער פארטיי, אפגעגעבען א באריכט וועגען איהרע אינטערוויועז, וואס זי האט געהאט אין די אינטערעסען פון דער „פארטיי“, מיט עטליכע „אנגע־זעהענע“ רעפובליקאנישע און דעמאקרא־טישע פארטיי־פיהרער אין אלבאני, מכח דער נייער ליגע פון פרויען־וועהלער, וועל־כע איז געגרינדעט געווארען אויף דער סט. לואיסער קאנווענשאן. אין איהר בא־ריכט דערצעהלט מרס. גארפיעלד, אז די אלע פארטיי־פיהרער, מיט וועלכע זי האט גערעדט אין אלבאני, האבען אלע, אהן אויסנאהם, פארדאמט די דאזיגע פרויען־ליגע (נאט'ס וואונדער!) פאר איהר „שענדליך - אונאמעריקאנישען“ ארויס־טריט געגען דעם עקזיסטירענדען אונטער־שייד אין די פאליטישע רעכטע פון די גע־שלעכטען אין אמעריקא.

מיט וואס — וועט איהר פרעגען — איז דער ארויסטריט פון דער פרויען־ליגע „שענדליך אונאמעריקאניש“? טא האט איהר דערויף גלייך די ערקלערונג פון די זעלבע פאליטישענס:

„...מיט איהר אונטערשטרייכען דעם אונטערשייד אין די פאליטישע רעכט פון די געשלעכטען אין אמעריקא פיהרט די „ליגע פון פרויען־וועהלער“ צו אן ערנ־סטער פאליטישער שפאלטונג אין דער גאנצקייט און איינינקייט פון'ם אמערי־קאנער פאלק!“

גערעכט! וואס אמת איז אמת! הלמאי זאלען מיר לייקענען? די דאזי־גע „פארדאמטע“ פאדערונגען פון די פרויען־רעכטלערינס, פאר גלייכע פאלי־טישע רעכט מיט די מענער, קען טאקע ברענגען... ניין, עס האט ש ו י ן גע־בראכט „אן ערנסטע שפאלטונג אין דער גאנצקייט און איינינקייט פון'ם אמערי־קאנער פאלק“... און אויף אזוי פיעל זיינען די פראפעסיאנעלע „פאליטי־שענס“, וועלכע האבען ביז איצט פאר זיך אליין געהאלטען די מאנאפאל איבער דעם פאלק'ס רעכט, גערעכט אין זייער צארן אויף דער „שענדליך־אונאמעריקא־נישער“ ליגע פון פרויען־וועהלער; און — ווי נעזאגט — איז זייער קאמפף גע־גען די סאפרעדזשעטס אין אלגעמיין א גאנץ לאגישער.

אבער וואס באוועגט די פרויען, די מיטגליעדער פון אט דער נײ־ראטענער „ווימען וואוטערס אנטי־סאפראזשיסט פארטיי“, צו מאכען יד־אחת מיט די אל־טע פאליטישע היגער־פרעסער, און אונ־טער זייער קאמאנדע ארויסצוטרעטען גע־גען דער אל־וועלטליכער סאפרעדזש בא־וועגונג, א באוועגונג, וועלכע האט א סך שטיצער און זאגאר אקטיווע פיהרער אפילו צווישען די פרויען אין די נאר הויכע פענסטער פון איירשפא און אמעריקא?

מיט וואס, פרעגט זיך, ערקלערט זיך דאס? זאל דאס באמת זיין ניט מעהר ווי הוילע נארישקייט מצד אט די ווייבערשע „אנטים“, וואס מאכט זיי פאר אזא לעכערליכען ווערקצייג אין די הענט פון די ביטערע „פאליטישענס“? אדער אפשר האבען זיי טאקע זייערע אייגענע מאטיווען, וואס באוועגען זיי זיך צו שטע־לען אויף אזא דאן־קיכאטישען אופן גע־גען דער קאלאסאלער סאפרעדזש באווע־גונג?

מיט די דאזיגע פראגען אין געדאנק בין איך דא אנומלטען נעגאנגען צו זייערער אן עפענטליכער פארזאמלונג, וואס איז געהאלטען געווארען אין א זונ־טאג נאכמיטאג, אין אן אפ־טאיינער קיר־כע. איך האב געהאפט צו קריגען אויף יענער פארזאמלונג אן ענטפער אויף מיי־נע פראגען, און דעריבער האב איך זיך אהין מטריח געווען און האב נאך דאר־טען אריינגעווארפען א מטבעה אין דער צדקה־פושקע. — און, דעם אמת זאגען, איז אי מיין טרחה אי די הוצאה פון דער מטבעה, ניט געווען אין גאנצען ארויסגעווארפען. עפעס א תירוץ האב איך דארט פארט נעקראגען.

איך מיין ניט די פרומע רעדעס פון די אלטע נבאי'טעס, וועלכע האבען דארט מיט בפירוש'ע פסוקים פון דער ביבעל „באוויזען“, וואס פאר א שרעקליכע עבירה עס איז פאר א פרוי זיך צו מישען אין פאליטיק. זייער טענה, אז די פרוי איז פון גאט אליין באשטימט געווארען נאר צו זיין א טריוע ווייב צו איהר מאן און א געטריוע מוטער צו איהרע קינ־דער, און אז מאר א פרוי זיך [illegible] טינען נאר מיט פאליטישע פראגען [illegible] עכט־אונקריסטליך און נישט אנשטענ[illegible] — די דאזיגע אלטערטימליכע און פאר־שימעלטע ארגומענטען האבען מיך, פאר־שטעהט זיך, כלל ניט אינטערעסירט, און האבען אפילו ניט אנגעהויבען צו פאר־ענטפערען מיינע פראגען. מע דארף זיין ממש אן אידיאט צו מיינען, אז די אריסטאקראטישע אנטי־סאפראזשיסט־קעס גלויבען אפילו איין מינוט אין די דאזיגע באבע־מעשיות, און אז דאס זאל זיין דער מאטיוו פאר זייער נעגנערשאפט צו דער היינטיגער פרוי'ס שטרעבען צו פאליטישער גלייכבארעכטיגונג.

וואס מיך האט אויף יענער פארזאמ־לונג יא פאראינטערעסירט איז געווען א רעדע פון א זעהר רייך־געקליידעטער יונ־גער דאמע, וועלכע האט — לויט איהר אויסזעהען און האלטונג — אין איהר גאנ־צען לעבען ניט געוואוסט פון קיינע דאגות, און נאך וועניגער — פון וועלכע עס איז אידעען אדער גייסטיגע שטרע־בונגען. גערעדט האט די דאמע זעהר שעהן, מיט א פאלירטער שפראך און א דראמאטישער באטאנונג. איהר ארגו־מענט געגען פרויען־סאפרעדזש איז איי־גענטליך שוין אויך א גאנץ אלטער און גרונד־פאלשער, אבער דאך אינטערע־סאנט.

דער תמצית פון איהר ארגומענט איז געווען, אז דער פרוי'ס עפענטליכע פא־ליטישע טעטיגקייט וועט האבען א פאר־דארבליכע ווירקונג אויף איהרע פיינע און צארטע ליעבעס־אינסטינקטען, און אזוי ווי די דאזיגע ליעבעס־אינסטינק־טען זיינען די שעהנסטע און בעסטע מתנה וואס די נאטור האט געשענקט דער פרוי, טאר מען דעריבער ניט דער־לאזען, אז די פרוי זאל זיך אריינלאזען אין פאליטיק און דורכדעם פארדארבען דער נאטור'ס שעהנסטע מתנה. „איבער־הויפט, לינט די דאזיגע פליכט“, — האט די רעדנערין דראמאטיש אויסגערופען — „די פליכט פון אפהיטען און אויפהאל־טען דער נאטור'ס געשאנק אין דער פרוי, אויף די פרויען אליין; און דערפאר בין איך, אלס פרוי, אן אנטי־סאפרא־דזשיסט!“

דער עולם אין קירכע האט דער יונגער שעהנער רעדנערין שטארק אפלאדירט. איך האב געקוקט אויף דער רעדנערין, דערנאך אויף דעם עולם, און האב ביי זיך געטראכט: אזוי, איז דאס, הייסט עס, נאר א פראגע ניט פון פרייהייט, נאר פון ליעבע! און מיר האט זיך באלד גע־שטעלט אן אנדער פראגע: און וואס איז מכח די ליעבעס־אינסטינקטען פון די פרויען און מיידלעך אין די פאבריקען, שעפער, קראמען, אפיסעס און אנדערע אזעלכע אדער נאך ערגערע שווארציאה־רען? האבען דען ז י י ע ר ע „זיסע“ מלאכות און סביבות אויף זייערע „נא־טור'ס-געשאנקען“ קיין שום פארדארבלי־כע ווירקונג ניט? און אויב יא — ווא־רום זשע שווייגט דער פסוק וועגען ז י י ע ר ע ליעבעס־אינסטינקטען?

ניט מעהר — האב איך זיך אליין גע־טרויסט, א היים געהענדיג פון דער פאר־זאמלונג — ס'איז נאך א גליק, וואס די מאדערנע פארטגעשריטענע פרויען קוקען א ביסעל אנדערש אויף דער דאזיגער פראגע. און דאס האט מיך דערמאנט אן אליוו שריינער'ס שעהנעם סימבא־לישען „טרוים“ וועגען דעם לעבען און די פרוי.

שריינער דערצעהלט:

א פרוי איז געשלאפען. אין איהר שלאף האט זיך איהר גע־חלומ'ט, אז צו איהר איז געקומען דאס „לעבען“ מיט צוויי מתנות אין ביידע הענד: אין איין האנד „ליע־בע“, און אין דער צווייטער האנד „פרייהייט“.

— „קלייב דיר אוים איינע פון די צוויי מתנות!“ האט דאס „לע־בען“ געזאגט צו דער פרוי.

די פרוי האט לאנג זיך גע'ישוב'ט און ענדליך ארויסגעזאגט: „פריי־הייט!“

— „דו האסט גוט אויסגעקלי־בען!“ האט דאס „לעבען“ איהר גע־ענטפערט — „ווען דו וואלסט גע־זאגט: „ליעבע“, וואלט איך דיר גע־געבען דיין פארלאנג, און אליין וואלט איך אוועקגעגאנגען פון דיר, און וואלט שוין מעהר קיינמאל צו דיר ניט צוריקגעקומען. אבער אז דו פארלאנגסט פרייהייט, איז שוין ניט ווייט דער טאג, ווען איך וועל זיך צו דיר צוריקקעהרען און דיר ברענ־גען ביידע מתנות אין איין האנד!“

א שטראהל פון פרייד האט [illegible] אויף דער פרוי'ס פנים [illegible] די פרוי האט מונטער [illegible]

---

*) זעה די „פרויען וועלט“ אין דער „גע־רעכטיגקייט“ פון'ם 24טען אפריל, 1919.

...ליבעל האט געפיהלט אזוי ווי אנ־
...ען זיי אלעמען ביי די קאלנערס און
... ארויסווארפען פון דאנען. ער האט
געפיהלט, אז דיזע מענשען האבען צו־
גענומען זיין שטיקעל ברויט, און זיי לא־
בען נאך. ליבעל איז א דערשלאגענער
...עק פון אפים.

ניט האבענדיג קיין אויסוועג, האט ליבעל אנגעפאנגען צו פעדלען מיט א בעסקעט עפעל. אבער לאנג פלעגט זיך ביי איהם דער בעסקעט ניט איינהאלטען. אזוי שנעל ווי ער פלעגט ווערען ניכטער און עס פלעגט איהם ארומנעהמען אט די מאדנע בענקשאפט, וועלכע האט איהם באהערשט נאר דאן ווען ער איז געווען ניכטער, האט ער געמוזט פארקויפען דעם בעסקעט און פארטרינקען וויפיעל ער האט נאר געהאט, ווייל אין דיזע ניכטערע מינוטען פלעגט זיין פארשטאנד אנפאנגען באגרייפען זיין לאגע. ער פלעגט זיך פלוצלונג אנפאנגען דערמאנען אן איהר און אן זיין טאכטער, וועלכע זי האט נאך אלס קינד דאן מיטגענומען, און ער פלעגט זיך פארטראכטען און נעהמען אויסרעכענען ווי אלט זי קען שוין יעצט זיין און ווי זי זעהט אויס. אפשר, — פלעגט ער טראכטען, — האט זי שוין ערגעץ חתונה געהאט און האט שוין א קינד און ער ווייס אפילו ניט וואו זי איז. אין אזעלכע מינוטען האט ער געמוזט טרינקען. און דערפאר פלעגט ער אזוי אפט פארקויפען דעם בעסקעט מיט די עפעל, וועלכען זיינע פריינד פלעגען פאר איהם קויפען.

אבער צו ער איז געווען שיכור אדער ניכטער, פלעגט ליבעל יעדען שבת פונקט צוועלף אזייגער נאך אליץ זיך צייגען אין יענער יוניאן, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען. ער קומט און שטעהט און קוקט. עס קומען אריין עפעס נייע, פאר איהם אומבאקאנטע פנימ'ער, און קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום. און די שנאה ביי א'הם אין הארצען וואקסט און יעדען מאל האלט ער זיך איין מיט אלע כחות ניט אויסצושרייען צו זיי: „לאפאצאנעס וואס איהר זיינט! פון וואנען האט איהר זיך גענומען?... פון וואנען קומט איהר אין מיין יוניאן?... אבער ער איז צו שטאלץ דאס צו טאן. ער איז ניט קיין בעטלער. און א דערשלאגענער געהט ער אוועק פון דיזער יוניאן. מיט א פארקלעמט הארץ שלעפט ער זיך מיט זיינע צוויי גרויסע צוריסענע שיך איבער די גאסען פון ניו יארק און דער הונגער נאגט און ליבעל'ס באקען און פנים ווערען וואס פון טאג אליץ מעהר איינגעשרומפען און די האר פון בארד און קאפ ווערען וואס פון טאג אליץ ווייסער און ווייסער. און אזוי שלעפט ער זיך ארום איבער די גאסען פון ניו יארק אזוי ווי א פארבלאנדזעטע חיה, טאג־איין, טאג־אויס, וואך־איין, וואך־אויס, און אזוי אהן א סוף.

דער קריזיס און זיינע אורזאכען

פון א. ש. זאקס

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 9th, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אויפ'ן טאגעס־ארדנונג פונ'ם פאליטישען און עקאנאמישען לעבען אין אונזער לאנד שטעהט די „ריקאנסטראקשאן" פראגע.

די סאלדאטען קומען צוריק פון פראנקרייך און פון די היגע קעמפס. זיי באדארפען האבען פון וואנען צו מאכען א לעבען. זיי מוזען קריגען ארבייט. די אינדוסטריע פון לאנד אין איהר איצטיגען צושטאנד איז אבער ניט אימשטאנד ארייננצונעהמען די אלע ארבייטס־זוכענדע. עס פאנגט זיך אן צו באווייזען אן ארמעע פון ארבייטסלאזע, וואס ווארפט א מורא אויף די היטער און באשיצער פון דעם איצטיגען סיסטעם. מען קלערט, מען קנייטשט דעם שטערן, מען זוכט מיטלען ווי אזוי אויסצומיידען א קריזיס — אט די אנשיקעניש, וואס קען אין דער איצטיגער אונרוהיגער צייט דיענען אלס אן אורזאך פאר גרויסע פאסירונגען.

וועט זיך דאס איינגעבען? וועלען די רעדעל־פיהרער, די קאפיטאנען פון דער איצטיגער אינדוסטריע אויסגעפינען א מיטעל ווי אזוי צו באזייטיגען אן עקאנאמישע קאטאסטראפע? וועלען זיי ענטדעקען א רפואה געגען דער געזעלשאפטליכער חולאת, וואס הייסט „קריזיס"? — אויף דיזע פראגען אונטערנעהמען מיר זיך ניט צו געבען א קלארען ענטפער.

אין די איצטיגע ארטיקלען וועט גיכער זיין אונזער אויפגאבע צו ערקלעהרען דעם עצם, דעם מהות פון די קריזיסען און אנווייזען אויף די אורזאכען, וואס רופען ארויס די קריזיס־קראנקהייט, וועלכע באפאלט אונז ווי א קדחת פון צייט צו צייט און מאכט אן א גאנצען חורבן.

אין צייט פון א קריזיס שטעהען אלע רעדער שטיל. דאס גאנצע עקאנאמישע לעבען ווערט אפגעשטעלט. די ארבייטער קענען ניט געפינען קיין קונים פאר זייער ארבייטס־קראפט. און אז די ארבייטער האבען ניט מיט וואס צו קויפען, קענען די קרעמערס ניט פארקויפען זייערע אנגעגרייטע סחורות, קענען זיי ניט לייזען. זיינען ווידער די פדיונות שוואך, קען מען ניט צאהלען אין דער צייט די וועקסלען, הערט מען אויף איינע די אנדערע צו טרויען, שטעלט זיך אפ דער קרעדיט, פלאצען די באנקען, פאנגען זיך אן באנקראטען נאך באנקראטען, — בקיצור, עס ווערט א גאנצער חורבן אין לאנד.

דער קריזיס האלט אן א געוויסע צייט ביז וואנען די מהומה געהט איבער און דאס לעבען נעהמט אן זיין נארמאלען גאנג.

וואס זיינען אזוינס די קריזיסען? ווי אזוי קומען זיי צו אונז? קען מען בכלל פון זיי פטור ווערען?

די קריזיסען זיינען נייע ערשיינונגען אין אונזער לעבען. זיי האבען זיך אנגעפאנגען צו באווייזען גלייך נאר ווי דער קאפיטאל האט ערדייכט א געווים מדרגה. די קריזיסען זיינען די באגלייטער פון דער היינטיגער צייט. זיי זיינען די שאטענס פון דער מאדערנער אינדוסטריע.

אין די אמאליגע צייטען, ווען יעדער דארף, יעדע געמיינדע האט געלעבט פאר זיך און האט געשאפען אליין אלע זאכען, וואס איז נויטיג געווען צום לעבען, זיינען קיין קריזיסען ניט געווען און האבען ניט געקענט זיין.

נעהמען מיר צום ביישפיעל דאס פעאדאלע סיסטעם, וואס האט געהערשט איידער די קאפיטאליסטישע ארדנונג איז געקומען. יעדער פעאדאל, יעדער פריץ האט געוואוסט וויפיעל מענשען ס'זיינען פאראן אין זיין געמיינדע און ער האט געקענט לכתחילה אויסרעכענען וויפיעל ברויט ער דארף האבען, וויפיעל קליידער, וויפיעל פאר שיך ער וועט געברויכען, וויפיעל הייזער פאר דירות ס'וועט נויטיג זיין און אין הסכם מיט אט די באדערפענישען פלעגט ער אויך באשטימען .די צאהל מענשען, וועלכע זאלען שאפען דאס ברויט. ער פלעגט באשטימען די צאהל שניידערס, שוסטערס, בוימייסטערס, שמידען א. א. וו.

די מענשען פון איין דארף האבען געהאט א גאנץ קליינע שייכות מיט די מענשען פון אן אנדער דארף. איין געמיינדע פלגט ניט אנקומען צו א צווייטער געמיינדע. די דערפער האבען געלעבט גוט אדער שלעכט, אבער זיי זיינען געווען אין גאנצען זעלבסטשטענדיג, אונאפהענגיג איינער פון אנדערען. האט געטראפען אמאל אן אונגליק אין איין דארף, איז עס דארטען געבליבען און האט זיך ניט פארשפרייט הינטער די גרעניצען פון דעם דאזיגען דארף. אלע געמיינדעס האבען געארבייט און געשקלאפט פאר זיך, פאר'ן איינענעם פריץ, פאר'ן אייגענעם געברויך.

אין דער איצטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג איז גאנץ אנדערש.

איצט שאפט מען סחורות ניט פאר'ן אייגענעם באדארף, נאר פאר'ן מארק. די פראדוצענטען פון די פראדוקטען, די ארבייטער, ווייסען ניט ווער די קאנסומענטען, ווער די געברויכער וועלען זיין. אז די שניידערס נעהען קליידער, ווייסען זיי אליין ניט ווער עמען די קליידער וועלען אנקומען; אז די שוסטערס נעהען שיך, ווייסען זיי ניט, ווער די שיך וועט טראגן. מען שאפט ניט זאכען אום זיי אליין צו נוצען, נאר אום צו באקומען שכירות אדער פראפיטען. די ארבייט איז צוטיילט. יעדע גרופע מענשען ארבייט נאר אויס איין פראדוקט (מעהרסטענס נאר א טייל פון פראדוקט), איין סחורה. פאר די איבעריגע פראדוקטען, וואס זיינען נויטיג צום לעבען, מוז מען אנקומען צו אנדערע. אלע שטעדט, אלע טריידס און פראפעסיעס זיינען צווישען זיך פארבונדען, פארקניפט. איין שטאדט מוז אנקומען צו דער־צווייטער שטאדט, איין אינדוסטריע־צווייג איז פארפלאכטען מיט א צווייטען אינדוסטריע־צווייג. דאס גאנצע לעבען שטעלט מיט זיך פאר א גרויסען, אונגעהייערען מעכאניזם, וואו די פארשיעדענע באשעפטיגונגען און אינדוסטריען דיענען אלס איינציגע רעדער, איינציגע שרויפען, טרעפט זיך א שטערעניש אין איין טייל פון מעכאניזם, מוז זיך במילא אפשטעלען דער גאנצער מעכאניזם.

און א שטערעניש ערגעץ וואו מ ו ז זיך טרעפען, ווייל היינטיג סיסטעם אונטערשיידעט זיך פון דעם אמאליגען אויך דערמיט, וואס ס'איז ניט פאראן א געוויסער ארגאניזאטאר, א געוויסער ווילען, וואס זאל קאנטראלירען דעם עקאנאמישען מעכאניזם. איינער ווייס ניט פון צווייטען, איינער באמיהט זיך ניט צוצופאסען צום צווייטען, נאר פארקעהרט, זוכט איהם אריבערצויאגען. עס קומט פאר א יאגעניש, א לויפעניש, א כאפלאפ. יעטווידער וויל גובר זיין דעם קאנקורענט און זיין דער זעלבער הערשער אויפ'ן מארק.

דער מעכאניזם איז גרויס און אן ארגאניזאטאר, וואס זאל אויפפאסען זיינע פארשיעדענע טיילען זאלען געהן אין איינקלאנג צווישען זיך, איז ניטא, וואס איז דער וואונדער, אז אין משך פון א געוויסער צייט שטעלט זיך אפ ערגעץוואו א ראד, ווערט קאליע א טייל פונ'ם מעכאניזם! און שטעלט זיך אפ איין ראד, מוז שוין פארקומען א שטערונג אינ'ם גאנג פון דער גאנצער מאשין, ווייל אלע רעדער זיינען צווישען זיך פארבונדען און הענגען אפ איינער פון אנדערען.

שטעלט אייך פאר א לאקאמאטיוו אהן אן אינזשיניער, וואס זאל אויפפאסען אויף דעם דאמפף־קעסעל, אויף די

יונג איז נאך רחל...

(א בילד)

פון י. אדלער.

אלט געווען איז רחל זעכצעהן יאהר ווען זי האט צום ערשטען מאל דוד'ן אויף א אידישע חתונה געזעהן.

דוד איז געווען א בחור אין איהרע יאהרען. מיט א צארטען פנים, מיט שווארצע געקרייזעלטע פאות'לעך ווי ענבוירלאך און געטראגען האט ער א שווארצע זשופיצע פון אטלאס און ווייסע שיך און זאקען.

א חסידישער בחור.

ווען רחל איז אהיים געקומען פון דער חתונה, האט זי געפיבערט... די באקען איהרע האבען געפלאמט, און די אויגען־דעקלעך האבען זיך פאמעלאך צוגעמאכט ווי די פליגעלעך פון א יונג־סאראקעלע.

דאן האט רחל גע'חלומ'ט זיסע חלומות וועגען דוד'ן. ער האט זיך באוויזען צו איהר און זי האט פון דרימעל געשמייכעלט.

האט זיך דוד אמאל צו איהר אין חלום ניט באוויזען, האט זי די דאזיגע נאכט פון שלאף געוויינט.

האט רחל איהרע בלויע אויגען נאך א גוטען חלום געעפענט, האט אין זיי א פרייליכער פונק געשימערט; האט זי איהרע אויגען נאך א שלעכטען חלום געעפענט, האט אין זיי א גרויער אומעט גערוהט.

אן אומעט וואס לעשט אויס דעם העלען פונק פון אויג און די רויטע פרייד פון הארץ.

זי האט געטראכט:

וועל איך דוד'ן פאר א חתן קריגען, וועל איך האבען דעם גן עדן אויף ד ע ר וועלט; וועל איך די גליקליכסטע זיין; וועלען מיך אלע מיינע חבר'טעס מקנא זיין.

דאס וועט הייסען, אז אלע מיינע גוטע חלומות זיינען מקיים געווארען.

דריי פון איהרע בליהענדסטע יאהרען האט זי דוד'ן אין איהר הארץ ארומגעטראגען. ביינאכט, בעת זי איז אויף איהר בעט געלעגען און געהערט דאס הארץ איהר'ס קלאפען, האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז דוד רעדט דאס צו איהר... דעמאלט פלעגט זי זיך בעסער איינדעקען, כדי קיינער זאל ניט הערען וואס דוד זאגט . . .

איין מאל, בעת זי איז געשלאפען, האט זיך דוד צו איהר ניט באוויזען, האט זי שטיל געכליפעט פון שלאף... האט זיך איהר גוטע מאמע דערשראקען, איז צו רחל'ס געלעגער צו, איהר אויפגעוועקט און איהר געפרעגט וואס זי וויינט.

האט רחל געשוויגען...

האט איהר די מאמע א גלעט געטאן איבער די האר און ווידער געפרעגט די אייגענע פראגע.

האט רחל פארטרויט די מאמען איהר לאנג־פארשטיקטען סוד...

און בשעת מעשה האט זי איהר הייסען שטערען צו דער מאמעס ברוסט געטוליעט.

— — — — — — — — —

אויף מארגען האט די מאמע רחל'ס סוד פאר'ן טאטען דערצעהלט.

האט רחל'ס טאטע זיין האלב־גרויע באָרד מיט די פינגער פון דער לינקער האנד א פיר־געטאן, א זילבער־הארי'ל ארויסגעצויגען, צוגעגאנגען צום אלמער מיט די ספרים, ארויסגענומען אן „עין יעקב" און דאס הארי'ל אריינגעלייגט, אריינגעשטעלט צוריק דאס ספר, א קנייטש געטאן זיין למדנ'ישען שטערען, וואס אין יעדער קנייטש האט זיך געקענט באהאלטען א הושענה...

אז די זון איז אונטערגעגאנגען, איז רחל'ס טאטע צו מנחה און מערב אוועק און אין בית המדרש מיט ביינוש דעם שדכן גערעדט.

איז אויף מארגען ביינוש דער שדכן צו רחל'ס טאטען אין הויז געקומען. האט רחל דעם שדכן דערזעהן, האבען זיך איהרע בלייכע באקען גערויטעלט... און איהר הארץ האט געפלאטערט ווי אן ערשט־געבוירען פייגעלע...

און אז די צייט האט געהאט איינגעשלונגען צוויי חדשים, איז רחל'ס חלום מקוים געווארען: מען האט תנאים געשריבען, טעלער געבראכען און מזל־טוב געוואונשען.

און רחל איז געזעסען לעבען איהר מאמען, לעבען איהרע חבר'טעס און געוויינט מיט פריידענס־טרערען. און איהר חתן, דוד, איז געזעסען און געשמועסט מיט איהר טאטען, און ר' הערש דעם דיין, און געשיינט ווי די זון.

שבת נאך שבועות איז די חתונה געווען. דאס גאנצע שטעדטיל האט זיך מיט רחל'ס חתונה געפרעהט.

האט מען חתן־כלה מיט כלי־זמר איבער'ן מארק צו דער חופה געפיהרט, זיינען די שענסטע אידען מיט ברענענדיגע הבדלות נאכגעגאנגען; האבען ווייסע בערד געשימערט; האט מען אין אידישע פענסטער ליכט געצונדען און לאמפען אוועקגעשטעלט.

און דוד, דער צארטער חסידישער דוד, האט רחל'ען מקדש געווען פארקנס'ט צו זיך אויף אייביג — — —

— — — — — — — — —

זיינען פינף יאהר אוועק: דאס ע ר ש ט ע יאהר — ווי א זיסער הייליגער חלום; דאס צווייטע יאהר — זיינען זיי מיט א קינד געבענשט געווארען, א אינגעלע מיט שווארצע איינגעלעך און שווארצע הערעלאך; מיט א ווייס פנים'ל — אין גאנצען ווי דוד.

דאס ד ר י ט ע יאהר זיינען זיי שוין „שבעה" געזעסען: גאט האט ביי זיי דאס קינד צוגענומען...

אויפ'ן פערטען יאהר איז דוד קראנק געווארען. ער האט גענומען הוסטען...

איז רחל ביי זיין בעט געזעסען, איהם באדינט; נאך דאקטוירים געשיקט; טעג ניט דערגעסען; נעכט ניט דערשלאפען; דאס ביסעל פארמעגענס אויסגעבראכט; אלע איהרע טרערען אויסגעוויינט.

צו טיעף איז איהר ליעבע צו דוד'ן געווען, און ווען איהר דוד האט איהר דעם ערשטען רויטען פלעק אויף א זוייסטיכעלע געוויזען, האט רחל גע'חלש'ט; קוים, וואס מען האט זי אויפגעמינטערט.

האט דוד אויף איהר זיינע אויגען אויפגעהויבען, האט איהר הארץ פון שמחה געטאנצט; האט זי אויף א רגע איהר אומגליק פארגעסען. אפט פלעגט זי קוקען אויף איהם און שמייכלען...

זי האט דאס געטאן, כדי איהם ניט מצער צו זיין — — — — —

— — — — — — — — —

און די צייט איז געפלויגען און מיטגעפיהרט אויף איהרע גרויע פליגעל

...ע שמועסען
...דעם רעדאקטאר ...ן די לעזער.

...ר, מענעדזשער לאקאל 35. ...ם דאך געווים דעם מיזע־ ...ין לעצטען דאנערשטאג, דעם ...ער איז עס שולדיג אין דעם, ... ניט געקענט ערפילען אונ־ ...ען עס אבער גוט מאכען ביי ...היים.

...יע, מיר גערענקען גאנץ גוט ...ורייבען, אבער דאס מאל איז ...נזער מיינונג, ניט קיין גע־ ...יר ווייסען גליך מיט וועל־ ...ר האבען צו טאן, איז די ...ליזא פיעל ווענינער פאר־ ...ון איהר טייערען ברודער. ... דער אינהאלט, ווי איהר ... אליין צוגעבען, ווייט ניט ...אנטע. מיר ערווארטען פון ...רעס, און האפען, דאס מיר ...ען. אנגעשריבען איז עס

... — אויסגעצייכנט; וועט ...נטליכט ווערען. וואס אנ־ ... פארווירפע, האבען מיר זיי ... איהר ווייסט גאנץ גוט די ...ן איהר ווייסט, אז פון אונ־ ... מיר געטאן געווים אלעס, ... מיר קענען אבער פארט ... פון דער אנדערער זייט זוי־ ...ביעות. אייער פארלאנג זאל ...ילט ווערען.

... — יעדער איינער האט א ... זיינע השערות, און ענטפע־ ...יסע פראגע, לויט זיין שכל ... עס איז דארום ניט נויטיג ...וועגען דעם א גאנצע דעבא־ ... יענער איז ניט איבגאנצען ...ין באקאנטשאפט "מיט דער ...אפע, זעהען מיר דאך ניט ...ינעמען פלאץ דערמיט. מיר, ..., דענקען, אז מעהר גערעכט ...ר האבען אויסגעדריקט ווי־ ...ע מיינונג, כאטש אויף אנ־ ... און אחוץ דעם ווייסען עס ...2 איז געווען ווייט ניט גוט ...ז זיינע מאטעריעלע מיטלען ...הר באשרענקטע, און וואלטען ...ויף די ערשטע פאר וואכען ...ן עס איז זעהר מעגליך, אז ... וויסענדיג, האבען זיך גע־ ...ם סיי ווען זיי האבען דעם ...גוואונגען און סיי אין זייער ...ות. די מיינונג וועט קוים ...ייטען. דאס סאמע וויכטיג־ ...טאן אין דער צוקונפט, אז ...יט ווידערהאלען, דאס לאזט ...ויף אנאנדערש מאל. אבער ...עם וואלט זיך געלוינט אי צו ... קלער צו טאן. מיר וועלען ...גענינען פארעפענטליכען פון ...איבער דעם דאזיגען אינטע־ ...וויכטיגען ענין.

...יהר זיינט א איד אן עקשן. ...ר דערמיט גארניט אויספיהר־ ...ען אונזער האנדלונג בנוגע ...בען ניט ענדערען. אז עס ...ם בשום אופן ניט פארעפענט־ ... אונזער עצה איז, אנשטאט ... אייערע זאכען יעדע וואך, ...יי זיך פאר עטליכע מאנאטען, ...צו, און מיר וועלען עס אפ־ ...מאל. יע, איהר וועט אונז ... באדערען?

... מיר האבען עס גאנץ גריגד: ...ענט. מאנכעס אין אייער ...נז גאנץ גוט. אבער פיעלעס ...פט דאס, וואס איהר נעהמט ...פיעל. אונז דאכט זיך, אז ...דא די נויטיגע כוחות דער־ ...יז די הויפטזאך, עס איז ני־ ...ג פאר דעם. עס דארף ערשט ...יעל פארבערייטענדע ארבייט, ...יגע פאדערונג זאל געשאפען ...ם טוט, לויט מעגליכקייט, די ... און מיט א גאנץ היבשען ...י אומשטענדען.

...ראהאמס. — אייער באריכט ...ן פאר א טעגליכע צייטונג, ... איהם אן מיט די ווערטער: ...ר בלומענטאג", אונזער "גע־ ...יז א וועכענטליכע צייטונג, ...ז זיין אביסעל אנדערש. האט ...יין דער צוקונפט און אייערע ...ן פארעפענטליכט ווערען.

... — די טיקעטס ערהאלטען, ...יקען אייך דא אויס א דאנק, ...ם אן אונז ניט פארגעסען. ...יך מיט זיי האבען מיר ניט

געקענט. פשוט קיין צייט ניט געהאט, האטש עס איז געווען דער 1טער מאי. האפענטליך, האט אימיצער, א בילכערער, פארנומען אונ־זערע פלעצער.

שרה בלויפארב. — 1) אייער מיינונג וועגען די ליעבע און ווערטהע לעזערין ליידט פון א ווידערשפרוך. איהר באהויפ־טעט אליין אז די באקאנטע אייערע אינטער־רעסירען זיך מיט קיין זאך ניט, אויסער מיט שונד־ראמאנען, און נאכהער מאכט איהר א פארוואורף די שרייבער, ווארום זיי קארמע־נען ניט זייערע לעזערינס מיט ערנסטע זא־כען, ווי פאליטיק, סאציאלע פ־אגען און א. וו. אבער וועלכער שרייבער וויל עס גלאט שריי־בען, וויסענדיג פאראויס, אז מען וועט איהם ניט לעזען? יעדער שרייבער, צי ער גיט עס צו, צי ניט, מוז זיך רעכענען מיט זיינע לעזער. 2) דאס געדיכט אייערע איז זעהר שלעכט אנגעשריבען, אבער אויך דאס באווייזט, אז נאך אלעמען קריכען אויך אין אייער קאפ, ווארשיינליך א שעהן קאפ, די־זעלבע נארישקייטען, פאר וועלכע איהר מאכט פארווירפע די אנדערע.

ה. מ—ן. — ערשטענס, מוזט איהר מאכען א גרויסען טעות, גלויבענדיג, אז עס גלוסט זיך אונז צו זיין אומגערעכט צו אייך. פאר־וואס? מיר קענען דאך אייך גארנישט. צוויי־טענס, עס זיינען יא אנגעקומען אפיעלס, און מיר האבען זיי ניט געדרוקט צוליעב דיזעל־בע אורזאכע. ווער ווייס, וואס עס וואלט געווען, ווען מיר "ווייזען נאר א פינגער"? דריטענס, דער רעדאקטאר פון דער "פ. א. ש." מעג אויך האבען געזונטען פארשטאנד און פארשטעהן, אז געוויסע זאכען קענען פאסען נאר פאר א בעאמטען, און ניט פאר קיין אנ־דערען. פערטענס, ווען איהר געהט אין קאמפף, איז עס געווים ראטזאם צו זיין, ער־שטענס, גוט פארבערייטעט צום קאמפף, און צווייטענס, וויסען קלאר דעם ציעל. דאס מיינט אבער ניט אלע מאל, אז דער קאמפף טאר ניט ענדיגען זיך, ביז די מאקסימום פא־דערונג ווערט דערגרייכט. אין אלע קעמפפע, פון וועלכען כאראקטער זיי זאלען ניט זיין, מוז אימער איבערגעלאזען ווערען פלאץ פאר א פשרה... דאס גאנצע לעבען איז פול מיט פשרות. בראנד'ס "גאר אדער גארניט" קלינגט גאנץ שעהן אין דער טעאריע. אין דער פראקטיקע איז עס א נארישקייט. פינפ־טענס, דער בעאמטער פון א יוניאן איז גע־ווים ניט קיין אויטאקראט, און טאר עס ניט זיין. ער איז דער דינער פון דער יוניאן. אבער כדי ער זאל קענען זיין יוניאן דינען עהרליך און געטריי, מוז ער האבען דעם העכסט־מעגליכען צוטרוי פון זיין באלעבאס, — דער יוניאן. אין דעם מאמענט, ווען עס פאנגט זיך אן דער מיסטרויען, הערט אויף זיין ניצליכקייט. איהר וועט דערפון פאר־שטעהן, אז אונזער האנדלען געהט יא האנט אין האנט מיט דעם, וואס מיר האבען אימער געפרעדיגט. אין אלגעמיין געגומען שיינט אונז, אז איהר זייט גאנץ אומגערעכט צו דער "גערעכטיגקייט". מיר וועלען גערן דרו־קען פון אייך בריעף, ווייל איהר שרייבט גארניט שלעכט אין דער צייטונג. אבער מיר מוזען פיהלען, אז די בריעף זיינען פאר דעם מאמענט נויטיג און פאסיג. דאס מאל האבען מיר עס ניט געפיהלט, און דארום הא־בען מיר דעם בריעף ניט פארעפענטליכט, און געענטפערט אייך אזוי אפענהערציג, ווי עס פארדיענט א שרייבער, וואס איז ערנסט און מיינט נאר גוט פאר זיין יוניאן.

ס. בלומבערג. — 1) יע, מיר האבען גע־זעהן בן־עמי שפילען אין דער ראליע פון שמשון אין "שמשון און דלילה" און מיר זיינען געווען העכסט אנגענעהם איבער־ראשט צו געפינען אין אונזער יונגען אר־טיסט א פייער, א טעמפעראמענט, וואס מיר האבען ווירקליך ניט פארדעכטיגט אין איהם, און פאר וואס מיר האבען זיך ביז איצט פאר־האלטען סקעפטיש צו זיין שפילען. מיר הא־בען אין איהם ווירקליך א טעות געהאט, און מיר זיינען העכסט צופרידען צו קענען זיך מודה זיין, אז דאס מאל האט עס אונז גענו־מען היבשלאך לאנג, ביז מיר האבען אויס־געפונען דאס ריכטיגע גאלד אין איהם. 2) מיר האבען אויך געזעהען ס. גאלדענבורג אין "סאנין". ער האט זיין אויפפאסונג פון סא־נין, וועלכע איז אנדערש ווי אונזערע. אבער, לויט ווי ער פאסט איהם אויף, שפיעלט ער איהם זעהר גוט, בעסער ווי אין אירגענד אן אנדער ראליע, אין וועלכע מיר האבען איהם געזעהען. 3) דעם סעזאן איז שוין פארפא־לען. זא־וני־זא ענדיגט זיך דאך שוין דער זאגענאנטער לעגיטימער טהעאטער. פון נעק־סטען סעזאן און וועט געווים אפגעהיט ווערען די אפשטילונג פון טהעאטער קריטיק. 4) וועגען דעם נייעם אידישען טהעאטער, וואס עפענט זיך נעקסטען סעזאן, קענען מיר גאר־נישט זאגען עטוואס באשטימטעס. דאס פראָ־גראם איז שעהן, די קינסטלער געקליבענע, האטש ווייט ניט אלע, אבער מיר האבען שוין מיטגעמאכט גענוג, אום ניט צו לאזען זיך פאנגען פון אלערליי שעהנע פארשפרעכונגען. מיר קענען נאר זאגען: מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן. 5) דער טעאטער אין אירווינג פלייס האט געטאן זעהר גוטע פיאָ־נירען ארבייט דעם ווינטער. גאר פיעלע גוטע פיעסען זיינען אויפגעפיהרט געווארען, און, וואס איז נאך וויכטיגער, די ארבייט איז געטאן געווארען מיט ענטוזיאזם, מיט גרוי־סע ליעבע, וועלכע איז זעהר וויכטיג פאר די אמת'ע קונסט. וואס די צוקונפט פון דעם טהעאטער וועט זיין, קען מען ניט וויסען. אי־בערהויפט איצט, אז די הויפט־קרעפטען פון דער קאמפאניע ווערט צוטיילט. אויך איז עס זעהר פראבלעמאטיש, אויב דער ניו יאר־קער אידישער עולם וועט קענען אויפהאלטען צוויי טהעאטערע, פון וועלכע עס זאל איב־גאנצען אויסגעראמט ווערען די סענזאציאנע־לע שונד־פיעסע.

א נאבעלע טאט.

די טשערליידי פון אמעריקען ליי־דיס וויסט שאפ, יעטא קארעפסקא, האט בייגעשטייערט פאר די לאורענסער סטריי־קערס 8 דאלער.

רוהט, הערט, לעהרענט

די מעהרסטע מענשען פארנאכלעסיגען צו לערנען ענגליש, ווייל קומענדיג אהיים מידע, זיינען זיי ניט געווען אויפגעלעגט צו געהן אין סקול.

איהר קענט לייכט און באקוועם לערנען ביי זיך אין דער היים.

עס איז געדרוקט געווארען א בוך, וואס זאגט ווי אזוי ענגליש קאן געלערנט ווערען דורך א נייער, וואונדערבארער מעטאדע. איהר קענט לערנען רעדען, שרייבען און לעזען ענגליש איינפאך און גוט.

דורך הערען ספעציעל פארפער־טיגטע פאנאגראף רעקארדס, וועלכע מען קען געברויכען אויף יעדער פאנאגראף מאשין.

פאר א באשטימטע צייט וועט דער בוך געגעבען ווערען

פריי צו אלעמען.

וואס וועלען שרייבען פאר איהם.

לעגט אוועק די צייטונג אויף א מינוט.

שניידט אויס דעם אדווערטייזמענט, פיהלט אויס דעם אויסגעשניטענעם קו־פאן און אדרעסירט צו די פאבלישער.

CORTINA ACADEMY
12 East 46th Street
Desk Y 25
New York, N. Y.

דזשענטעלמען: —
זייט אזוי גוט און שיקט מיר צו פריי, אהן אירגענד וועלכער פארפליכ־טונג, אייער פרייען בוך ווי צו לער־נען ענגליש.

נאמען — — — — —
אדרעס — — — — —
— — — — — — —

דירעקטארי
פון
יוניאן אפיסעס פון דזשאינט באארד
פון דער
קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן פון ניו יארק

פראטעקטיוו דיוויזשאן,
40 איסט 23טע סט., 3טען פלאר.
מאקס פינקעלשטיין, מענעדזשער;
מאקס בראדפעלד, קאמפליינט קלוירק.

אינדעפענדענט דיוויזשאן,
40 א. 23ט סט., 2טען פלאר.
ס. מעטץ, מענעדזשער; ה. סלוטצקי, קאמפליינט קלוירק.

סקוירט דעפארטמענט,
40 איסט 23טע סט., 2טען, פל., בעק
מארריס ווינער, מענעדזשער;
ס. פריזמאט, קאמפליינט קלוירק.

ריפער דעפארטמענט,
40 א. 23טע סט., 1טען פלאר.
מ. וויינשטיין, מענעדזשער;
א. בערקאוויטץ, קאמפליינט קלוירק.

דאון-טאון אפיס,
40 איסט 2טע סטריט.
ס. סאפין, מענעדזשער;
ב. קוק, קאמפליינט קלוירק.

הארלעם אפיס,
1714 לעקסינגטאן עוו., קארנער 107ט סטריט.
י. רובינבאום, ביזנעס אייזשענט.

ברוקלין אפיס,
99 מעקיבען סט., קארנער מאנהע־טען עוועניו.
ד. ניסנעוויטץ, מענעדזשער.

בראנזוויל אפיס,
219 סעקמאן סטריט.
א. באבימש, מענעדזשער.

דזשוירזי סיטי אפיס,
76 מאנטגאמערי סטריט.
א. מאגנאימי, ביזנעס אייזשענט.

נוארק אפיס,
103 מאנטגאמערי סטיט.
מאקס ברוק, מענעדזשער.

לאקאל אפיסעס פון דזשאינט באארד לאקאלס

לאקאל 1, 236 פערטע עוועניו.
פ. קאטלער, מענעדזשער;
ס. רינגער, סעקרעטער.

לאקאל 3, — 9 וועסט 21טע סט.
ד. רובין, סעקרעטער.

לאקאל 9. — 228 סעאנד עוועניו.
דזש. האלפערן, מענעדזשער.

לאקאל 10.—7 וועסט 21טע סט.
גארענשטיין, מענעדזשער;
י. סעמיועלס, סעקרעטער.

לאקאל 11.—219 סעקמאן סט., בראנזוויל.
ה. בראדסקי, סעקרעטער.

לאקאל 17.—117 סעקאנד עוועניו.
דזש. העללער, סעקרעטער.

לאקאל 21.—103 מאנטגאמערי סט., נווארק, נ. דזש.

לאקאל 23.—231 איסט 4טע סט.
ה. וואנדער, מענעדזשער.

לאקאל 35.—228 סעקאנד עוועניו.
דזש. ברעסלאווער, מענעדזשער;
א. ע. קאזאן, סעקרעטער.

לאקאל 48.—231 איסט 4טע סט.
ס. ניגפא, מענעדזשער.

לאקאל 64.—112 וועסט 21טע סט.

קלאוק עקזאמינערס, באגראדערס און בושלערס יוניאן ל. 82, 78 איסט 10טע סטריט.
לעאן ראזענבלאט, סעקרעטער.

ל. לאנגער, סעק. דזש. באארד.
מ. זיגמאן, דזש. מענעדזשער
פ. קאפלאוויטש, טרעזשורער.
40 א. 23טע סט., 4טען פלאר.

א קאנפערענץ פון די ריינקאוט מאכער לאקאלס

דער אפיציעלער רעפארט פון דער קאנפערענץ פון די ריינקאוט מאכער יוניאנס, לאקאל 20 ניו יארק, לאקאל 7 באסטאן און לאקאל 54 שיקאגא, וועלכער איז אפגעהאלטען געווארען דעם 11טען, 12טען און 13טען אפריל, 1919, אין דער רענד סקול, איסט 15טע סטריט, ניו יארק.

דער קאנפערענץ איז גע־עפענט געווארען פרייטאג דעם 11טען אפריל, 2 אזייגער בייטאג. עס ווערט אויפגענומען נאמינייטשאן און עלעקשאן פאר טשערמאן און רעקארדינג סעקרעטער. ברודער ראפאפארט פון שיקאגא לאק. 54 ווערט ערוועהלט אלס טשערמאן און ס. פרידמאן פון ניו יארק לאק. 20 ווערט ערוועהלט אלס סעקרעטער.

דער סעקרעטער לעזט דאן פאר די נעמען פון די דעלעגאטען. פון לאקאל 7 באסטאן איז אנוועזענד קארל קאהען, פרעד מאנענסאן און וויינער; פון לאקאל 20 ניו יארק לואיס וועקסלער, סעם פרידמאן, דוד העלער, אייק קאהען און אייזיק וויסמאן; פון לאקאל 54 שיקאגא, מ. ראפאפארט. בר. ארטור סעמועלס, פון לאקאל 20, ווערט איינגעלאדען אלס גאסט.

דער סעקרעטער לעזט פאר דעם טאגעס ארדנונג פון קאנפערענץ, וועלכער לויטעט:

1) ווי צו ארגאניזירען דעם ריינקאוט טרייד איבער׳ן לאנד און וועגען דעם באשלוס פון דער באסטאנער קאנווענשאן, אנצושטעלען א דזשענעראל ארגאנייזער פאר דער ריינקאוט אינדוסטריע;

2) פעסטשטעלען א שטענדיגע נאהענטע פארבינדונג צווישען די ריינקאוט מייקער לאקאלס, פאר׳ן צוועק צו ארגאניזירען די אינדוסטריע און פעסטשטעלען אלגעמיינע קאנדישאנס אין טרייד;

3) וועגען איינפיהרען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך אין אונזער אינדוסטריע;

4) אונזער שטעלונג צו וואך־ארבייט;

5) וועגען גרינדען א שטענדיגען פאנד פאר ארגאניזאציאנס ארבייט אין אונזער אינדוסטריע.

דער טאגעס ארדנונג ווערט אנגענומען.

ערשטענס ווערט אויפגענומען די פראגע וועגען די באשליסע פון די לעצטע צוויי קאנווענשאנס, אנצושטעלען א דזשענעראל ארגאנייזער פאר דער ריינקאוט אינדוסטריע, און וועגען דעם אז דיזע באשליסע זיינען נאך ביז יעצט ניט דורכגעפיהרט געווארען, און אז עס איז דרינגענד נויטיג אז דאס זאל דורכגעפיהרט ווערען.

אלע דעלעגאטען באטייליגען זיך אין דער דיסקוסיאן וואס דיזע פראגע האט ארויסגערופען. די הויפט געדאנקען וואס זיינען ביי דער דעבאטע ארויסגעבראכט געווארען זיינען:

„אז מיר דארפען זיך יעצט צוגרייטען צום פאל סיזאן וועלכער דארף אין ניכען אנקומען און מיר האבען אלע אורזאכען צו גלויבען, אז ער וועט זיין א גוטער, און דארום איז יעצט די צייט, אויפצופאדערען דעם דזשענ. עקז. באארד פון אונזער אינטערנעשיאנאל יוניאן צו זעהן, אז די באשליסע פון די לעצטע צוויי קאנווענשאנס אין באצוג דער ריינקאוט אינדוסטריע זאלען דורכגעפיהרט ווערען.“

נאך א גענויע דיסקוסיאן ווערט באשלאסען צו שיקען א לעטער צום דזשענעראל אפיס און פארלאנגען צוזאמענצורופען א ספעשיל מיטינג פון די ניו יארקער וויים־פרעזידענטען אום אויסצוהערען אונזער א קאמיטע פארטרעטענדיג לאקאל 20, ל. 7 און ל. 54 אין דער פראגע וועגען אנשטעלען א דזשענעראל ארגאנייזער און אונטערצונעהמען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין אין דער ריינקאוט אינדוסטריע.

די פראגע אויב אזא לעטער זאל געשיקט ווערען ווערט אפגעשטימט דורך א ראל־קאל.

שבת דעם 12טען אפריל, 1919, ווערט אפגעהאלטען די צווייטע זיצונג.

בר. ראפאפארט טשערמאן. דער סעקרעטער לעזט פאר דעם פראטאקאל פון דער ערשטער זיצונג און ער ווערט אנגענומען ווי געלעזען. דער טשערמאן לעזט דאן פאר דעם לעטער וואס איז געשיקט געווארען צום דזשענעראל אפיס און עס ווערט באשלאסען אז דיזער לעטער זאל אריינגעהן אין דעם פראטאקאל פון דעם קאנפערענץ.

עס ווערט באשלאסען צו רעקאמענדירען דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צוויי קאנדידאטען וועלכע זיינען פאסיג פאר׳ן אמט אלס דזשענעראל ארגאנייזער פאר דער ריינקאוט אינדוסטריע.

עס ווערט דאן אויפגענומען די פראגע וועגען פעסטשטעלען א נעהענטערע פארבינדונג צווישען די עקזיסטירענדע ריינקאוט מאכער לאקאלס און אויך העלפען גרינדען לאקאלס פון דער אינטערנעשיאנאל אין יענע שטעדט און צענטערס וואו וואטער־פרוף גארמענטס ווערען געמאכט.

און פאלגענדע רעזאלוציאן ווערט אנגענומען:

„אין אנבעטראכט אז דער וואטער־פרוף גארמענט־טרייד באשעפטיגט פון 15 ביז 20 טויזענד ארבייטער אין די פארשידענע טיילען פון די יונייטעד סטייטס און קענעדע און אז די מעהרסטע פון דיזע ארבייטער זיינען באשעפטיגט אין גרויסע טראסט־פעקטאריס איבער׳ן לאנד און זיי זיינען ניט ארגאניזירט.

„אין אנבעטראכט אז די עקזיסטירענדע קאנדישאנס פון דיזען ניט־ארגאניזירטען טייל פון אונזער טרייד מוז לאגישער־ווייזע האבען א שעדליכע ווירקונג אויף דעם ארגאניזירטען טייל פון אונזער טרייד, אזן עס שטעלט אונז אוועק אין א לאגע אז מיר זיינען ניט זיכער מיט די ארבייטס באדינגונגען וועלכע מיר האבען ערקעמפט דורך ארגאניזאציאן פאר די לעצטע עטליכע יאהר.

„אין אנבעטראכט אז די ארבייט פון ארגאניזירען דיזע שעפער קען זיך קרוינען מיט אן ערפאלג נאר דאן, ווען די לאקאלס זאלען זיין צווישען זיך מעהר פאראייניגט און העלפען איינער דעם אנדערן אי פינאנציעל, אי מאראליש, און אז דיזע פאראייניגונג קען נאר געמאכט ווערען דורך דער גרינדונג פון א טרייד קאנסיל צוזאמענגעשטעלט פון די עקזיסטירענדע לאקאלס אין דיזער אינדוסטריע.

„דארום זיי עס באשלאסען, אז דיזער קאנפערענץ צוזאמענגעשטעלט פון די אויבענדערמאנטע לאקאלס לעגען אוועק דעם פונדאמענט פאר דער גרינדונג פון א טרייד קאנסיל פאר דעם צוועק“.

עס ווערט דאן אויפגענומען עלעקשאן פאר א קאנסיל פון 5, און פאלגענדע ברידער זיינען ערוועהלט געווארען: בר. וועקסלער אלס טשערמאן; בר. פרידמאן אלס סעק.־טרעזשורער; בר. מאנענסאן אלס קארעספאנדענט סעקרעטער און די ברידער קארל קאהען און מ. ראפאפארט.

אין דער פראגע וועגען דער פינאנציעלער זייט פון דעם קאנסיל ווערט באשלאסען אז דער ערשטער פאנד פאר ארגאניזאציאנס ארבייט זאל געשאפען ווערען. דער פאנד זאל באשטעהן פון 500 דאלער; צו 200 דאלער זאלען געבען די לאקאלס 20 און לאקאל 7, און 100 דאל. דער לאקאל 54. אין דער פראגע פון ווייטערדיגע פינאנציעלע אויסגאבען, זאל דאס פארגעבראכט ווערען פאר אונזערע רעספעקטיווע לאקאל עקז. באארדס און זיי זאלען אויסארבייטען רעקאמענדיישאנס פאר א פאקטישען פלאן פון א פער קאפיטא אדער אלגעמיינע פראפארציאנעלע ביישטייערונג פאר דיזער ארבייט.

דער קאנפערענץ דריקט אויך אויס דעם וואונש אז דער נעקסטער מיטינג פון דעם טרייד קאנסיל זאל זיין אין דריי מאנאטען ארום, אין מאנאט דזשולי 1919. דער פלאץ וועט ערשט דארפען באשטימט ווערען.

אין דער נעקסטער זיצונג ווערט אויפגענומען די פראגע וועגען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, און עס ווערט באשלאסען אז צום נעקסטען סיזאן זאל דיזער פארלאנג זיין אן אלגעמיינער, אלע ריינקאוט מאכער לאקאלס זאלען פארלאנגען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.

עס ווערט אויך פארהאנדעלט די פראגע וועגען וואך־ארבייט. און וועגען דעם ווי דיזער סיסטעם וואלט געקענט איינגעפיהרט ווערען אין אונזער אינדוסטריע. נאך א לענגערע דיסקוסיאן ווערט באשלאסען, אזוי ווי די סיסטעם פון וואך־ארבייט וועט אריינברייננגען א גאנץ נייע ענדערונג אין אונזער טרייד, דארום איז ווינשענסווערטה אז דיזע פראגע זאל צום ערשטען דיסקוטירט ווערען און פארהאנדעלט ווערען ביי אונזערע מעמבער־מיטינגען, און פון דער מעמבערשיפ אין אלגעמיין. דארום קען יעצט דער קאנפערענץ קיינע באשטימטע באשליסע ניט אננעמען איבער דיזער פראגע ביז וואנען מיר וועלען ניט וויסען בעסער דעם סענטימענט און די נייגונג פון דער אלגעמיינער מעמבערשיפ אין באצוג וואך ארבייט סיסטעם.

דער קאנפערענץ רעקאמענדירט דעם שיקאגאער לאקאל 54 צו ענדערען דעם נאמען פון ריינקאוט מייקערס יוניאן אויף דעם נאמען „וואטערפרוף גארמענט וואר־קערס יוניאן“.

דער קאנפערענץ באשליסט אויך זיך צו שטעלען אין נעהנטערע פארבינדונגען מיט די לאקאלס פון מאנטרעאל און מאראנטא און זעהן צו אינפארמירען זיי וועגען אונזערע ווייטערע אונטערנעמונגען.

עס ווערט אויך באשלאסען אז א קאפיע פון דיזען פראטאקאל זאל געשיקט ווערען צו דער דזשענעראל עקז. באארד.

דערמיט האט זיך דער קאנפערענץ געשלאסען.

סעם פרידמאן,
פראטאקאל סעקרעטער.

דער עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון דער ווייסט און דרעססמאכער יוניאן לאקאל 25

א מיטינג פון׳ם עקזעקוטיוו באארד פון דער ליידיס ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דיענסטאג אווענט, דעם 29טען אפריל.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון דער ביינער ווייסט קא. (א ברענטש פון דער בידזשו ווייסט קא.), וועלכע זיינען אין סטרייק פאר די לעצטע 15 וואכען, באריכטעט צום עקזעקוטיוו באארד וועגען דער לאגע פון זייער סטרייק. עס ווערט איבערגעגעבען צום אפיס צו האנדלען אין דער פראגע.

ברודער העררי זילבערמאן ווערט אינסטאלירט אלס מעמבער פון׳ם עקזעקוטיוו באארד. ער וועט פארטרעטען דעם טאקערס ברענטש.

אויפ׳ן פארלאנג פון ברודער קאביאטי, ווערט די פראגע וועגען זיין אנשטעלונג איבערגעגעבען צו דער אפיס־קאמיטע, וועלכע זאל זיך וועגען דעם בעראטען מיט די מענעדזשערס פון דער יוניאן, און צוזאמען באשליסען וועגען דעם.

דער באשלוס פון׳ם לעצטען מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד וועגען צושטעלען אן איטאליענישען אנגעשטעלטען אין בראנזווילער ברענטש, ווערט איבערגעגעבען צו דער אפיס קאמיטע מיט די מענעדזשערס פון דער יוניאן.

אויפ׳ן פארלאנג פון׳ם בראנזווילער ברענטש ווערט פון׳ם עקז. ב. באוויליגט די סומע פון פופציג דאלאר פאר׳ן ברענטש׳ס פייערונג פון׳ם ערשטען מאי.

עס ווערט אויסגעהערט דער רעפארט פון דער קאמיטע פון ניין איבער די נאך סטרייקענדע שעפער. עס ווערט באריכטעט די צאהל שעפער וואס זיינען נאך איצט אין סטרייק און די אויסגאבען, מיט וועלכע דער סטרייק איז פארבונדען. ווען די נעמען פון די סטרייקענדע שעפער ווערען אויסגערעכנט, ווערט געמאכט א פארשלאג פון שוועסטער קלארא פרידמאן, אז דער באארד זאל ערוועהלען א קאמיטע צו ברענגען א פארמעלע קלאגע געגען מר. קוירקפעטריק צו דעם לאקאל נוארק ס. פ., וואו קוירקפעטריק איז א מעמבער, פאר די מיאוסע מעטאדען, וועלכע מרס. קוירקפעטריק, און ער אליין, האבען אנגעווענדעט געגען די סטרייקענדע ארבייטער פון מרס. קוירקפעטריק׳ס דרעסמייקינג שאפ. אזא קאמיטע ווערט ערוועהלט, און די שוועסטער קלארא פרידמאן, מאלי פרדימאן, אננא מינטץ, סאראה קעימען און בר. עסענפעלד, ווערען ערוועהלט אין דער קאמיטע.

די פראגע פון מאכען די לעצטע אראנזשמענטס וועגען די סטרייקענדע שעפער ווערט איבערגעגעבען צוריק צו דער קאמיטע, אז זי זאל אין דער פראגע האנדלען, ווי זי וועט געפינען פאר נויטיג.

אויפ׳ן פארשלאג פון ברודער טייטעלצווייג ווערט ערוועהלט א גריוועגס קאמיטע פון פיער אויפצונעהמען מיט דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן די פראגען וועגען די סטרייקענדע שעפער, וועלכע זיינען מעמבערס אין דער אסאסיאיישאן, און זעהן מיט זיי צו קומען צו א פארשטענדיגונג. די ברידער האראוויץ, רייזבערג, טייטעלצווייג און היימאן ווערען ערוועהלט אין דער קאמיטע.

ברודער שעהנהאלץ שיקט צו א צושריפט צו די עקז. באארד מיט א רעקאמענדיישאן, אז מר. מ. גאלדפיעלד זאל באשטימט ווערען אלס אן אסיסטענט סעקרעטער. עס ווערט גוט־געהייסען.

א קאמיטע, באשטעהענד פון ברידער היימאן, האראוויץ, רייזבערג, קאביאטי און שוועסטער מאלי פריעדמאן, ווערט ערוועהלט, צו קאנפערירען מיט דר. פרייס, דירעקטאר פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל“, וועגען מאכען די נויטיגע אראנדזשמענטס פאר דער אויפפאסונג אויף די סאניטארע באדינגונגען און וועגען פייער־דרילס אין די ווייסט און דרעס שעפער.

עס ווערט אויפגענומען די פראגע פון וואהלען פאר בעאמטע און די ברידער פאגראן, טוירק און דייווידסאן ווערען ערוועהלט אין א קאמיטע, אויסצוארבייטען די נויטיגע פלענער, און באריכטען וועגען דעם צום נעקסטען מיטינג פון׳ם עקזעקוטיוו באארד.

דער באריכט פון דער אפיס־קאמיטע ווערט אויסגעהערט, און אויך איהר רעקאמענדאציע ווערט באשלאסען צו ערוועהלען א קאמיטע פון צוויי, וועלכע זאלען צוזאמען מיט מיס נאוויק, א מעמבער פון דער קאנטראל קאמיטע, איבערגעהן די רעקארדס פון די אלע איינגאהמען און אויסגאבען, וואס די יוניאן האט געהאט אין דער צייט פון׳ם סטרייק. די שוועסטער סילא קאפלאן און קלארא פרידמאן ווערען ערוועהלט אין דיזער קאמיטע, און ווערען אינסטרואירט אנצופיהרען זייער ארבייט אין איינעם מיט דעם עקאונטענט פון דער אינטערנעשאנעל. עס ווערט אויך באשלאסען, אז ברודער ווייס זאל פארזעצען צו טאן זיין ארבייט אלס ארגאנייזער אין דער יוניאן, וואס ער האט געטאן ביז דער צייט פון׳ם סטרייק.

שוועסטער דזשעני מאטיאס שטעלט צו איהר באריכט וועגען די שעפער אין דזשוירזי און עס ווערט באשלאסען פארצוברענגען דיזען באריכט פאר דער קאמיטע פון ניין, אז זיי, צוזאמען מיט די גענעראל בעאמטע פון אינטערנעשאנעל, זאלען אראנזשירען די ווייטערדיגע ארבייט וועגען די אוט־אוו־טאון שעפער.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

י. שעהנהאלץ, סעק.

קלאוק באטענהאל מייקערס יוניאן לאקאל 64.

ביי א ספעשיל מיטינג פון לאק. 64, א. ל. ג. י. אפגעהאלטען דעם 30טען אפריל, איז אפגעגעבען געווארען א באריכט פון אונזער טעאטער אונטערנעמונג וואס האט שטאטגעפונען דעם 1טען אפריל, אין מאריס שווארץ׳ס אירווינג פליים טעאטער. די אונטערנעמונג איז געוועזען א גרויסער ערפאלג. א דאנק די מיה פון איניגע איבערגעבענע מעמבערס. דארום האט דער לאקאל באשלאסען צו באדאנקען די פאלגענדע מעמבערס דורך דער פרעסע.

מאקס מאזער; העררי דעסעל; סעם פלאנצבוים; העררי ראזענוואסער און סעם לעווין.

דערמיט דריקט דער לאקאל אויס זיין טיעפען דאנק צו די דאזיגע ברידער פאר זייער איבערגעבענער ארבייט פאר אונזער ארגאניזאציאן:

א ספעציעלען דאנק דריקט דער לאקאל אויס צום יונגען טאלאנטפולען שוישפילער דוד ליב זיידענבערג וואס האט מיט זיין שפילען בייגעטראגען צום ערפאלג.

פרעס קאמיטע,
מאקס טווין, איזידאר שיפמאן,

פרעזענטירט א טשערלײדי.

די ארבייטער פון דער „אמעריקאן ליידיס ווייסט קאמפ.“ האבען דעם 1טען מאי אויסגעדריקט זייער אנערקענונג צו דער טשערליידי פון דעם שאפ, שוועסטער יעטא קארעפסקי, דורך א „לינען שויער“.

פרעס קאמיטע.

ווייסט און דרעס טייקערס יוניאן, לאקאל 25

אויפמערקזאם!

א מיטינג פון אלע שאפ-טשערלייטע און יוניטי-מעמבערס פון ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25 וועט אפגעהאלטען ווערען מאנטאג, דעם 12טען מאי, 6 אוהר אווענט, אין יוניטי סענטער, 314 איסט 20טע סט. (פאבליק סקוהל נומער 40).

א באריכט וועגען די לעצטע אראנדזשמענטס פון דער יוניטי-הויז, וואס אונזער יוניאן האט געקויפט, וועט אפגעגעבען ווערען.

מיסס פוינטץ וועט אדרעסירען דעם מיטינג.

לײדיעס ווייסט און דרעסמאכער יוניאן ל. 25.

ERON PREPARATORY SCHOOL
183-5-7 East Broadway

דזש. ע. איראן, פרינציפאל.

טאג און אבענד קלאסען אין אלע רידזשענטס, פארפערטיגט צום קאלעדזש, אין אויך קאמוירשעל סאבדזשעקטס.

לערענט זיך, אויב איהר ווילט זיך צועפעס דערשלאגען אין דער וועלט.

„נייזעל-רעסט" הייסט בעקוועמ-ליכקייט!
די קאסט איז קליין — דער פערגעני-גען גרויס!

יעדער איינער וואס טראגט גלעזער — דארף נוצען א פריים וועלכע זאל פאסען זיין נאז, און זאל ניט פעראורזאכען שמערצען אדער נערוועזיטעט.

דר. ב. ל. בעקער'ס „נייזעל-רעסט" איז געשאפען געווארען צו פערמיידען די אלע שווערינקייטען.

דר. בארנעט ל. בעקער
אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway
100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn
895 Prospect Ave., Bronx

אויגען ווערען עקזאמינירט ביי די בעסטע אויגען-ספעציאהיסטען.

עס געמאכט באזונדער קלאר. ער איז דאך געוועזן דער הויפט טוער אין דער קאנטרי אין דער צייט פון סטרייק, און ווי פאר-העלטניסמעסיג וועניג ער האט דערגרייכט מיט אלע זיינע גרויסע אנשטרענגונגען!

אלע פארשטעהען אבער, אז עס מוז איינ-מאל פאר אלע מאל געמאכט ווערען א סוף צו אזא לאגע, אז כדי די זיגעס אין ניו יארק זאלען זיין פון אירגענד א ווערט, מוז די קאנטרי-ארבייט יוניאניזירט ווע-רען, און אז דאס מוז געטאן ווערען ניט אין דער צייט פון סטרייק, נאר דוקא אין דער צייט פון פרידען.

אבער ווי פיהרט מען עס אויס?

א גראנדיאזען פלאן האט ב. שלע-זינגער אויסגעארבייט; אבער עס איז א פלאן, וועלכער פאדערט אונגעהייערע מיטלען, און דאס איצט, ווען די גאנצע קלאוק אינדוסטריע ניט נאר אין ניו יארק, נאר איבער'ן גאנצען לאנד איז אויפ'ן שוועל פאר א קאמפף.

און דאך, דער פלאן ווערט בשום אופן ניט פארווארפען, ווייל עס איז צו שווער. ווארום אז מען מוז איז דאך ניט שייך.

און דאס איז געוועזן דער באגייס-טערנדסטער, אפשר, מאמענט פון אלע זיצונגען, וועלכע איך האב ביינעוואוינט. פאר די פארזאמעלטע, ווי עס האט אויסגעזעהען, עקזיסטירט ניט אזא זאך ווי „אונמעגליך". גראדע דאס אונמעג-ליכע, דאס שווערסטע רייצט זיי. זיי זו-כען ניט דעם וועג, אויף וועלכען עס לאזט זיך געהן וואס לייכטער און אויף וועלכען מען קען געוועהנליך ווייניג וואס דער-גרייכען, נאר גראדע דעם שווערען וועג, דעם וועג פול מיט שטיינער, אבער אין דערזעלבער צייט מיט אזעלכע גרויסע, שעהנע פארשפרעכונגען.

איך וועל דא זאגען נאך א ווארט וועגען דעם באנקעט, וואס איז פאראנ-שטאלטעט געווארען פון דער דזשאינט באארד פון די קלאוק מאכער אין פילא-דעלפיא. דער באנקעט איז געוועזן איינער פון די שעהנסטע, וואס איך האב אמאל ביינעוואוינט. ברודער אמדור, דער פיה-רער פון די קלאוק מאכער אין פילאדעל-פיא, איז אן אידעאלער טאאסטמאכער. די רעדען פון מיר, וויינבערג, פיינבערג, טשערמאן פון דזש. ב., ע. ליבערמאן, פא-ניא מ. קאהן און ב. שלעזינגער זיינען גע-וועזן פון דעם בעסטען סארט באנקעט רע-דען, און איך בין זיכער, אז נאך קיינער האט ניט אזוי כשר פארדינט א באנקעט, ווי די שוועטער-ארבייטער:דע דזשענעראל עק-זעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשיא-נאל.

ש. יאנאווסקי.

סטראטמאר פרעס
אפ-טו-דייט פרינטינג
447 פוירל סטריט,
ניו יארק.

ענעראל עקזעקוטיוו
ביי דער ארבייט

לוס פון זייט 6)
ט אונז פון אלע קאמיטעס,
שוין אויסגעקליבען געווא-
וועלכע יערע ווייס איהר
פונקציע, אין עס דוכט זיך
ר איך שטעהט אן אימפּרע-
בער דערצעהלט איך פון די
", וועלכע ער האט דורכגע-
י אקטיוירען, און ווי גוט יע-
קען און פארשטעהט זיין

מאמענט זיינען מיר פארטיג
ן, פארענדיגט ברודער זיג-
פארט, און, ווען ער ענדיגט
ער טשערמאן פרעגט ביי די
, נאכדעם, ווען עס זיינען
ווארען אייניגע זעהר וויכ-
פון ברודער אמדור און אנ-
זיי הייסען גוט אלעם דאס,
יק מאכער יוניאן געהט טאן,
ען עטוואס אויסצוזעצען גע-
טעלטע פאדערונגען, א חוץ
פאדערונג פון וואך-ארבייט,
אלע זיינען איינפערשטאנען,
ען, אהן אן אויסנאהם, קומט
מינער ענטפער יא, און שלע-
זיין אייביגע געלאסענהייט
„טהי איים העוו איט".
ן מיך צואיילען, איך מוז אי-
אינטערעסאנטע דעבאטען,
פען ארוים פארשידענע רע-
קאמיטעס, און וועל עס, טייל-
ענטליכען, ווען די „מינוטס"
גען וועלען זיין פארטיג. ליי-
איצט אוממעגליך דורך די
ראנקהייט פון ברודער בא-
ז עס ליגט פאר מיר בלויז
פון די לעצטע צוויי זיצונ-
בענט פון ברודער פערלשטיין,
ט פארנומען בארא'ס פלאץ
ל. דא זאל נאר פארצייכענט
צווייטער וויכטיגער באשלוס,
נגענומען געווארען פון דער
ע־זעקוטיוו באארד וועגען
וואציאנס-ארבייט אין דער

גע איז איינע פון די וויכטיג-
האט דערפאר פארנומען גאר
סעל צייט. די פארזאמעלטע
אהן אן אויסנאהם, באגריי-
לע זיגעס פון די ניו יארקער
וועזען פאראליזירט ווערען פון
אניזירטען שאפ אין קאנטרי.
זינגער, ווי אויך בארא, הא-
גט אין זייערע רעפארטען, אז
איז געוועזן דאס הויפט-פּראָ-
דעם סטרייק פון די ליידיס
ער. וואס פאר אן אוצר מיט
נטרי האט פארשלונגען! ברו-
וויטש, אין זיין רעפארט, האט

צו אלע קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער.

ברידער און שוועסטער!

די צייט פון סטרייק דערנעהנטערט זיך, און דארום מוז יעצט הערען די מאסא פון יעדען יו-
ן מאן צו זיין א גוטשטעהענדער מעמבער אין זיין לאקאל און ניט ווארטען ביז דער לעצ-
ער מינוט פון סטרייק.

ניט נאר דארף יעדער מעמבער אבצאהלען זיינע שולדען, נאר עס מוז ווערען דער שלאג ווארט אין יעצטיגע
מענט:

צוויי מאנאט דיוס אין פאראויס

לע שאפ טשערלייטע האבען שוין אנגעפאנגען א קאמפיין אין די שעפער דאס יעדער ארבייטער זאל איינצאהלען
דארום וואלט איהר זיך בעסער צוהיילען יעצט צו באצאהלען אייערע שולדען און ניט ווארטען ביז דער לעצטער
ום. מיט עס וועט איהר פארמיידען די אומבאקוועמליכקייט פון שטעהן אין „נעקסט" און ווארטען אין ליין, און
ד פאר ערען די ענגשאפט אין די אפיסעס.

טוט אייער פליכט צו זיך זעלבסט.

די דזשוינט באארד קלאוק, סקוירט און ריפער
מאכער יוניאן

ל. לאנגער, סעקרעטער.

רעזאָרסעס איבער

$60,000,000.00

מעהר ווי 100,000 דעפּאָזיטאָרס

די סטייט באנק

זיכער — קאָנסערוואטיוו — צופריעדענשטעלענד

מעמבער פון ניו יארק קלירינג הויז

די יונייטעד סטייטס גאָווערנמענט, סטייט און סיטי אָוו ניו יארק, און די יונייטעד סטייטס פּאָסטאל סייווינגס דעפּאָזיטען מיט אונז.

ווערט אויך איינער פון אונזערע דעפּאָזיטארס.

THE STATE BANK

שטאַרק ווי דער פעלזען פון גיבראלטאר

374 גרענד סטריט, ניו יאָרק

7 וועסט 26טע סטריט. 100 עסעקס סט. 1400 פינפטע עוועניו

158טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עוועניוס

ברוקלין ברענטשעס:

גרעהעם עוו. און ווערעט סט., פיטקין און סטאון עוועניוס.

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פּ. בר.

סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאָן סטריט. ניו יארק

טעלעפאָן גרעמערסי 2441

די לענאַרד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

טעל. אָרטשארד 2186

שיטצען האַלל

12 סט. מארקס פּליים

זעהר שענע און בעקוועהמע מיטינג רומס.

א סטריקטלי יוניאן הויז.

טוירטעלטויב & שייפער, מגר.

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערס.

484־90 6טע עוועניו,

ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

די יוניאן־קאָאָפּעראטיוו סאָסייעטי

לאָקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן

פערקויפט אויסשליסליך

זוייט לילי טהעע

קאָלאָמביא טהעע

צוועטאָטשני טשאַי

וואס יעדער מעמבער פון לאָקאל 23 דארף וויסען און געדענקען וועגען קראנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעלדעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אָן אייער ריכטיגען אדרעס, דעם פלאָר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין באָרד, גיט אָן דעם נאָמען ביי ווע־מען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אָפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האָספּיטאל גיט אָן דעם נאָמען פון האָספּיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאָן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאָג וואס איהר האָט זיך אפיציעל גע־מאָלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאָן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאן דאָקטאָר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאָקטוירים, סערטיפיקייטס פון לא־דזשען אדער פאראיינען וועלען פאזי־טיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאָקטאָר'ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאָל אין וואך אין אפיס פון יוניאָן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בא־רעכטיגט די וועלכע האָבען איינגע־צאָלט אמווינציגסטען פאר איין מאָ־נאט בעפאר ער אדער זי האָט זיך גע־מאָלדען קראנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאָנאטען, ווערט איהר פאר־רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואך בענעפיט ווערט געצאָהלט אויפ'ן 10טען טאָג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואנדער, מענעדזשער.

צו די מיטגלידער פון דער אינט. לידיס גאַרמענט װאָרקערס יוניאָן.

א וויכטיגע באקאנטמאכונג

די מעדיקאל און דענטאל קליניקס פון 31 יוניאן סקווער, וועלכע זיינען עטאבלירט און אנגעפיהרט געווארען פון דעם דזשאָינט באָארד אוו סאניטארי קאָנטראל וועלען פון דעם 1טען מאי, 1919, איבערגענומען ווערען

פון דער „יוניאָן קליניקס אסאָסיאיישאָן"

די אסאָסיאיישאָן איז צוזאמענגעשטעלט פון איינינע ניו יארקער לאָקאלס פון די אינטערנעשאנאל, מיט די פאָל־גענדע פּערזאָנען אלס בעאמטע: הערי וואנדער, פּרעזידענט; אברהם ע. קאָהן, טרעזשורער; סעמיועל דזש. רינ־גער, סעקרעטער; י. זארעמסקי, דזשייקאב קעסטין און ד. רובין, — באָארד אוו דירעקטאָרס. אלס דירעקטאָר פון די קליניקס פארבלייבט אונזער דר. דזשארדזש מ. פּריין.

עקזאמינײשאָנס און טריטמענט פאר אלע מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאָרקערס יוניאָן.

דינסטאג און דאנערשטאג 1.30 ביז 2.30 נ. מ.

דר. דזשייקאב ליכטענשטיין

דאנערשטאג פון 5 ביז 7 פארנאכט

דר. הערמאן שוואט

דינסטאג פון 5 ביז 7 פארנאכט (נאָר פאר פרויען).

דר. פעני דעמבאָ.

מיטגליעדער וועלען באקומען א פאָלשטענדיגע אונטערזוכונג, טריט־מענט און פּרעסקריפּשאָנס. די מיט־גליעדער דארפען ברענגען קארדס פון זייערע לאקאלס, אחוץ די מיטגליעדער פון די לאָקאלס 1, 23, 25 און 35 קאָנען קומען אהן קארדס.

ספּעציעלע אונטערזוכונג און טריטמענט פון מאָגען קראנקהייטען.

דר. הערים וויינשטיין און דר. ה. פריעד. דאָנערשטאג, פון 2 ביז 3 נאָכמיטאג.

ספּעציעלע אונטערזוכונג פון נאָז און האלז.

דר. אדאָלף ווייזענהאפער. שבת, 2 אוהר נאָכמיטאג.

פאר די אונטערזוכונגען דארף מען באצאָהלען. מיטגליעדער דארפען צאָהלען איין דאלאר צו דעקען א טייל פון די אויסגאבען אויפצוהאלטען די קליניקס.

דעם 7טען מאי ווערט אונזער דענטאל קליניג אלט צוויי יאָהר. וועגען דעם דענטאל קליניק וועלען מיר האָבען נעקסטע וואָך א ספּעציעלען רעפּאָרט.

אלע מיטגליעדער קאָנען קומען זיך בעראטען מיט אונזערע דענטיסטען און עקזאמינירט ווערען פ ר י י אהן אירגענד וועלכען געצאָהלט.

31 יוניאָן סקווער (אריינגאנג דורך 23 איסט 16טע סט.) נאָך 6 א זיינער רינגט די בעל

סטרייק נאטיץ! ...ק נאטיץ!

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

...ילען, מיר ...גערעכט ...י, צו וועד... ...ט זיך אונז ...גערעכט". ...ו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. PRICE 3 CENTS New York, Wednesday, May 14th, 1919. מיטוואך, דער 14טער מאי, 1919.

...ר דזשענעראל סטרייק ערקלערט ...היינט, 10 אזייגער אין דער פריה

...מיטוואך, דעם 14טען מאי, 1919 פונקט 10 אוהר אין דער פריה, ...און ניט שפעטער, מוז יעדער קלאוק און סקוירט מאכער, אפעריי־ ...טערס, פרעסער, קאטערס, שטיק־שניידער און סעמפעל־מאכער, ...ר, באטאנהאל מאכער, עקזאמינערס, באגראדערס און בושלער — ...יי ארבייט און אלע צוזאמען ארונטערגעהן אין סטרייק.

...פון אייך זאל ניט בלייבען אין שאפ, אלע ארונטער!

...ווערט אויפגעפאדערט, אז ביים ארונטערגעהן אין סטרייק זאל ...שטענדיגע ארדנונג. פארלירט זיך ניט, מאכט ניט קיין טומעל. ...הר אין דער פריה זאל יעדער פון אייך איינפאקען זיינע ארבייטס־ ...ם מיטנעהמען מיט זיך. נעהמט מיט אייערע שערס און אלעס ...ט צו אייך. געהט ארונטער פון די שעפער שטיל און רוהיג, אויב ...ילען אייך ניט לאזען ארונטערגעהן מיט'ן עלעווייטאר, מאכט ניט ...פארביינט אייער כבוד, און געהט ארונטער מיט די טרעפ און ...ן ארדנונג אין די האלס, וועלכע ווערען אנגעציינט אויף זייט 2.

ברידער און שוועסטער! ווארט ניט א קאמיטע זאל אייך קומען ארונ־טערנעהמען, מיר וועלען ניט שיקען קיין קאמיטעס. איהר זייט גענוג קלא־סען־באוואוסט ארונטערצוגעהן אין גוטער ארדנונג און דיסציפלין, ווי עס פאסט זיך פאר אן ארגאניזירטער ארמיי. אלזא, שוועסטער און ברידער, אלע ארונטער און זאל יעדער שאפ געהן אין דעם האל ווי עס ווערט אנגעציינט אויף זייט 2, וואס וועט זיין אייער סטרייק־קוואטיר ווי לאנג דער סטרייק וועט אנהאלטען.

עס לעבע דער קאמף! עס לעבע דער זיעג!

בײ ארדער פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע פון דער קלאוק, סקוירט און ריפערמאכער יוניאן, אינטערנע־שיאנעל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן.

GENERAL STRIKE DECLARED, TO-DAY, 10 O'CLOCK THIS MOR...

To-day, Wednesday, May 14th, at 10 A. M. sharp, all Cloak and Skirt Makers, Operators, Finishers, Pressers, Cutters, Piece Tailors and Samplemakers, Buttonholemakers, Reefermakers, Examiners, and Bushlers must quit work promptly and all together go out on strike.

None of you is to remain in the shop. All must go down on the minute.

You are urged to maintain perfect order in leaving your shops. Do not lose your self-control and refrain from creating disturbances of any kind. At ten o'clock sharp each and every one of you must pack up his tools and take them with him. Remove from the shop everything that belongs to you. Leave the shops in perfect quiet and order. If the use of the elevators will be denied to you, disregard this discourtesy and use the staircases. Upon leaving the... ceed at once to the halls designated on Page 3.

Brothers and sisters! Do not wait for committees t... take you down. We will not send committees. You ar... scious enough to come down in perfect order, with perfec... as befits a well organized army. The hall designated on ... be your strike headquarters for the duration of the strik... immediately after leaving the shop.

Hurrah for the Strike! Hurrah for the Victory!

BY ORDER OF THE GENERAL STRIKE CO...
OF THE CLOAK, SKIRT AND REEFER MAKER...
INTERNATIONAL LADIES' GARMENT WORKE...

DICHIARAZIONE DI SCIOPERO GENERA...

CHE AVRA EFFETTO QUESTA MATTINA ALLE 10 A. M.

Quest 'oggi, Mercoledi, 14 Maggio alle ore 10 A. M. precise, tutti voi Cloakmakers, Skirt e Reefermakers, Macchinisti, Finishers, Pressatori, Tagliatori, Sarti a pezzo, campionisti, Occhiellai, Esaminatori, Bushlers dovete scendere in isciopero.

Nessuno di voi deve ri manere nel laboratorio. Tutti debbono scendere in istrada in un momento.

Voi siete avvisati di mantenervi in perfetto ordine nel lasciare il posto di lavoro.

Sappiatevi controllare per non commettere disordine o disturbo di nessuna natura.

Alle 10 precise ognuno di voi pigliate gli oggetti di propria pertinenza ed uscite. Lasciate la fattoria in perfetto ordine e colla massima calma. Se il conduttore dell'ascensore si rifiuta di scendervi, non fate nessuna rimostranza e venite giu per le scale.

Dopo che avete lasciato la fattoria recatevi nella sala... cata in inglese in questo manifesto.

Compagni e Compagne! Non aspettate nessun C... venga ad invitarvi a scendere. Voi avete piena coscienz... dovere di classe e scendete con ordine e disciplina come... ad operai organizzati.

La sala designata a ciascuno di voi restera la vostra... tutta la durata dello sciopero.

Andate nella sala direttamente, appena lasciate la f...

Viva la sciopero! Viva la Vittoria dell' Organizzazi...

Per ordine del Comitato Generale dello Sciopero... Skirt and Reefers Makers' Union.

INTERNATIONAL ...
GARMENT WORKE...

די וויסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25 קויפט א פלאץ אין קאונטרי פאר 90 טויזענד דאלאר

די יוניאן קויפט א האטעל ארומגערינגעלט מיט 12 קאטעדזשעס אלס א זומער־היים פאר די מיטגליעדער, — די זומער ווילא האט אלע מאדערנע איינריכטונגען. — אן אייגענער טייך מיט 50 שיפלעך צום שיפען זיך און פיש־כאפען. — א גרויסער סווימינג פול. אלע וואס האבען געזעהען דעם פלאץ זאגען אז ס'איז א גן עדן אויף דער וועלט!

ענדליך אין אן אייגענע היים! נאך דריי יאהר פון ארומשלעפען זיך, זוכענדיג א באקוועמען פלאץ, וואו אפצורוהען זיך אויף א פאר וואכען אין די הייסע זומער־מאנאטען, האט לאקאל 25 איצט ענדליך געפונען א מקום־מנוחה.

„אוים מיט די לענדלארדס!" האבען די וויסטמאכער באשלאסען נאך זייער לעצטער ערפאהרונג, וואס זיי האבען געהאט פאר א יאהרען זומער מיט זייער בעדונגענער זומער־היים. „מיר מוזען זיך איינשאפען אן אייגענע יוניטי־הויז!" איז געווארען זייערע אלעמענס לאזונג; און טאקע באלד האבען זיי אנגעהויבען צו שפארען זייערע פענעס, וועלכע האבען זיך שנעל צוזאמעקסען אין דאלארדינג, פינף־דאלארדינג, צעהן־דאלארדינג און א. וו., ביז א פאנד פון היבשע עטליכע הונדערט דאלאר איז צונויפגעזאמעלט געווארען, און די יוניטי הויז קאמיטע האט זיך א נעהם געטאן צו דער ארבייט, צו געפינען אן אייגענע זומער־היים.

די יוניטי הויז קאמיטע באשטעהט פון רעבעקא סילווער, קלארא פרידמאן, אננא מארען און י. לייבאוויטץ. די דאזיגע קאמיטע האט זיך ארויסגעלאזט זוכען א פאסענדען זומער־פלאץ, וואו די וויסטמאכער יוניאן זאל קענען קויפען אן אייגענע, באשטענדיגע זומער־היים, א יוניטי הויז פאר איהרע מיטגליעדער. דעם גאנצען ווינטער לאנג האט די קאמיטע ארומגעזוכט און איבערגעזעהען א סך שעהנע קאנטרי־פלעצער און זומער האטעלען, אבער קיין איינער פון אט די פלעצער און האטעלען איז ניט געווען גוט גענוג, שעהן גענוג און גרויס גענוג פאר לאקאל 25. די קאמיטע האט ביי זיך אפגעמאכט איינמאל פאר אלע מאל, אז דאס הויז, וואס זאל זוכה זיין געקרוינט צו ווערען מיט דעם נאמען „יוניטי הויז" און ווערען די באשטענדיגע זומער־היים פאר די וויסטמאכער און וויסטמאכערינס, מוז פריהער פאר אלץ זיין גענוג גרויס און גראם צו קענען אקאמאדירען וועניגסטענס א 500 פערזאן אויף אמאל; דערצו מוז דאס אויך זיין ארומגערינגעלט מיט עכטער און אמת'ער נאטירליכער שעהנקייט, צו וועלכער די וויסטמאכערינס זיינען געוואוינט געווארען פאר א יאהרען זומער; און — ס'פארשטעהט זיך — אז דאס הויז מוז אויך האבען אלע מאדערנע איינריכטונגען און באקוועמליכקייטען, נאך וועלכע די פאר א יאהרינע „יוניטי הויז" האט געבענקט שטארק געבענקט, אבער ניט פארמאגט.

אט דאס איז געווען די פראגראם פון דער יוניטי הויז קאמיטע ווען זי איז ארומגעפאהרען נאכזוכען א זומער־היים פאר די וויסטמאכער. די פראגראם — מוז מען מודה זיין — איז אודאי זעהר שעהן, און די כונה פון דער קאמיטע איז אויך א גוטע; אבער — וועט איהר פרעגען — וואו געפינט מען דען אזא מין „פאלאץ"? איז דער תירוץ: „יגעתי ומצאתי!", אז מען זוכט געפינט מען! א סימן האט איהר, אט האט איצט די יוניטי־הויז קאמיטע טאקע געפונען אזא היים, ווי זי האט לאנג געזוכט, אויב ניט נאך א בעסערע!

אין די „בלויע בערג" אין'ם שטאאט פענסילווייניא, ניט ווייט פון „סאליוואן קאונטי", אויף איין זייט, און פון דער בארימטער גערטנער־שטרעקע, וואס איז באקאנט אונטער'ן נאמען די „דעלעווער וואטער געפ", פון דער צווייטער זייט, שפרייט זיך אויס א גרויסע שטיק לאנד פון איבער 700 אקער, באדעקט מיט פעלדער, וועלדער און בערג, וואס רינגלען ארום א שעהנעם קלארען טייך. אויף דעם ברעג פון'ם דאזיגען טייך ליגט א גאנצע גרופע האטעלען, וואס זעהט אויס ווי א פאנטאסטיש דערפעל. יעדער פון די דאזיגע האטעלען איז אויסגעשטאטעט מיט די בעסטע און נייעסטע איינריכטונגען פאר אלע באקוועמליכקייטען, און מיט ערפריגונגען פאר עכטען קאמפארט און פארוויילונג. ארום־און־ארום זיינען די דאזיגע געביידעס צוועלף אין צאהל, פאר־באנאנדערגעטיילט דורך גרינע לאנקעס. יעדע פון די געביידעס איז ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט באקוועמע איינפאכע באלקאנען. אין דער צענטראלער געביידע, אדער „מוטער־הויז", ווי מען וואלט עס געמעגט רופען, געפינען זיך: דאס עס־צימער, וועמענס פענסטער קוקען ארויס אויפ'ן טייך, די הויפט־אפיסעס, די קיכען, דער פאסט־אפיס, די עלעקטרישע באטערען און דער טעלעפאן־צענטער. אין דער געביידע, אזוי גוט ווי אין די אלע איבעריגע עלף געביידעס, זיינען פאראן אויך שלאף־צימערן, אויסגעשטאטעט מיט דעם פיינסטען בעט־געוואנט. אין מעהרערע פון די צימערן זיינען אויך איינגעריכטעט קראנען מיט לויפענדען וואסער, כאטש מיט בלויז עטליכע שפאן ווייטער זיינען דא ארום 75 שעהנע באד־צימערן, איבעראל — באדע־צימערן! און נאך וואס פאר א באדע־צימערן! אלע מיט ווייסע פארצעלייענע ביטלעך, בעסטע קראנען און איבער־גענוג וואסער. א גרויסע צאהל צימערן עפענען זיך מיט טירען דירעקט אויף די באלקאנען, אזוי אז יעדער קען זיך גלייך פון'ם צימער ארויסקומען אויפ'ן באלקאן, און זיך דארטען במנוחה געניסען די פרישע שמעקעדיגע לופט פון די פיין־בוימער.

עס פעהלט דא ניט קיין איין שטאדטישע באקוועמליכקייט, אפילו אזעלכע, וואס מען געפינט בלויז אין די רייכסטע געגענדען פון ניו יארק. טעלעפאן, עלעקטרישע באלייכטונג, שפאציר־גארטענס, אפילו אייז־קרים און סאדע וועט דארט זיין צו קריגען אויפ'ן פלאץ. היינט דער טייך! קיין בעסערען פלאץ פאר שווימען, באדען און שיפען זיך קען זיך ווירקליך קיינער ניט ווינשען. אלעס איז איינגעריכטעט און צוגעגרייט מיט געשמאק און פארזיכט. אויסער די פופציג שיפלעך, וואס געפינען זיך תמיד אויפ'ן טייך, וועלען דארט אויך זיין אייגענע רעטונגס־שיפלעך און א ספעציעלע אונטער־ריכטער אין שווימען און רודערן. און אז מיר וועלען נאך דערמאנען דעם „טעניס־לאון" און דעם ספעציעלען אפענעם פלאץ פאר „באל־געימס", גימנאסטיק און אנדערע אטלעטישע איבונגען — האט איהר פאר זיך דאס בילד פון דער נייער יוניטי הויז פון אונזערע וויסטמאכער.

איהר וועט אפשר מיינען, אז דאס איז א פאעמא, אדער גלאט א חלום, אבער כלל ניט קיין פאקט! וועלען מיר אייך ענטפערן, אז די יוניטי הויז, וואס מיר האבען דא באשריבען, און וועלכע איז אין דער ווירקליכקייט נאך א הונדערט מאל שעהנער און בעסער איידער ווי איהר שטעלט זיך עס פאר, — אט די יוניטי הויז, וואס די וויסטמייקערס יוניאן האט ערשט היינטיגע וואך געקויפט, איז ניט קיין חלום, נאר א פאקט! אמת, — א זעהר קאסטבארער פאקט; ניינציג טויזענד (90,000) דאלאר איז דער פרייז דערפון. אבער טראץ דער דאזיגער גרויסער סומע איז די נייע יוניטי הויז א מציאה פאר דעם געלט. ביז איצט איז דאס דאזיגע פלאץ געווען א „סאמער־רעזארט" פאר די רייכע בעלי־גופים. עס פלעגט דארט געצאהלט ווערען פון פופציג ביז צוויי הונדערט און פופציג דאלאר א וואך פאר בלויז איינעם אדער עטליכע צימערען; און איצט וועלען דארט די פענים, דזשענים און מינים פון דער וויסטמאכער יוניאן לעבען און הנאה האבען פאר א סך וויניגער געלט, אבער מיט פיעל מעהר גענוס. זיי וועלען דארט זיין זייערע אייגענע בעלי־בתים איבער'ן גאנצען „דערפעל", ווייל — איהר פארשטעהט דאך — אז די נייע יוניטי־הויז איז אייגענטליך ניט איין הויז; די גאנצע גרופע הייזער, מיט אלץ מיט אנאנדער, איז אינקארפארירט אונטער'ן נאמען „יוניטי־הויז", און איז איצט דאס אייגענטום פון די וויסטמאכער.

די מזומנים וואס דארפען באצאהלט ווערען פאר דער דאזיגער „יוניטי הויז", וועלען באצאהלט ווערען פון די וואס זיינען שוין אדער וועלען ווערען די בעלי־בתים און אייגענטימער פון'ם „הויז", ד. ה., פון די זעלבע פענים, דזשענים און מינים, וואס וועלען יעדע האבען א חלק, א ש ע ר, אין זייער יוניטי־הויז. דאס קאן געטאן ווערען דורך דעם, וואס די יוניאן זאל ארויסלאזען א געוויסע צאהל „שערס" אדער „באנדס" אויף דער סומע, וואס די יוניטי־הויז טרעפט אן. דער פרייז פון יעדער „באנד" קאן באשטימט ווערען צו זיין, למשל, 5 דאלאר; און צווישען אזא גרויסע משפחה, קיין־עין־הרע, ווי די וויסט מאכער זיינען, וועט ניט שווער זיין צו פארקויפען גענוג באנדס אויף צו קריגען די פולע סומע, וואס האלט שוין דערווייל איצט אין־אויס־געצאהלט ווערען צום פארקויפער פון דעם זומער־פלאץ.

צו דעם דאזיגען צוועק ווערט איצט פון דער יוניטי־הויז קאמיטע גערופען א גרויסער מיטינג, פון די שוין־איצט יוניטי מעמבערס, שאפ־טשערלייט און אזוי אקטיווע מעמבערס פון דער יוניאן, אויף קומענדען מאנטאג, דעם 12טען מאי, גלייך נאך דער ארבייט, אין דעם יוניטי־צענטער, אין 314 איסט 20סטע סטריט. אויף יענעם מיטינג, צו וועלכען עס ווערען ערווארטעט אלע וויסטמאכער און וויסטמאכערינס, וועמען דער געדאנק וועגען אן אייגענער און באשטענדיגער יוניטי־הויז איז ליעב און טייער, וועלען גענוי ארומגערעדט ווערען די פלענער, וועגען און מיטלען ווי אזוי אמבעסטען און אם שנעלסטען צונויפצוקלאפען די נויטיגע סומע פאר דער נייער יוניטי הויז, וועלכע דארף, מוז און זאל ווערען דאס אייגענטום פון די וויסטמאכער.

קומענדען מאנטאג הויבט זיך אויך אן די רעגיסטרירונג פון די, וואס ווילען היינטיגען זומער פארברענגען זייער וואקיישאן אין דער נייער יוניטי הויז. דער פרייז פאר „באארד" איז $12.50 א וואך, און די רייזע־קאסטען, הין און צוריק, זיינען $5.00.

$12.50 א וואך פאר „באארד און לאזשי" ביים היינטיגען יקרות איז א זעהר קליינער פרייז. עס ווערט היינט געצאהלט אנדערהאלבען און צוויי מאל אזוי פיעל אין פלעצער, וואס קענען אפילו אין חלום ניט פארגליכען ווערען מיט דער דאזיגער „יוניטי ווילעדזש".

עס ווערט דעריבער ערווארטעט א גרויסער „געלאף" אויף דער יוניטי־ווילעדזש. דערפאר איז דאס זעהר ראטזאם אז אלע וויסטמאכער און וויסטמאכערינס, וואס ווילען פאהרען היינטיגען זומער אין זייער „יוניטי הויז", זאלען זיך באצייטענס רעגיסטרירען און ניט אפ־לעגען אויף שפעטער.

דער „יוניטי האטעל" מיט די ארומיגע קאטעדזשעס.

דער טייך מיט אלע איינריכטונגען צום באדען זיך און צו פארברענגען.